STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07399

GEKLIBENE LIDER

Z. Weinper

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע ווערק

פון ז. ווײנפער

ערשטער באנד

געקליבענע לידער

—פּ—

פארלאג
„אויפקום“
ניו יארק
1932

געקליבענע לידער

פון

ז. ווײַנפער

פאַרלאַג
אויפקום
ניו־יאָרק

1932

Copyright
By Z. WEINPER
New York, 1932

די מעשה איז אַזאַ

איך געדענק — קליינערהייט — איינמאָל, ווען מיר די קינדער פון גאַס זענען אַרויסגעקומען אַלע מיט די פאָנען לכבוד שמחת־תורה, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ קריג, וועמענס ס'איז די שענסטע, האָב איך זיך דערמאָנט אַז איך האָב נאָך דעם פּורים־גראַגער פון פאַריאָרן. האָב איך אים אַרויסגעבראַכט ער זאָל מיר העלפן איבערשרייען.

האָט דאָס טאַקע געהאָלפן אויף אַ ווייל און ס'איז שטיל געוואָרן, אָבער ווי נאָר כ'האָב געעפנט דאָס מויל אָנצוווייזן אויף די מעלות פון מיין פאָן, זענען אַלע ברוגז געוואָרן און מיך איבערגעלאָזן.

איינער בלויז, אַ חבר מיט אַ גוטער נשמה, איינגער פון מיר מיט אַ צוויי יאָר, איז געבליבן און מיך געטרייסט:

— מיר האָבן ביידע שיינע פאָנען — האָט ער געזאָגט — נאָר דו ביזט עלטער מעגסטו האָבן אַ גראַגער אויך.

און אַזוי טאַקע זענען מיר ביידע אַוועק אין שול אַריין זיך דרייען מיט די גרויסע וואָס טראָגן תורות, — און שוין אַ היבש ביסל יאָר (עס קלינגט ווי אַ בייקע, נאָר ס'איז אמת), מיר דרייען זיך נאָך אַלץ מיט די פאָנען ביידע און מיט די עפּל אויף זיי און מיט אַלצדינג, נאָר איך פאָרויס, ווייל איך האָב אַ גראַגער.

און איצט, אַז איך בין פאַרטיק מיט זיך דעם פירשפּרעכער, קענען מיר אָנהויבן:

שרייבט ווינפּער אין אַ בריוו צו מיר אַט־וואָס:

„מיינע לידער,—קאָלירנדיקע זייפנבלאָזן, אַ ביסל האַרבסטיקער אומעט, ציטער איבער דעם אייגענעם ביסל אָטעם, צער און מורא פאַר ווערן אויס; פאַרגאַפטקייט איבער אַ ביסל רויך פון אַ קוימען, רעליגיעז אין דעם אָנגע־זיכט פון אַ — וואַקסנדיק גרעזל; איבערשוימטע פרייד ווען ס'איז דאַ מיט וועמען, און מער פון אַלץ — דאַנקבאַרקייט פאַר דעם מינדסטן ביסל שיין וואָס פאַלט צופעליק אויך אויף דער טיר פון מיין שוועל...“

לייען איך און בין גרייט צו זיין אַן עדות אויב מען דאַרף.

און אויפן וואָר, דאָס אמת'ע וואָרט טוט וואונדער. עס נעמט אַוועק וואַנט און ווייטקייט. ביזטו אַליין — האָסטו מיטאמאָל עמיצן וואָס רעט צו דיר, דאַכט זיך שטיל און פּראָסט ווי אין אַ וואָכנטאָג, נאָר אין דיין נשמה ווערט יום־טוב, און אַפילו דער טרויער, וואָס דאַרף וויינען

אויף דיר מיט פינצטערניש אין קעלט האַרבסטיקער, ביים שפּיל מיט׳ן וואָרט לויכט ער אויף ווי די זון ווען זי גייט אויף — און דו מיינסט ס׳איז זומער: און ווייל דו ווילסט העלפן די פייגל וואָס זינגען אריין דורכ׳ן פענצטער — ווערסטו אַ קינד, וואָס קוועטשט אינמיטן שטוב אַ קוקלע מיט טאַצן, און סע דזשימדזשעט.

אַ רחמנות איז נאָר אויף מיין שכן דעם קלעזמער — ער איז אַ מבין. ווייל ער סקריפּעט אויף אַ באַס, זענען טאַצן ניט קיין אינסטרומענט. און פון אַ דודקע איז אָפּגערעדט. שטופּ אים אין האַרץ אַריין אַ גאַנץ דאָרף אין מאָרגנשיין, מיט דיין שפּיל איז עס גאָרנישט — ווייל בעטהאָווען קען בעסער, און פּאַגאַניני איז געווען געניאַל.

און דער עסטעטיקער — אַליין מיט אַ פּנים פון אַן עלטערער כלה ביים פאָטאָגראַפירן זיך — קרימט זיך אויך.

מאָרגענשטערן, דער דייטש, באַשרייבט איינעם אַזאַ אין זיינס אַ ליד:

אונטער אַ בוים, ביים ברעג פון אַ טייך, און דווקא פאַרנאַכט, שטייט ער און נעמט אַרויס אַ טיכעלע פון קעשענע, וואָס אויף איינעם פון די עקן איז אויסגעמאָלן אַ מיידל מיט אַ בוד אין האַנט.

וואָלט ער שוין דעם עק פאַרבויגן, דאָס מיידל זאָל ניט זען וואָס ער טוט (וואָס ז׳עט הערן אָרט אים ניט), אָבער דאָ פאַלט זיין בליק (מען זאָל זיך גאָרניט ריכטן) אויף אַ שוואַן, וואָס באַווייזט זיך. הויבט זיך אָן ביי אים רויטלען איין באַק און די אַנדערע, און, קורץ, ער לויפט אַוועק אומגעשנייצט.

און אַפילו וויינפּער, וואָס איז בטבע אַ גוטער, האָט זיי אויך פיינט, די דאָזיקע.

זיין ליד „אַ מענטש אַזאַ“

זיין טראָט, —
אַ ראָד,
וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון אַקס.
זיין פּנים איז ווי וואַקס, —
פאַרשטאַרט.
(האָט ער אַמאָל אויף עפּעס דען געוואַרט?)
נאָר אַז ער עפנט אויף דאָס ציינגלאָז מויל,
גייט אויף די גרויל
אין אַלערליי פיגורן:
די פרויען זיינען אַלע הורן
און שאַרלאַטאַנעס אַלע מענער,
די דיכטער קרייען ווי די הענער
און דער פרימאָרגן וועט זיך קיינמאָל ניט באַווייזן.

סע גייט ווייטער, — נאָר אויף דעם איז דאָ דאָס בוד. עפּנט און לייענט. און ווען איר זענט פאַרטיק וואַרפט אַרוים די בלום פון לאַץ, וועט דאָס זיין א סימן, אַז איר קערט זיך מער גאָרניט אָן מיט יענעם.

און איצט, אחרון אחרון חביב — דער מתנגד אין דער פּאָעזיע!

דאָס איז א גלגול פון א בייזן שבת־גוי, — אַזוינער אַז ער הייצט איין אין אויוון פאַרשטעקט ער אומיסטן דעם קוימען, ס'זאָל טשאַדען, — מען זאָל דאַרפן די פענצטער עפענען און ס'זאָל ווערן א קרירע אין שטוב.

איך קען איינעם אַזא. — ער וואָלט זיך פאַרליבט, נאָר אַז ס'איז נישטאָ אַזא מאָוסקייט, ער זאָל קענען חלש'ען, ווען ער קוקט אויף איר, וויל ער בעסער אינגאַנצן ניט. און א פּאָעט ביי אים דאַרף האָבן קראַנקע לונגען מיט א האַרב און דאַרף אַרומשווימען ס' גאַנצע לעבן אויף א לאָקשנברעט אין מקוה, ער זאָל זוכה זיין צו גיין פאַרוים פאַר אַלע קאַליקעס פון דער וועלט.

— וואוהין?

— אהין, ווא דער משוגענער דיאָגענעס איז געגאַנגען מיט זיין לאָמטערן אינמיטן העלן טאָג, —

יענער וואָס האָט מורא געהאַט פאַר א באָד, ווי פאַר פייער, האָט געזוכט א ריינעם מענטשן.

און ער זוכט דעם משיח'ן, ער זאָל שווין א מאָל טאָן. אַז דער לייב זאָל זיך צעסמאַטשקען מיט'ן לעמעלע, ווי להבדיל א שכור מיט דער שענקערטערס פּיצל וואָס ער שלעפּט פון די הענט ביי איר. —

און פאַר אים דוקא בויגט זיך וויינפּער.

„איך וויל ניט זיין מער — שרייבט ער מיר — א שטיק פליטער־פלאַטער־לעבן צווישן הימל און ערד, אַז דער פּולער באַהעפטונג מיט איינעם פון זיי“.

מילא דאָס וואָס ער וויל ניט זיין וואָס ער איז — האָט דאָס אָדם הראשון ניט געוואָלט און איך וויל דאָס אויך ניט — פון צייט צו צייט.

אָבער די פּולע באַהעפטונג, און דוקא נאָר מיט'ן הימל אָדער מיט דער ערד — מעג ער איבערלאָזן טאָקע פאַר דעם־א וואָס מיר האָבן ערשט דערמאָנט — אים פּאַסט. א שיין מיידל — ווי געזאָגט — איז ביי אים א זינדיקע אשה, און פון אייגענעם קנופּ טאָר מען ניט טראַכטן אפילו, א סימן — סע הענגט אויף אים א לייבצודאַק.

און דוד בערגלסאָן אויך —

אין זיינע אייגענע שריפטן איז נישטאָ גאָרנישט פון אָט־דעם וועלט־געשמערץ, נאָר וויינפּער'ן פעלט עס ווי דעם מלמד א דאַשעק צו דער יאַרמולקע.

אָט איז נאָך אַ שטיקל פונ'ם בריף:

— „איך דערמאָן זיך אין דעם זומער 1929 אין בערלין. דער גרויסער שריפטשטעלער דוד בערגלסאָן, וועמעס פריינדשאַפט צו מיינע לידער און צו מיר פערזענלאַך איך האַלט פאַר אַן'אמת'ער זכיה, ער האָט דורכאויס געוואָלט, אַז איך זאָל זיך אַריבערכאַפּן כאָטש אויף אַ קורצער צייט קיין רוסלאַנד, ווייל ער האָט געגלויבט, אַז דאָרטן וועל איך געלייטערט ווערן".

ווען איך בין אַ קאָמוניסט, קלאָג איך אָן דוד בערגלסאָן פאַר הויכ־פאַראַט ביי דער פאַרטיי פאַר אַזאַ פּראָפּאַגאַנדע.

דער עלטער זיידע אויפ'ן שייטער הויפן, דער זיידע ביי דער וואַנט מיט דער שכינה וואָס זיצט אויף איר, און וויל ניט אַראָפּגיין, און דאָס אייניקל, וויינפּער, דאַרף זיך לייטערן אין סאָוועטנלאַנד, ביי דער רעוואָ־לוציע, — מער פעלט איר ניט.

אמת, מען קען אַריינכאַפּן אַ קאַפּיטל רעוואָלוציאָנערן תהלים אויך ביי אונז, נאָר אונזערע וועקזייגערס קלינגען ערשט ווען מען דאַרף שוין עסן פּוטערקיכלאָך צו דער קאַווע. און דאָרט, קוים דער האָן גיט אַ קריי מוז זיין ווער ס'זאָל זיך שאָקלען פאַר דעם רויטן גאָטבאָראָכהו, ווייל אַז דעם קען קינד און קייט ניט שטיין מיט הענט אין בלאָטע, ווי די איזראַעליטן אין מצרים.

דער חילוק נאָר — וואָס יענע האָבן אַריינגעקנאָטן קינדער אין די ווענט און אין סאָוועטנלאַנד קנעט מען איבער זיך אַליין. מען ווערט אַ נייער אָדם — אפילו אָן אַ פייגנבלאַט.

פאַר גוים געזונטע איז דאָס זיכער אַ גליק, אָבער פאַר אונזערע — כ'האָב געהערט, אַז זיי שלעפן זיך אַרום מיט די הענט אויפן דיך און שרעקן זיך פאַר אַ מינדסט שייגעצל נאָך מער ווי אַלעמאָל.

נאָר דאָס וואָס איך זאָג איצט קער זיך גאָרנישט אָן מיט פּראָלעטאַרי־שער קולטור. איך גלויב, אַז מיטן ערשטן גאָט, וואָס האָט זאַרזעט די וועלט, האָט זיך געיאָוועט די לייטערונג, און דאָס איז אַ קרענק וואָס שטעקט אָן. אין צייטן פון אומרו דערגייט עס צו מגפה. אין בלוט פון די „פּראָפעסיאָנעלע" וואָס לײדן אויף כראָנישן אידעאַליזם, די נעסטן פון די באַצילן, — און איר, מיין ליבער וויינפּער, מיידט אויס זייערע טירן ווי אַ בלינדער דאָס ליכט, און אפילו ווען זייערס אַ ווייב נעמט פאַר אייערע אויגן אַ וואַנע פון קאַרבאָל און לויכט ווי זיבן זונען דאַבײ, — אַנטלויפט.

די פיס זענען ניט קיין גלעקלאָך אויף יונגע פערד, און דאָס האַרץ ניט קיין שליטן אויף שניי. אָבער איר וואוינט ניט אין סטעפּ, און די אונטערבאַן פאַר פינעף גראָשן גיט פליגל, און בראָדוויי ציט זיך אויף מײלן, און וויפיל פענצטער אַזויפיל שיינע פרויען.

און אז מען וויל ליטערונג — לאָזט מען אַראָפּ די גאַרדינען אינמיטן העלן טאָג. ווערט אַזוי פינצטער, אַז איין מענטש זעט ניט דעם אַנדערן.

איך ווייס, קאַליבאַבי, דער נביא, וואָס האָט פאַרגעסן צו הייסן עליע, ווער איך ניט בענטשן דערפאַר. ביי אים מעגן בלויז אָרגאַניש באַהעפטן זיך די ליטעראַטורן פון דער וועלט מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. צי כדת משה וישראל, צי אין פרייער ליבע? און צי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד וועט עפּעס קענען אַ מאַך טון, מיט אַזוינע ווייבער — וועגן דעם — זייט מוחל, טוט אַ קניפּ דער משיח׳טע אין חלום אַביסל טיפער (פּאָעטיש גערעדט), וועט איר זיך אָנשטויסן אָן עפּעס.

נאָר ווער ס׳האָט אַ בילמע אויפן אויג — איר בענקט נאָך אַ מכה אונטער׳ן אָרעם — געזעלשאַפטלאַכקייט.

אין אַ שטאָט מיט זיבן מיליאָן מענטשן אַרום זיך, וואַרט איר ווי אַ משוגענער אויפן באַלעמער אין שול באַנאַכט. יענער וויל אויך די מתים זאָלן אים אויפרופן — ער זאָל הערן דעם נאָמען וואָס מ׳האָט געבאָרגט פאַר אים ביי אַ טויטן, ווען מ׳האָט אים מל׳ע געווען — ווייסן שדים צוליב וואָס.

מיר איז צופעליק ניט באַקאַנט ווי לאַנג מ׳האָט געשריבן די תורה — נאָר אַכצן יאָר שפּילן אין קאָרטן מיט זיך אַליין איז גענוג — דאָס זעלבע מיט פּאָעזיע שרייבן.

אָבער ס׳איז גרינג צו זיין קלוג ווען מען פאַלט פון אַ בוידעם; זיך אַליין אָפּגעביסן אַ שטיק צונג, קען מען שווייגן.

אין אונז די שטומקייט איז געגליכן צו אַ פליג. ווי לאַנג פּאַפּיר איז ווייס ווי צוקער פינטלט מען אויף דעם און מען לעגט אַריין מער געזונט ווי אַ מצבה־שלעגער אין אַ גאַנץ קברים־פעלד, און מען טאָר אפילו ־ים לויבן די אייגענע הענט דערפאַר, ווייל דאָס ווייב האָט אויך — און אירע זענען בילכער — זיי גיבן אַמאָל אַ פּליאַסק דעם בהמה׳ניק וואָס ווייגט ווייל דאָס לעבן איז צו זיס.

איר קענט מיר אָפּטון און אַריינשטעקן (נאָך אַזאַ דרשה) די פּען אין באָד־בעזימל — ירושה פון אייער טאַטן, נאָר סע טויג סאַיווי ניט. איר וועט שוין קיין שמיד ניט זיין — איך אַליין חלום פון אַ שוסטעריי שוין יאָרנלאַנג. אַז מען פאַרריכט שיך בויגט מען זיך ביים אויסטון און אָנטון צו יענעמס פיס, פאַרגייט דער אַפּעטיט צו זינגען. סע פאַרדריסט נאָר, וואָס מען קען ניט אויסטראַכטן עפּעס אַריינצולעגן אונטער די פּיאַטעס — אַזוינס וואָס האַלט אָפּ פון שלעכטע וועגן.

פאַר אייער באָרוויסן ברודער, לויט ער רעט צו אייך, וואָלט עס ניט געשאַט — ער אַליין גיט אָנועק דאָס מלבוש, וואָס ער נייט אויף, און אייך שיקט ער. איר זאָלט דאָס אָפּשינדן פון יענעמס מיט דער הויט.

איך זאָג אייך דעם אמת: ווען איך קען, הענג איך אויף אַ קלויסטער־גלאָק אויף אייער ענטפער צו אים, אויב ניט פאַר יעדן וואָרט, אָבער פאַר אייער אויפריכטיקייט אין אַזאַ צייט, פאַרדינט איר עס.

אַ שאַרפע שטראָפנדיקע רוט אויף מענטשנ׳ס לייב? — און איך?
אָ, גורל מיינער, ווי־זשע קען איך נעמען אַזאַ שווערן יאָך אויף זיך;
אַ מענטש ווי איך, וואָס האָט פון תמיד אָן געטראַכט אַז האַנט
וואָס שטראָפט און שלאָגט באַווייַנט אַליין זיך אין איר שאַנד;
אַ מענטש ווי איך וואָס האָט פון תמיד אָן געהערט דאָס וויינען פון דער רוט
בשעת זי קאַטעוועט אַ מענטשנ׳ס הויט, אַ מענטשנ׳ס לייב ביז בלוט.

ער וועט קומען נאָכאַמאָל — שרייבט איר. — איך ווייס צוליב וואָס. — איר זאָלט — פאַרצייט מיר פאַר׳ן וואָרט — אַריינטרעטן אין היגן פּראָלעטאַרישן סנהדרין, אין דעם פאַריין פון מאָרד־ליבהאָבער, און מיט זיי אינאיינעם אַרויסשרייען אַ שטאָרים־געזאַנג דורכן פענצטער, ווען ער וועט שטיין אויף די באַריקאַדן. אַ געדאַנק איז עס — ער וועט צעבראַסטען דאָס האַרץ די קויל זאָל טרעפן, און איר וועט זוכן אַ גראַם צו פינצטערלינג. נאָר וואַרפט מיר אייער אַמאָליקן נאָמען „זיסע ווייַנפּערלאַד" אין אָפענעם מויל אַריין — איך זאָג מיינס — שטערן אין מאַזלען ציילט מען ניט און די קליינע רויטע חיה׳לאַך — (אונזערע הענער דאָהי), וואָס זיצן ביי־נאַכט אויף קעסט ביים אָרימאַן — וועקן אויך, נאָר אויף אַן אַנדער אופן — זיי בייסן וואָס דער קאַפּיטאַליסט לאָזט איבער.

און פּראָטעסטירט, זאָלט איר מיר געזונט זיין, ווייזט מיר אָן אַז יי אומריינקייט איז אין סאָוועטן־לאַנד אַ לעגענדע היינט־צו־טאָג און אַז ביי אייער „באָרוויסן ברודער" איז די שווערד אַ מיטל בלויז צום ציל (איך ווייס ניט, צי ביי טיטוס׳ן פאַר די טויערן פון ירושלים איז זי געווען עפּעס אַנדערש). נאָר ווען אַפילו איר צעלעכערט מיר אַן אויער מיט אַזאַ טענה — די צייט שטייט ניט און יעזוס איז געווען מער מענטש, און זעט סאָראַ ליכ־טיק פּנים ביים פאָרשריט נעבאַך. — פאַר יעהאָוואַ האָט מען מקריב געווען טויבן, קאַטשקעס מיט לעמעלאַך, — פאַר אים רעד גאָט פון ליבע ביז חלשות — ציילט די מיט פּאות און בערד זיינע ברידער און גיט זיך אַ צוגאָב די קידעש־האַשעמניקעס פון אַלע אַנדערע פעלקער — און הייסט זיי אָנטון שטריימלאַך און גיין צום באַן מקבל פּנים זיין דעם אייביקן סאַדיסט, דעם ליטעראַט וואָס פּאַטשקעט זיך מיט זייער בלוט, ווייל ער דאַרף פּרנסה בכבוד, ווי מיר זיינע היסטאָרישע העלדן־מעשׂות, צו דערציען קינדער פאַר דער רשעות וואָס פירט דאָס מאָרד־געשעפט.

איך פאַרשטיי אייך געפעלט ניט, פּונקט ווי מיר. ווילט איר איבער־מאַכן וועלט און מיינט, אַז מען קען טאַקע אַריינשטופּן אַ האַנט דעם וואָלף

דורכ'ן פיסק ביז צום וויהייסמענים און אים איבערקערן, ער זאל זיך צעשטעכן מיט די אייגענע האר אינעווייניק און פגר'ן. אבער זייט אזוי גוט, פארמאכט די טיר ווען איר שרייבט א ליד וועגן דעם: זאל מען ניט זען, אז סע ברענט ביי אייך אונטערן באנקבעטל.

אמת, א ווולקאן איז א גרעסער פייער, און העלפן אים שפייען, ראַטעוועט ניט — א סימן, אייער „שטעטל". דער יום־טוב פון פרייהייט האט עס אפגעווישט, (נישט אומיסטן טאקע), אבער דאפאר גרינטלאך. פארגעסט ניט, לאזט גריסן די מדבר וואס איז געבליבן, ווען איר פארט זיך לייטערן אהין, זאגט די קברים־בערגלאך זיי זאלן ניט נעמען פאר אומגוט — דער קוואל פון בארג אראפ איז ניט שולדיק וואס ער ווערט וואסערשטוריץ אונטן און פארפלייצונג וויסטע. אויך דער ים, ווען א שיף גייט אונטער, דערטרינקט זוויג־קינדער אויף די הענט. וועגן דער זון דערמאנט ניט, — א ליכט איבער א שטענדער קען פארברענען א פאלק אפילו אומשבת, אז מען דארף. נאר אייער „בארוויסער ברודער" — שילטן אים דארף מען ניט, — געווען שכור דעמאלט און געזוכט ברויט און ביינאכט איז פינצטער, האט ער געמאכט ליכטיק פאר זיך און לאזט אים, איז ער גרייט אפילו איצט. איר דארפט נאר זען ס'זאל זיין שטרוי מיט נאפט און א צוויי־דריי שוועבעלאך — איינס איז צו ווייניק — ער האט זיך ערשט אויסגעלערנט אנרייבן און דארף נאך פראקטיצירן אביסל. אפילו א פאדערעווסקי ביי דער פיאנא ווערט מען ניט מיטאמאל.

איך ווייס ניט, צי דער האדסאן, די פרערי און דאס קענדל מיסט ביים טויער געפעלן אונז זייער שטארק. ווי האט געזאגט איין פויער צום אנדערן, ווען זיי האבן געקוקט אויף א לאנדשאפט אין מוזעאום: דא איז עפּיס ניט גלאטיק ברודערל, א בוים און שאקלט זיך ניט, א טייך און וואסער א טרונק צו טון, און א בערגל מיסט און קיין חזיר נישטא. אבער א פאקט, די באן האט א פייף געטאן און די שיף וואס פירט בהמות האט אונז מיטגענומען אהער. און איצט אפשר ליגט א מעסער פון א קוילער אין א ווינקל אויף יענער זייט און וויינט, ווייל אברהם אבינו דורך א לאך פון הימל האט טענות — ער האט, זאגט ער, זיין זון געלאזט לעבן ס'זאל זיין א פאלק, פאר די מעסערס פון דער וועלט אויסצופירן גאט'ס שליחות — און דא איז ווידער איינס, וואס האט באשווינדלט.

חזרים האט עס געקוילעט פינקטלאך: אקסן — אויך: נאר פון אונזערע געדארפט קוילען אויף זיין חלק זיבן הונדערט מיט אכט־און־ניינציק, און מיר צוויי פעלן.

און אז איך האלט שוין ביי די אבות, וויל איך זאגן, אז שילער'ס „בירגשאפט" איז אויך א ליגן.

יעקב האָט טאַקע איבערגעלאָזט די מלאכים מיט דעם לייטער און געלאָפן וואַרפן אַ באָמבע, אָבער עשו האָט דאָס לעבן פאַר אים ניט פאַרמשכונ׳ט און דער טיראַן (איז בונט כלומרשט דער דריטער) האָט אים אויפגעהאַנגען.

אָבער ווי געזאָגט, איר מיין ליבער ווײַנפּער מישט זיך ניט. די דרייצן אַראַבישע מעסער־טענצערינס, די ראַטמיאַ׳ס וואָס ווינקען צו אייך פון דער וועלט־בינע — הייסט זיי אַוועקוואַרפן די קינזשאַלן, וועט איר אַ קוק טאָן אויף די פּיס. און דעמאָלט באַקענט מיך אויך מיט אַ צוויי־דריי — נישט־קשה, איך עס שווײַנענפליייש ווי יעדער אָנשטענדיקער חזן פאַרן דאַווענען. און אַז מיין פעטער זרחי צינדט ניט אָן קיין ליכט ווען ער גייט בייַנאַכט (וואָסער טרינקען) אין קיך אַרײַן וואו די דינסט שלאָפט, דאַרפט איר ניט מאָנען ביי מיר, אַז איך דוקא (וואָס טו אוים ווי משה ביים דאָרנבוש די קאַמאַשן פאַר יעדער שיינער פרוי) זאָל היטן ראַסע. — און די ריינקייט פון בלוט איז ביי מיר אין צווייפל סאַי ווי, — איך פאַרדעכטיק, אַז די שוחטים ביי אונז זיינען בענקאַרטעס פון גוים — טרוסן, זיי שעכטן בלויז עופות.

צום באַדויערן זיינען זיי נאָך יחסנים ביי אונז אויך. נאָר איך פאַרשטיי — דער בלאַנק פון זייערע מעסערס דערמאָנט אָן יענע מיט די גאָלדענע הענטלאַך און דימענטן באַזעצטע וואָס הענגען אַרום די לענדן פון רויב־ריטער — דער שטאָלץ פון דער וועלט, און אונזערע, די שטוביקע, זיינען פּראָסטע, און ס׳אַראַ קאָלעקציע משטיינסגעזאָגט — אַ מילכיקס, אַ פליישיקס, אַ כשר׳ס פאַר ברויט און אַ טרפ׳ס פאַר נעגל, און שוין.

אָבער אַז מיר זיינען אויסגעקומען מיט זיי ביז היינט, וועט דער וואָס איך בין ניט ווערט אָנצורופן, מוזן העלפן אויף ווייטער. און איר, ווי איך נעם אַרויס פון אייער בוך, קענט איר זיך דערוויייל אויך באַגיין אָן אַ שווערדל.

נאָר ווען אפילו אייער „באַרוויסער ברודער“ ברענגט מיט זיך אַ קאָמיטע פון קין, דעם ערשטן מערדער, מיט אייער אייניקל חיים־הערשל, וואָס וועט קוילען אין טויזנט יאָר אַרום — מערצישעם, — הערט זיך ניט צו, זאָג איך אייך.

ניט די פאַרגאַנגענהייט און ניט די צוקונפט שלעפּן אייך פאַר דער פּאָלע איר זאָלט שעכטן פאַר זיי, אַפילו על־פי כשוף־פּאָעזיע מיט אַ וואָרט וואָס איז שאַרף ווי אַ חלף.

ניט צוליב דעם האָט קאָלאָמבוס געזוכט אינדיע און געפונען אַמעריקע. און ניט נאָר יענעמס — אַז אייגענער קאָפּ אויף די אַקסלען איז אויך עפּעס ווערט — לערנט זיך ביי די בינעזער — ביי זיי, אַז מען

דאַרף איינעם קעפּן, בינדט ער זיך צו דעם קאַפּעליוש צו די אויערן, דער פּאָפּ, וואָס זאָגט מיט אים וידוי, זאָל אים ניט צו׳גנב׳ענען. און מיין זון ווייסט אויך וואָס ער רעט:

— „טאַטע — זאָגט ער — נעם דאָס ליד און שטעל עס אריין. זאָל מען זען".

נאָכאַלעמען איז גאָרנישט אַזוי שלעכט צו לעבן.
שטייסט אויף פרימאָרגן, פילסטו ווען אָפּצוגעבן
אַ לויב דאַפאַר וואָס דורך די שויבן
שיקט מען דיר די ליכטיקייט פון אויבן.
און מאַכט זיך ווען אַ טאָג פאַרוואָלקנט אין טומאַנען,
איז אויך אין אים קיין אומגליק ניט פאַראַנען;
צינד אָן דאָס אויוועלע און לאָז זיך עס צעברענען,
און דו וועסט קענן פלאַם די וואָלקנס ניט דערקענען;
וועסט זיצן אויפן שטול דעם אויוועלע אַנטקעגן
און חלומ׳ען פון ווייטע גרינבאַגראָזטע וועגן,
וואו שטיבלאַך אין העל־פאַרביקע קאָלירן
צעוואָרפן ליגן זיך — דאָ־דאָרטן אָן אַ סדר,
און ביי די ברייט־צעפראַלטע טירן
די מיידלאַך אין די פראָסטע קליידער
פאַרטראַכטע קוקן ווי די זון לאָזט גאָלדיק זיך אַרונטער —
און מיט דעם אייזן שאַר די קוילן אונטער,
זיי זאָלן זיך אין אויוועלע צעצינדן,
און די טומאַנען וועלן ווייט פון דיר פאַרשווינדן.

מיר דאַכט, אַז פאַר אַזאַ געזונטן איינפאַל דאַרף איך מקנא זיין אַפילו די עמפּייר־געביידע. זי קען די טומאַנען, וואָס דרייען זיך ארום שפּיץ אירן, ניט אָוועקטרייבן. און וואונדער איבער וואונדער — איך אליין (ווי געזאָגט) בין ווייט פון אייך — פון איין עק שטאָט צו דער אַנדערער, און וואַרים זיך ביי אייער אייוועלע.

מיין מאַמע פלעגט באַקן פלאַם־פלעצלאַך ביי אַזאַ פייער — איר און איך זינגען.

אַלאַ (ס׳זאָל קלינגען פאַנטאַסטיש) מאַכט גוואַלדן — מען טוט ניט פאַר אים אַ האַנט אין קאַלט וואַסער, אָבער מיר, די צוויי שפּוגלנייע מחמד׳ס לאָזן אים ווייסן אָפנהאַרציק — ניט מיר ווילן, אַז דער באַרג זאָל קומען צו אונז און ניט מיר גייען צו אים. וועגן פרויען האָבן מיר שוין געזאָגט. מיר דאַרפן זיי אָבער ניט נאָכן טויט, און ניט יענע פון דער יעזוס־אַרמיי. — ווען מען קוקט זיך צו ווי זיי ראַטעווען נשמות מיט אונזער מרים׳ס פּייקל — וואַרט מען אַ גאַסנפרוי זאָל אָנקומען — מען זאָל פאַר איר דאָס היטל אַראָפּנעמען. אגב, אייער שיקסל — איצט שוין

א מאמע פון קינדער וואָס האָבן פארלוירן מסתם דעם טאַטן אין דער מלחמה. אַזאַ כאַם — געהאַט א חזיר מיט א קו, האָט ער נאָך געדאַרפט די דאַרדאַנעלן מיט עלזאַס־לאָטאַרינגען, מיט א פענצטער צום ים. — נאָר זאָל זיך לעגן זיין טויט ווי א קופּע שטאָלמיסט אויפ'ן געוויסן פון יענע, וואָס האָבן אים געשאָכטן דאָפאָר. קיין שכל האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט. איך געדענק נאָך ווי ער רעכנט א שעה אויפ'ן זייגער און צאָלט איבער פאַר דריי איילן ציץ, וואָס ער קויפט ביים טאַטן פאַר דער כלה־וועגן.

אָבער קיין שונא זיינער בין איך ניט געווען. איך האָב זיין כלה ליב געהאַט, — פאַר אים. און נאָך איצט, א דאַנק אייך וואָס איר האָט איר געשטאַלט (נאָר פאַעטן קענען אזוינס) אריינבאַלזאַמירט אין צען פּיצלאָך אותיות אידיש־צענויפגעשטעלטע.

אונזערע, די שטאָטישע, מיידלאָך מיט פּנים'ער — יום־כּפּור ליכט אינמיטן העלן טאָג. און וואו מ'האָט א האַנט ארופגעלעגט האָט מען געפונען אַנ'אוצר מיט שטרוי, א קישעלע אַזאַ צו אימיטירן געזונטקייט נעבאָך. אָבער ביי זיי, די דאָרפישע, א העמד מיט א קליידל, וואָס דער ווינט קען ניט ליידן, און דאָס איבריקע גאָטס און אייגנס.

א בוזים ווי ראַשטשינעט ברויט. דאָס פּנים טאָמעוואַטע.
עס ווערט מיט ריח פון איר לייב באַלד פול די גאַנצע כאַטע.
איך עס קאַרטאָפּליעס און זי עסט מיך מיט די אויגן קאַרע.

און דאַביי דער געלער הונט אויפ'ן דיל, און איך, וואָס קוק ווי ער און זי, ווי אַלע מיט יונג בלוט אין די אָדערן.

— — — טוט א לאַך און בויגט דעם קאָפּ איין צו די שויבן.
א שיינער וועטער — זאָגט זי — וועט זי גיין היינט שוואָמען קלויבן,
און אויב איך וויל וועט זי מיך ביזן שמאָלן וועג באַגלייטן.

און פייער אַז סע באַפּט ארום א שטרויענעם דאַך, איז נאָך אים. אָבער „אין פינגער וואָס גלעטן אויפ'ן סאַראַפאַן די קווייטן" זינגט עס ווי קינדער אונטער קאַרשנבוימער.

עך, דו, גאָלדענער פּנקס! לידער־בוך פון לעבן פאַרפאַלענעם. שלמה המלך איז געווען קלוג. מיר זענען עלטער פון אים מיט א פאָר טויזנט יאָר, און די שיקסע — אונזער שולמית — זוכט זי ניט, ליבע וועכטער, זי הייסט שוין פרינצעסן יאַדוויגאַ. פון איר נעכטיק לייב,—מילך מיט האָניק, איז גע־וואָרן פינצטערניש וואָס רינט פון דער פּיל־פּעדער—צייטונגס־ראָמאַן. און אירע פּאַזשען אידעאַל־און־באָרדעל־מעקלער האָבן מער ווי טויזנט ווייבער. אַלע נייטאָרנס דאָ, פון איין ברעג ים צום צווייטן האַרעווען אויף זיי. און ווען איינע קומט און ווייַנט — זי וויל אויך א ליבע פאַרשפּילן, ווייזט

מען איר אָן, אַז מאַרקס האָט ניט געגעסן קיין וואַרעניקעס, ווייל ר׳האָט געהאַט אַ ווייסע באָרד.

און די נייע דריי איינציקייט זיינע — גלייכהייט, פרייהייט און ברידער־לאַכקייט פּראַוועט געבורטס־קאָנטראָל און זאָגט צו אַז מ׳עט פאַרן קיין ארץ־ישראל טאַביק שמעקן — וועט מען ניסטן אויף לשון־קודש און נאָך עפּעס. נאָר דאָס (ווייל זי פאַרגינט ניט) קומט אַרויס מיט אַ האַלב מויל, אָבער איך (דריקט מיר די האַנט פאַר מיין ערלאַכקייט, חבר), איך זאָג אויס — אייער געליבטע, וואָס איז אייך נמאס, שיקט זי אַהין, וועט מען זי מאַנס זיין למיתה אונטער איינעם פון די פייגנבוימער, וואו די אידן האָבן געזוכט פאַר׳ן חורבן. פאַרגיט, שיר ניט פאַרגעסן, אַז די אַראַבער טוען אַזוינס בלויז פון רעוואָלוציאָנערן שטאַנדפּונקט (זע קאָמינטערן־געשריי פון דער היגער סעקציע 1929).

אמת, אונזער קאָלעגע יהודה הלוי דער בורזשוי איז געווען אַ זכר, און איז זוכה געווען בלויז צו אַ העלפט — למיתה נעבאַך — ווי דאָס ביסל איינגלאַד פון חברון פאַר צוויי־יאָרן. אָבער זאָרגט זיך ניט. ציוניזם איז אויך אַן אידעאַל און וועט דערציען אַנדערע צו וואַרפן שטיינער אויף אייך. איר קומט נאָר אַהין, און דאַנקט זיי אויף אייער אייגן לשון פאַר דעם געלט וואָס זיי נעמען ביי אייך פאַרן הערצל־וואַלד. און אדרבה — אפשר ווייסט איר וואו ער געפינט זיך.

און ווי זאָגט איר אַליין —

> ניט איינמאָל האָבן מיר געפּראָוווט דאָ ווערן גאַסנקערער,
> נאָר פיל מען קערט — דאָס מיסט ווערט מער, דער בעזים שווערער
> — — — — — — — — — — — — — — —
> אין גרויס נויאָרק וואָס שטופּט זיך מיטן קומען ביז די כמאַרעס
> איז אָפט פאַר אונז אַ תפיסה בלויז מיט האַרטע נאַרעס.

און סוף כל סוף שטייען מיר ווידער דאָ ווי באָקעם אויף די קלויסטער־ווענט.

> „און וואָס און ווען — מיר ווייסן דאָך אַליין ניט, מיר זינגען —.“

ווען יענע טוען עפּעס פאַר זיך.

נאָר אַזוי איז עס. ווי לאַנג אַ פאָלק האָט קעשענעס — און מען נעמט זיך אַליין — האָט מען.

סע גייט נישט אין דעם. דוד המלך איז אויך געווען אַ רויבער, נאָר מיט אַ שיר. פאַר זיי — פּילט אַן דעם ים מיט רענדלאַך וועט מען ווערן פישערס לשם אידעאַל, און שטערט זיי — האָט איר צו טאָן מיט פּיראַטן, וואָס וועלן אַנהייצן אַ גיהנום פאַר אייך, וואָס דאַנטע׳ס אין פאַרגלייך וועט אויסזען ווי אַ הענגלייכטער צו דער פּורים־סעודה.

איך ענדיק —
ניט צו אונז האָט דער רבונו־של־עולם געשיקט פּראָמאָטעאוס'ן און אפילו משה אונזער רבי — ניט צו אונטערצינדן לענדער, — נאָר ווייל דער מלאך וואָס היט דאָס לעבן פון קינדער האָט אים אונטערגעזאָגט, האָט ער זיך געכאַפּט צום פייער־שיסעלע, און אַ דאַנק אים איז טאַקע באַפרייט געוואָרן אַ פאָלק וואָס מוטשעט זיך פון דעמאָלט אָן, ווי אַ שיף וואָס מ'האָט איבערגעלאָזט צו זיך אַליין אין אַ שטורם אויפן ים: — נישטאָ קיין פירער — ס'זאָל גיין, און נישטאָ קיין לאַד — ס'זאָל אונטערגיין.

און מיר ביים ברעג ים דאָ שטרעקן הענט, און היטן זיך די שיך, ניט איינגעצן. און פרעגט ביי די ווייסע וואַסער־פערד אין וויפיל לשונות מיר שרייען. — און אפילו די נאָנטסטע — דאָס אייגענע קופּקעלע משיח־זוכער: פּסוקים פון אַלטע שמות האַלאַסעט מען אין שטורם אריין — און טאָמער איז ער אַ גראַבעריונג חלילה, איבערזעצט מען דאָס פאַר אים אויף סאַלאָן־רעוואָלוציאָנערן אידישיזם, און מען פאַרלאַנגט אַז ביאַליק מיט סטאַלינ.ען זאָלן זיך איינשטעלן, מען זאָל אונטערשטופּן (כאָטש פאַר אַלע איניינעם בשותפות) דעם נאָבל־פּרייז.

נאָר זייערע ספרים — אפילו ווען מען באַשמירט זיי מיט איינגעמאַכטס — דאָס פאָלק היינט־צו־טאָג ווייסט שוין אויך, אַז מען קען קושן עפּעס אַנדערש. ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס דאָס בעט איז צעבראָכן, און מ'האָט ניט קיין צייט, ווייל מ'איז הונגעריק.

און אויך אייער באַרוויסן ברודער — לאָזט אים אָפּ, איך בעט אייך. נאַרט אים ניט מיט קיין פּאַפּירענער זון וואָס גראַמט זיך. ער דאַרף די אמת'ע. זיין אייגן לעבן שרייט דאָס אים אין די אויערן אריין, שוין מיט אַלע כחות, און אַז ער וועט צעשפּאַרן די ווענט פון זיין אייגן פּתום־ורעמסס וועט אים ליכטיק ווערן אין די אויגן — און ווי זאָגט ערגעץ גאָרקי — ער מיט אַלע די זייניקע וועלן זיך אויסשטעלן אַרום ים, מיט זייערע דיפּלאָמאַטן, פּאָליטיקער און פירער — און ווען יענע וועלן שוין האָבן אַלץ אַרומגערעדט, וועט מען זיי אויסטון נאַקעט און זיי אַריינוואַרפן אין וואַסער צו זייערע ברידער די הייפיש — און מ'עט איינמאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן שלום צו אַלדי גוטע יאָר.

אָבער דערווייל — ווי ביטער עס איז — די גלויביקע אין דער אַרענאָ אין צעזאָר'ס צייטן, ווען זיי האָבן דערזען דעם לייב — האָבן זיי געזונגען, און אפילו די זיידעס אונזערע אין בבל — זיי האָבן אויפגעהאַנגען זייערע צימבלען ביים טשערעט — ווייל זיי האָבן דערפילט אַז „אייגנס" זינגט זיך בעסער ווי עס שפּילט זיך. און אויפן וואַר — ניט דער העלדן־טענאָר

אין דער אפּערא, נאָר דער בעטלער מיט די בלינדע אויגן אויפן יאריד, זינגט דעם טרויער פון דער וועלט.

אוקראַינע מיין היים (פּאַרצייט, ליבער ווינפּער, מיר האָבן אין גאַליציע אויך אַן אוקראַינע), אָבער אייערס, ווייזט אויס, שלאָגט בעסער, ווייל ס׳איז געזינטער — און איר האָט גע׳ירשנ׳ט די געזונטקייט און זי איינגעשפּאַנט ווי די מיל דאָס וואַסער פון טייך, עס זאָל מאָלן ברויט, און זינגען.

אמת: דאָס שטעטל דאָס צעבראָכענע הענגט אויף אונז און שלעפּט זיך נאָך.

ווער סע רעדט זיך איין, אַז דאָס איז אַ שאַנקייט אַזאַ אויף אים, ווי דער עק אויף דער פּאַווע, איך שריי געוואַלד, אָבער איר אין אייער בוך דערציילט וועגן דעם מיט דער גוטסקייט ווי מען רעדט צו קליינע קינדער.

פאַראַן נאָך אַ סך קלענערע פון קינדער ביי אונז — די וואָס שפּילן דערוואַקסענע — זיי שטייט ניט אָן, וואָס אייער הארץ קלאַפּט פּאַטיש אָן אַ צילינדער אויפן קאָפּ. אָבער אויף זיי טאַקע זאָגט טעוויע שאָלעם־אַליכעמ׳ס „קאָל דיכפּין יאַסיי וואיאַכל״. ווער סע וויל ניט הערן זאָל זיך אַרויפליינן ים־שיסעלאַך אויף די אויערן.

און נאָך אַ קאָמפּלימענט — אייער געמיטלאַכקייט, וואָס מ׳איז ברוגז אויף איר.

פאַרפאַלן. אַ בייזקייט אין אונז אַזאַ. צו זען אַ מענטשן וואָס מ׳האָט איבערגעפאָרן, לויפט מען גיכער ווי צו אַ חתונה, און אַ ליד — ס׳זאָל אונז געפעלן, דאַרף האָבן בלוט־פלעקן אויף זיך — סימנים פון דיכטונג אמת׳ע. אָבער מיר איז רעכט אַז דעם. אַ רשע בין איך אַליין, און טאַקע איינער פון די גאָר לייטישע, און דאַפאַר וויל איך (אויב אייך פעלט געזעלשאַפט) איר זאָלט פאַרבעטן צו זיך מיד מיט מיין זון, וועט שוין זיין מאַמע אַליין מיטגיין.

מיר, די אייביקסטע דריי־אייניקייט, זענען גענוג אויף צרות צו וועלן הערן געזאַנג וואָס מען דאַרף נישט צאָלן קיין בילעטן דערפאַר.

איר וועט „זאָגן״ פון אַט־די בלעטער אַרויס — אידיש לעבן אויף פּראָסט אידיש — און אויב מיר דריי וועלן וויינען, זאָל זיך אייך דאַכטן אַז מיר זענען די משוררים וואָס העלפן אייך אונטער. נאָר זעט ס׳זאָל זיין שבת — איז נישטאָ קיין זומערפייגל אין נויאָרק, כאַפּט מען פליגן וועז אַנדערע צעטיילן זיך מיטן קוגל. אָבער דערפאַר, אַז איר וועט אונטערלייגן דאָס אמת׳ע קישעלע דערנאָך — וועלן מיר אייך ווייזן ווי שיין מען גיט זיך איבער מיט אַ זיפץ צום שלאָף וואָס לערנט שטאַרבן.

נאָר אפילו דער טויט, רעדט איר פון אים ווערט ער ליכטיק — אזוי, אז מען הערט אויף כמעט מורא האָבן.

נאָך יהואָש׳ס לויה

כ׳האָב היינט געזען אַרונטערנידערן דיך אין דיין גרוב,
און איצטער זיץ איך אין אַ וויכן שטול ביי זיך אין שטוב
און בלעטער ביי דעם שיין פון לאָמפּ דיין לידערבוך;
אין אויער קלאַפּט און עכאָט אָפּ דער ברוך,
וואָס לאָם און רידל האָבן אין דער ערד געמאַכט.
די ערד אַ גאָלדיקע — איך האָב אַהיים־געבראַכט
פון איר אַ סימן אויף די קליידער און די שיך,
און גאָרנישט שווער איז מיר צו טראָגן זיי אויף זיך.

— — — — — — — — — — — — — — —

ביטאָג האָב איך געזען אַ שטח ערד מיט שניי באַדעקט,
און לעבן מיר האָט זיך אַ גאָלדן בערגעלע אַנטפּלעקט.

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ ווייסער שטח מיט אַ גאָלדן בערגעלע אין מיט.
איך מיש דיין לידערבוך און טראַכט זיך: סאַראַ ליד!
עס וואָלט אַ זונג געטאָן דיין דיכטערהאַרץ דערפון —
אַ שטח שניי — אַ גאָלדן בערגעלע און איבער זיי די זון.

— — — — — — — — — — — — — — —

כ׳האָב היינט געזען אַרונטערנידערן דיך אין דיין גרוב,
און איצטער, אין דער שטילער אָוונט־שעה,
דיין לידערבוך מיט מיר — און דו ביזט ווידער דאָ.

קורץ, צו רעזומירן — וואָלט איך געזאָגט אַט־וואָס. איך אַליין האָב אויך אויגן — נאָר מיינע זענען בלוי, ווי דער האָריזאָנט וואס קומט זיך צונויף אין אַ פּראַסטיקן ווינטערטאָג מיטן הימל (פונדערווייטנס, פאַרשטייט זיך). קומט מען צו נאָענט, זעט מען אז מען דאַרף גיין ווייטער צו קומען צו אייערע, וואָס געפינען זיך אויף דער צווייטער זייט פון דער ערד. דאָרט איז זומער, מיט אַ טייך און מיט פלוימען אויף די ביימער, און מיט אַלצדינג.

און טאָמער ווילט איר נאָך עפּעס גוטס — עפנט אויף דעם בריפנ־שטעלער און נעמט זיך אַרויס פון דאָרט די בעסטע וואונטשן — איך פאַרגין דאָס אייך, ווי אַן אמת׳ער חבר.

אייער,

מ. ל. האַלפּערן.

דער באַרוועסער

דער באָרוועסער ברודער מיינער

געקומען איז דער באָרוועסער פון טיפער, שווארצער נאכט
און כאָטש א באָרוועסער, האָט ער דאָך מיטגעבראכט
א שווער געפעק אויף זיך און אין דער האנט א פאָן, —
העי באָרוועסער, — האָב איך געפרעגט, — וואָס זאָגסטו אָן?
א שרפה פאַר דער וועלט, צי ליכט אויף טאָג?
העי באָרוועסער ברודער מיינער, זאָג מיר, זאָג!

האָט ער אויף מיר א בליק געטאָן און הארט געזאָגט: —
א מענטש, וואָס קומט פון אזא וועג, ווי איך, פאַרמאָגט
אי שרפה־פלאַם, אי זונאויפגאַנג אין זיין געפעק, —
דעם שרפה־פלאַם פאַר די וואָס שטייען מיר אין וועג
און זונאויפגאַנג פאַר די, — נאָר דאָ האָט זיך געטאָן א שפּרייט
א פּיין אזא אויף מיר פון זיינע הארטע רייד.

פאַרוואָס־זשע אָט די פּיין, העי ברודער מיינער, באָרוועסער!
איז אויף דיין שווערן וועג דיר דאָס געפעק צו שווער?
נעם פאַק עם אויס, צעטייל אויף פעקלאך צוויי
און ביידע וועלן מיר אויף אַלע וועגן אונטער זיי
צעשפּאַנען זיך מיט אָט דער רויטער פאָן פאַראויס, —
עס בענקט נאָך ליכטיקייט דאָך יעדן מענטשנס הויז!

אזוי האָב איך צום באָרוועסן גערעדט, גערעדט,
דערציילט אים, אַז איך בין א אידישער פּאָעט,
וואָס כשופ'ט פעדים גילדענע ארוים פון גרויע יאָר,
ווייל חלום מוז דאָך האָבן אונזער וויסטע וואָר.
אזוי האָב איך גערעדט, נאָר ער האָט חוזק'דיק געלאַכט: —
א אידישער פּאָעט, וואָס וויגט מיט חלום איין די נאכט!

העי באָרוועסער, העי באָרוועסער, עס האָט די וועלט
פאַרטיילט דיך יאָרן לאַנג מיט נאכטלעגער און א געצעלט,
מיט ברויט, מיט מלבוש אויפן לייב און א פאַר שיך.
נא, נעם־זשע אַלץ דיר, וואָס איך האָב אַצינד אויף זיך
און נעם אויך מיך. איך האָב אין מיין פאַרמעג א וואָרט,
וואָס כשופ'ט פעדים גילדענע ארוים פון יעדן אָרט.

אזוי האָב איך גערעדט און ער האָט אַלץ פון מיר געלאַכט
און לאַכנדיק געזאָגט צו מיר: דו ביסט די ווילסטע נאַכט
און נאַכטיק־ווילסט איז אויך דיין יעדעס וואָרט;
עס פּאַלט ווי אַפּיום סמ'יקער אויף יעדן אָרט.
אזוי האָט מיר געזאָגט, דער ברודער מיינער, באַרוועסער, —
בלויז אַפּיום איז מיין וואָרט, בלויז אַפּיום און ניט מער.

העי באַרוועסער, נו וואָס־זשע מער קאָן איך דען טאָן?
האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר און אָנגעוויזן אויף דער פאָן: —
דו זעסט? — האָט ער אַ צאָרנדיקער אויסגערופן — זעסט, ווי רויט?
דאָס איז דאָס בלוט פון אונזער לייב, פון אונזער הויט!
די האַנט, וואָס האָט די פאָן געפאַרבט מיט אונזער בלוט,
באַשטראָפט מוז ווערן ניט מיט וואָרט, נאָר מיט אַ שאַרפער רוט!

אַ שאַרפע, שטראָפנדיקע רוט אויף מענטשנס לייב! — און איך?
אַ, גורל מיינער! ווי־זשע קאָן איך נעמען אזא שווערן יאָך אויף זיך!
אַ מענטש, ווי איך, וואָס האָט פון אייביק אָן געטראַכט, אַז האַנט
וואָס שלאָגט און שטראָפט, באַוויינט אַליין זיך און איר שאַנד!
אַ מענטש, ווי איך, וואָס הערט דאָס וויינען פון דער רוט,
בשעת זי קאַטעוועט אַ מענטשלאַך לייב, אַ מענטשנס הויט ביז בלוט!

אבי איך האָב געמיינט, — עס זאָגט דער באַרוועסער מיר אָן אַ זונ־אויפגאַנג
און רופט מיך אים באַגעגענען מיט פרייד און מיט געזאַנג.
אבי איך האָב געמיינט! — איך נעם מיין בלוט און שרייב, פאַרשרייב,
אַז הייליקער פון אַלץ אויף דר'ערד איז מענטשנס לייב,
אַז הייליקער פון אַלץ אויף דר'ערד איז מענטשנס הויט,
נאָך הייליקער פון פאָן אפילו, וואָס איז רויט!

געקומען איז דער באַרוועסער און קומען וועט ער נאָכאַמאָל.
איך ווייס, אַז הערן וועל איך דורך די טעג און נעכט זיין קול,
וואָס וועט זיך אײנעסן אין מיר, ווי אין אַ מענטשנס לייב, די רוט,
נאָר געבן קאָן איך אים ניט מער, ווי בלויז מיין אייגן בלוט, —
מיין אייגן בלוט און מערער גאָרניט, גאָרניט ניט.
מיין אייגן בלוט, — מיין אייגן ליד.

אַן אַנדערער!

דער יובלדיקער רוף פון האָרן
האָט ווידער אונז צום נאַר געמאַכט,
געקומען איז אַ קאַליקע צופאָרן
און זיינע וואונדן מיטגעבראַכט.

און מיר, וואָס זיינען מיט די פאַקלען
אנטקעגן אים מיט פרייד ארויס,
צוריק אהיים זיך וואַקלען,
א יעדער צו זיין הויז.

און אויף די שוועלן זיצן מיר, און ברומען:
ניט דער! ניט דער! ניט דער!
אַן אנדערער וועט מוזן קומען
פון וויטן וועג אהער.

די פאַקלען וועלן וויטער וואַרטן
אויף דעם געגאַרטן.

פייערווערק

דאָס פייערווערק, וואָס צינדט זיך איבער אַלע בערג
און וואַרפט פלאַמיקייט צו אונז אַרונטער אין די טאָלן
האָבן נישט קיין געטער אָנגעצונדן, נאָר סוחרים׳לאַך פון מערק,
וואָס ווילן, אַז מען זאָל זיי פאַר אַביסל שיין באַצאָלן.

ביי יעדן הויפן פייערווערק אַ כיטרע סוחר מיט אַ בליק,
אַ גיריקן אויף זיין פאַררויטלט און צעשמאָלצן פנים, —
עס זיינען אויף די בערג היינט אַלע סוחרים׳לאַך אין קריג,
זיי גראַבלען זיך די פנים׳ער און שעלטן זיך, ווי שונאים.

— דיין פייערווערק איז קאַלט! און דיינס איז קאַמופלאַזש!
— העי, קונים, קומט אַהער! — העי, קונים, לאָזט זיך נישט גענאַרן!
און מיר אין טאָל, וואָס ווייסן שוין דעם טייטש פון וואָרט: „טוראַזש“,
עס זאָל אונז גאָר אָט דאָס יאַריד־געשריי אָנהויבן צו אַרן!

מיר קוקן אויף די שלענגלדיקע פלאַמען פון דעם פייער־שפּיל
און שמייכלען איינס צום אַנדערן מיט אַ דערפאַרן קלוגן שמייכל, —
עס ווערט נאָר נודנע אויפן האַרצן פון דער גרילצנדיקער גריל
אַפילו, ווען זי גרילצט צווישן ווענט אין אַ באַגילדטן היכל.

אַריבער אונז אַ ליכטיקייט אַן אַנדערס אין דער בלויער הויך,
עס זילבערט איבער אונז נאָך די לבנה און די גלאַנצנדיקע שטערן, —
דאָס פייערווערק אויף בערג? — מיר זעען בלויז דעם רויך
און מאָרגן וועלן מיר מיט בעזימער דאָס אַש פאַרקערן!

ז. ווײַנפּער

סאַקאָ און וואַנזעטי

דער ווייזער אויפן טורעם־זייגער — צוק און רוק, —
אָ ווייזער, ווייזער, זאָל שוין זיין גענוג!
דיין יעדער צוק און רוק דערנעטערט זייער סוף,
דיין יעדער צוק און רוק דערנענטערט אונזער שטראָף.
ער הערט מיך ניט און רוקט זיך גלייכגילטיק צום צוועלף,
און עמיצער צעשרייט זיך אין דער נאַכט: אָ, העלף!

אָ, העלף! עס האָט דער אַלטער ביינערדיקער געץ
צעעפנט ברייט דאָס פּאַרמעטענע בוך: — געזעץ.
זיין פּנים, ווי דאָס בוך איז אַלט, צעקנייטשט, פאַרגעלט,
זיצט ער און טייטשט די פּסוקים פונם בוך, ווי אים געפעלט.
זיין גוף פון אַלטקייט איז געבויגן און צונויפגעדרייט,
זיצט ער און משפט און פאַר'משפט אונזער פרייד.

אָ, העלף! עס ווערט אין אָט דער פיינלאַך־שווערער נאַכט
די פרייד פון אונזער לעבן פאַר אַ קרבן דאָ געבראַכט.
די פרייד פון זיין כאָטש אויף געציילטע יאָר אָט דאָ,
גייט אויף מיט רויך פון געצ'ס מזבח און — נישטאָ.
און מיר, פאַרלוירענע און מאַכטלאָזע, וואָס זאָלן טאָן?
עס הערשט דער ביינערדיקער געץ נאָך אויפן טראָן!

דער ביינערדיקער געץ! געביילטע דראָענדיקע הענט
און צאָרנדיקע אויגן זיינען איצט צו אים געווענדט!
נאָר גיי דערשרעק דעם געץ, וואָס איז פון הארטן ביין געמאַכט!
דעם לעצטן שאָטן פון דער שוואַרצער צאַנקענדיקער נאַכט
איז אומעטיק אַליין אַוועקצוגיין פון אונזער ערד.
דער לעצטער שאָטן פאָכעט נאָך עקשנות'דיק זיין שווערד!

נו, פאָכע, פאָכע שאָטן שוואַרצער, ס'איז דיין לעצטער פאָך!
דער מענטש אויף אונזער ערד איז ניט קיין אָקס אין יאָך,
וואָס נעמט די בייטשן־קנאַלן צו און שפּאַנט און שווייגט.

דער מענטש וואָס ווערט געבייטשט, פּאַלט און שטייגט.
די שווערד, וואָס פּלעקט, באַפּלעקט מיט בלוט די ערד,
ווערט אין איר זשאַווער סוף כל סוף אַליין פאַרצערט.

דער זייגער אויף דער גרויסער טורעמדיקער וואַנט, —
דער ווייזער דאָרט! — צי פילט ער ניט די בראַנד,
וואָס צינדט אין אונזער בלוט זיין יעדער צוק און רוק?
עס ווערט אין האַלדז פאַרשטיקט דאָס וואָרט: גענוג.
צו שפּעט. ער איז שוין אויפן ציפער: צוועלף.
אומזיסט איז איצט שוין דאָס געשריי: אָ, העלף!

אָ, העלף! אָ, העלף! צו וועמען? און צו וואָס?
ווי נעכטן טויאיק איז אַרום אָט דאָ דאָס גראָז,
און איבער אונז — די שטערן מיטן זעלבן זילבערדיקן בלענד.
נאָר מיר אָט דאָ אַרום דעם נעץ — די פיס, די הענט
צענאָגלטע, צעבלוטיקטע, באַטריבט, פאַרקלעמט.
ווי יעזוס אויפן צלם דאָ ניט ווייט, פאַרשעמט.

נאָר שעמענדיק זיך, הענגען מיר דאָך ניט די קעפּ אַראָפּ.
דער ווינט, וואָס וויגט דאָס העמד אויף אונזער לייב אַרויף, אַראָפּ,
טראָגט אויך פאַר אונזער וואונדיק לייב אַ היילונג אין זיין בלאָז.
דאָס רויטע בלוט, וואָס קאַפּעט איצט אַראָפּ דאָ אויפן גראָז
מאַכט זאַפטיקער די האַרטע ערד און פון איר טיפער אינגעווייד
גייט אויף אַריבער אונז די טרייסט פון גאָר אַ נייער פרייד.

זעער טויזנט אויגיק

זעער טויזנט־אויגיק
זעט אָפּט ניט דורך טוי.
אמת איז דאָך בויגיק,
ליגן אויך אזוי.

לאָמיר מער ניט וואַרטן
מיט פאַרלייגטע הענט,
קרוין אויף דעם געגאַרטן
שיקט אונז שוין זיין בלענד.

וויל ער דאָך מסתמא, —
וויסן זאָל מען דאָ,
אז די ליקה־חמה
איז שוין מער ניטאָ.

זאָל מען־זשע ניט זיצן
יעדער אויף זיין שוועל.
יאָגנדיקע בליצן
מאַכן וועגן העל.

זאָל מען־זשע פאַרלאָזן
יעדערער זיין הויז,
און מיט פרייד זיך לאָזן
צו דעם וועג אַרויס.

הימלען פון די קוימענס
העכער — בלויז אַ האָר;
וואָר אין די חלומות,
חלום — אונזער וואָר.

דאַיִק — נישטאַיִק

ווען פאַרניינען? און ווען באַיאָען?
יעדער פון אונז איז אי יאָ, איז אי ניין!
איבער די קעפּ פון אונז אַלעמען, דראָען
דראַיִקע הענט מיט פאַרגיין.

דאַיִק איז שעה׳איק, און שעה׳איק — נישטאַיִק,
מער ניט ווי רגע׳ס פאַר אונז אין דער שעה.
שווער איז דער טראָט פון דער רגע, און קלאַיִק,
טרעט און פאַרטרעט אַלץ וואָס איז דאָ.

ליכטיקייט, טונקלקייט, מלאך און שטן,
אַלצדינג צעמישט אינם זעלבן ווירוואַר.
דער וואָס צעטרעט, ווערט אַליין אויך צעטראָטן,
יעדערער — חכם, און יעדערער — נאַר.

טעג האָבן וואָלקנס, און נעכט — די לבנה,
דעמערונג האָט דאָך צוביסלעך פון אַלץ.
גאָט האָט באַשאַפן מיט זעלבער כוונה
פעפער און צוקער, האָניק און זאַלץ.

גרויסע — נאָך גרעסער! קליינע — נאָך קלענער!
וואו איז די וואָג, און וואו איז די מאָס?
ווער קאָן דען זאָגן, וואָס מיאוס׳ער, וואָס שענער, —
ווער קאָן באַשיידן דעם וואָס און פאַרוואָס?

ווען פאַרניינען און ווען באַיאָען?
אַלץ וואָס איז דאָ, איז אי ניין, איז אי יאָ.
ניינען און יאָען און דאָען, נישטאָען.
אַלץ וואָס איז דאָ איז, אי דאָ אי נישטאָ!

נישט אַלץ

נישט אַלץ, וואָס דאָ איז דאָ
האָב איך באַנומען,
די לויטערסטע, די שענסטע שעה,
זי וועט ערשט קומען.

אין אַלע אמת׳ן האָב איך געגלויבט
און מער נאָך וועל איך גלויבן,
כאָטש אַ סך זײַנען שוין צעשטויבט
און מער נאָך וועלן זיך צעשטויבן.

דאָס גרעזל שפּראָצט און גרינט און בליט
און ווערט פון האַרבסט פאַרשניטן,
נאָר אין דער ערד איז אָפּגעהיט
דער זאַפט פאַר נײַע בליטן.

דאָס לעבן, ווי אַ רעטעניש, אַ נס
גייט אויף פאַר מיר פון אַלע ערטער, —
בלויז אינ׳ם שווײַגן פון אַ מת
דערהער איך קלאָרע ווערטער.

רייד מיט משה לייב׳ן

דאָס היילִיק לעמפּל הערט נאָך אַלץ נישט אויף צו ברענען,
איז אוים מיט יעזוס׳ן, איז דאָ וולאַדימיר איליטש לענין.
ערגעץ אין אַ דערפֿל קרעכצט אַ פּויער, „אַך און ווי אים!“
ער האָט קיין שטיוול נישט אויף אויפצוניין צו לענינ׳ס מאַוזאָלעאום.

ווער עס ציט זיך צו דעם „כותל“, ווער צו פֿאָן מיט מגן דוד,
ווער עס דינט בלב ונפש צו דעם אייגן ביסל כבוד, —
פֿאַראַנען אויך ביי אונז אַזוינע און אַזעלכע,
וואָס זוכן געטער אום און ווייסן נישט אַליין אַ וועלכע.

ווער עס וועקט זיך צו די מאַרצעפּאַנעס, ווער צום קריי פֿון הענדלאַך,
נאָר אַלע שפּרינגען קדוש, קדוש צו די געטשקעלאַך מיט פּענדלאַך, —
שלעכט איז נאָר, וואָס נאָך די פּענדלאַך שלעפּן זיך האַרמאַטן,
פֿאַרלירט אַ כלה אָפּט דעם חתן און אַ קינד דעם טאַטן.

דער מענטש איז קינד און קינד וועט ער שוין אַלע מאָל פֿאַרבלייבן,
שאָף און רינדער מוז מען אין דער טשערעדע מיט בייטשן טרייבן,
און אַז מען טרייבט נישט, שטייען זיי אין מאַרק און מאַלעגערן,
קייען טאַמעוואַטע און זיי מרוקען אין דעם רוים, דעם לערן.

פֿון שטענדיק אָן איז מיר דערווידער דאָס געקראַקערייי פֿון ראָבן,
אַזוי דערווידער איז מיר אויך דאָס אויגנגלאַצעניש פֿון לאַמעדוואָוון, —
די ערשטע שרעקן איבער און די צווייטע, נאָר זיי מאָנען,
אַזוי־אַ טוען דאָך די יעזואיטן, אין די לאַנגע באַלאַכאָנען.

פּאָעט, מיינט אמת זיין און זיך אַליין דורך וועלט דערקענען,
פּאָעט, מיינט זיך אַליין אין אַלע פייערפלאַנען ברענען.
און ער, — דער כשוף־מאַכער פון געפיילטע און צעגליטע ווערטער,
זיין גורל צווישן אונז איז זיין, — אַ נישט־דערהערטער.

נאָר נישט דערהערט זיין, מיינט נאָך נישט קיין אַש אויף זיך אין טרויער,
אַז וואויל איז דעם, וואָס זינגט די וואָרהייט אויס ביים טויער.
נעכטן האָט אַ בלינדער איך געשפּילט ביי מיינע שויבן
און וואויל איז אים, וואָס נישט געזען האָט ער די ניקלס אויפצוקלויבן.

וויטמאַן, פּרץ, ווײַלד. יהואש, — ביכער אין פאַרשטויבטע שאַפעס,
מענטשן האָבן ליב צו קוקן אויף די זשעסטן פון די אַפעס, —
קליין איז נישט דער וואונדער צו זען אַ קלאָון אין אַ ראָד זיך דרייען,
גרעסער איז דער וואונדער צו זען אַ מענטשן מיט צוויי פיס, וואָס גייען.

אַ מענטש אַזאַ

זיין טראָט, —
אַ ראָד,
וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון אַקס.
זיין פּנים איז ווי וואַקס
פאַרשטאַרט, —
האָט ער אַמאָל אויף עפּעס דען געוואַרט?
נאָר אַז ער עפנט אויף דאָס ציינלאָז מויל
גייט אויף די גרויל
אין אַלערליי פיגורן, —
„די פרויען זיינען אַלע הורן
און שאַרלאַטאַנעס אַלע מענער,
די דיכטער קרייען, ווי די הענער
און דער פרימאָרגן וועט זיך קיינמאָל נישט באַווייזן".
די שטאָט? — עס עקלט אים פון שטיין און אייזן
און פון די וועלדער, פעלדער, גרינע גראָזן, —
אַביסל שמעקאַכץ פאַר דעם ווינט צו בלאָזן.

אַ גרויער טאָג איז היינט,
נאָר וואָלט די זון געשיינט,
וואָלט זי
סיי ווי
אים נישט דערפרייט.
אין אים איז אַלץ צענויפגעדרייט
פון שנאה,
פון קנאה.

די שיפּענדיקע שלאַנג
פאַרטראַגט נישט קיין געזאַנג
פון פייגל אויף די צווייגן, —
וואָלט זי כאָטש שווייגן!

אַ מענטש קאָן גוט אויך זיין, ווען ער האָט אויפ'ן קאָפּ אַ פליך,
נאָר אַז מען טראָגט דעם פליך אין זיך
איז אָך און ווײ און טאַקע שלעכט.
אַזוינער איז דאָך שטענדיק שוין גערעכט
מיט זיינע בייזע, וויסטע רייד.
אַ גליק נאָך, וואָס דער טאָג, — ער גייט
דורך גרויקייט, ווי דורך שיין
און זאַמלט גלייכגילטיק זיין שנאה איין,
ווי אַ גאַסנקערער אין זיין פאַס
דאָס מיסט פון גאַס.

מיר אַמעריקאַנער

1

אין דיינע שטעט יאַרידישע
מיר, קינדער אידישע,
יונג־יעריקע.

אין דיינע גאַסן וואַכיקע,
מיר, קינדער לאַכיקע
און טרעריקע.

אין דיינע לידער גאַסיקע,
דאָס ליד אויך אונזער ראַסיקע
צו אַמעריקע.

2

אויך אינ׳ם היגן רוים
וויגט אום זיך אונזער טרוים, —
א שיינענדיקער שטערן.

עס וועט דער שטאַטיקער געשריי
מיט קולות אַלערליי
אים נישט פאַרצערן.

דורך שאַפּ גערויש און קוימען רויך
וועט אונזער ליד מיט נייעם כח
זיך דאָ דערהערן.

3

דער שטיין און דער גראַניט
וועט אונזער אידיש ליד
מיט נייעם קלאַנג אַט דאָ באַשערן.

פון קלאַנג און קלאַנג, און קלאַנג
אַ שטאַרק און ברייט געזאַנג
וועט זיך דערהערן.

און פאַר אַ יעדער שויב
וועט זיך עס טאָן אַ הויב
און אומעטום זיך הערן.

4

און איר, פאַרוואָרפענע אַהער,
וואָס קומען מער און מער
דורך אַלע ים׳ען.

אויף יעדן באַרג און טאָל
לאָזט הערן אייער קול,
איר, זײַן פון אַלע שטאַמען.

אויף שטיין און אויף גראַניט,
פון יעדן שטאַם — זײַן ליד
און אַלע דאָך צוזאַמען.

5

יעדער מיט זײַן קול, זײַן טאָן,
די פידל, דער טראָמבאָן,
אַלע אין אָרקעסטער.

אַ קליינע איז די פלייט,
אַ גרויסער — דער טרומפייט,
צוזאַמען קלענסטער, גרעסטער!

די שווערע פויק: — בום־בום!
דער דיקער באַס: — זום־זום,
יעדער איז דער בעסטער!

6

א זוניקע איז מארגארעט,
א פלאמיקע — זשאנעט,
און חנ'עוודיק איז אסתר.

א בויגזאמער איז זשאן,
א ברייטער איז סטעפאן,
און זיגפריד איז דער גרעסטער.

און יעדערער פאר זיך, מיט זיך,
אין שטיוול, צי אין שיך,
און אלע ברידער, שוועסטער.

7

שיינע זיינען אלע פענער,
נאר פון זיי נאך שענער
ביסטו און איך.

דו אזוינער און אזוינער, —
ווייסער, שווארצער, ברוינער,
אין שטיוול, צי אין שיך.

אין עקסטאזידיקן טאנץ,
יעדער מיט זיין שיין, זיין גלאנץ
און צווישן זיי אויך איך.

8

די שווערע פויק: — בום־בום!
דער דיקער באס: — זום־זום!
ארויף און אין דער נידער,

שטרעק אויס דיין האַנט מיר, זשאַן,
און דו אויך, זיגפריד און סטעפאַן,
עס איז אַ טאַנץ פון ברידער.

אין טאַנצנדיקן קאַראַהאָד
פאַראייניקט מענטש און גאָט
זיך ווידער.

9

מיר קומען, גייען דורכ'ן זעלבן טויער,
פאַרשידן בלויז איז אונזער טרויער
און די פרייד.

די זעלבע שפייז, פאַרשידן בלויז די קעכער,
דער זעלבער וויין, פאַרשידן בלויז די בעכער,
דער זעלבער גאָט האָט זיי פאַרגרייט.

און יעדערער פאַר זיך באַזונדער,
ברענגט מיט אהער צו אונז זיין וואונדער
פון טרויער און פון פרייד.

10

אין דער זעלביקער אַכסניה,
ענגלאַנד, אירלאַנד און שפאַניע, —
באַזונדער בלויז די טיר.

גוטע און געטרייע שכנים —
זיצט מען אָפט אינאיינעם,
דו בא מיר און איך בא דיר.

צעגויפרוקן די טישן?
מאַכטייסע, אָבער נישט צעמישן
דאָס געשיר.

אידיש

דו טוסט מיך א פרעג מיט א לאַך:
— איז אידיש א שפּראַך?
און איך? אַ וואָס זאָל איך זאָגן!
איך בלעטער א בוך אויף די קני,
און פּלוצלינג איך בין שוין נישט הי, —
איך ווער, ווי אויף פליגל געטראָגן.

א שורה פון אונזער אמאָל, —
עס האָבן די דורות אָן צאָל
דאָ שטיינדלאַך און צוועקלאַך געקליבן!
א שטיינדל פון טאָל און פון בארג,
א צוועקל פון גאַס און פון מארק
און אונז איז א פּאַלאַץ געבליבן.

די שטיינדלאַך פון טאָל און פון בארג,
די צוועקלאַך פון גאַס און פון מארק, —
ווער קאָן זיי דען איצטער דערקאָנען!
גיגאַנטיש הייבט אונזער סטרוקטור
דעם קאָפּ צו דעם בלויען לאַזור
און בלענדט מיט די הויכע קאַלאָנען.

דאָך הענגט נישט קיין שלאָס אויף דער טיר,
עס זיינען פאַר דיר, ווי פאַר מיר
די טירן פּאַנאַנדער געפּראַלטע,
פון דילן, פון באַלקנס און ווענט
אין אייביקן זונליכט צעבלענדט,
באַגריסן אונז דורות צעשטראַלטע,

װאויל איז אונז, קינדער פון הײַנט,
װאָס פלאַקערט אויף אונז און עס שײַנט
דאָס ליכט פון די זײדעס און טאַטעס.
צום מאָרגן איז לײַכטער דער גאַנג,
װען אונטער אונז הערט זיך דער קלאַנג, —
דער עבֿאָ פון זײדעס און טאַטעס.

עס גליטשט זיך דאָס בוך פון מײַן קני
און אָט בין איך װידער שוין הי, —
דאָס צימער מיט זונליכט באַגאָסן.
אַ פליג מיט אַ שטילן זשום־זשום
װיגט אום זיך אין לופטן אַרום
און דו האָלטסט די אויגן פאַרשלאָסן.

זשום־זשום און זשום־זשום,
דײַן פּנים פאַרחלום׳ט און פרום
פון פליגישן ניגון.
— איז אידיש אַ שפּראַך?
איך קוק אויף דײַן פּנים און לאַך
און בין איצט מקנא די פליגן.

הייליקע זייער

ליפא לעהרער׳ן

טרוקענע פעלדער און וועגן,
שטיינער און שטעכיקע דערנער,
קומען מיר דא זיך אנטקעגן
הייליקע זייער מיט קערנער.

זיינען מיר נישט קיין געגארטע,
טוען מיר וואס מיר באדארפן
איבער דער ערד, דער פארדארטער
גראבן זיך רידלישע שארפן.

זיינען די פים פול מיט וואונדן?
ווער האט דען צייט זיי צו פילן!
העל האט די זון זיך צעצונדן,
גילדענע שטראלן זיך שפילן.

רידל און לאם פאר די דערנער!
ערד ווערט מיט שוויים דא גערייניקט,
הייליקע זייער מיט קערנער
גייען און זייען פאראייניקט.

שטיינער און דערנער דערלעבן?
גראבן מיר, זייען מיר היי־יאר?
איבער א יאר מ׳עט דערלעבן —
הויפנס מיט תבואה אין שייער!

מיר

חיים ליבערמאַנ׳ען

גלעקער קלינגען מיט באַדויער,
נאָר ניט טרויעריק איז אונז דער קלאַנג.
מיר, וואָס האָבן ניט איין טויער
דורכגעשפּאַנט אין אונזער גאַנג,
הערן מער שוין ניט קיין טרויער
אין אַ גלאָקן קלאַנג.

הינטער אונז אַ שאַרפער צייכן
פון פאַרביי געשפּאַנטן טראָט,
פאָראויס נייע וועגן בלייכן,
גייען מיר אויף גאָט׳ס באַראָט.
ערגיץ וועלן מיר דערגרייכן
מיט באַנייטן טראָט.

באַרג נאָך באַרג אַרויף אַרונטער,
אָט צעגרינט זיך נאָך אַ באַרג.
זון צעגליטע, רויט ווי צונטער
איז מיט שיין צו אונז ניט קאַרג.
שפּאַנען מיר און זינגען מונטער
פון אַ באַרג צו באַרג.

בערג און בערגלאַך פיל אומצייליק,
אונזער טראָט איז נאָך ניט מיד.
אַלץ איז גוט, און אַלץ איז הייליק,
הייליק אויך איז אונזער ליד.
ערגיץ וואו איז יעדנס חלק
אָפּגעטיילט, און אָפּגעהיט.

גלעקער קלינגען: אוי און אוי׳ער,
פרעג פאַרוואָס, און פרעג פאַרוועמען!
מיר, וואָס האָבן ניט איין טויער
דורך די וועגן שוין געזען,
וועלן גאָר אַ נייעם טויער
אויפן וועג דערזען.

אונזערע שפּראַצן

אידישע דיכטער ביי אַלעמענס ברעגן.
ווער ביי דער ווייסל, און ווער ביי דעם האָדסן.
אונטער דעם שניי און דעם האָגל און רעגן
וואַקסן צעבליטע צום הימל אַנטקעגן
אונזערע שפּראָצן.

אונזערע אויגן צו זוניקע הויכן,
אונזערע הענט באַם רידל און אַקער.
דורך די פאַרשידנקאָליריקע רויכן
רייסן מיר אַלע זיך דאָ צו די הויכן
אין אונזער פלאַקער.

פלאַקער־זשע, פלאַקער־זשע העלער, מיין פייער,
דו אונזער איינציקער צייכן אַנטקעגן!
וואָס נישט דערוואַקסן, דערוואַקסן וועט היי־יאָר,
מערן וועט זיך אינם אייגענעם שייער
אונזער פאַרמעגן.

ווער ביי דער נעווע, און ווער ביי דער טוריע,
איך זינג מיין ליד ביי דעם פּליסיקן האָדסן.
פון דעם כנרת און די חמי־טבריה
ביז צו די טייכן פון וויטן מאַנדזשוריע, —
אונזערע שפּראָצן.

משה לייב האַלפּערן

אַ טיגער יאָגט זיך נאָך אַ הערש אין וואַלד,
אַ לייב פאַרמאַטערט טוט צאַרנדיק דעם קאָפּ אַ הויב,
דער אומרו פון אַ וואָלף, — אַ דונער זיך צעקנאַלט —
העי, משה לייב! העי, משה לייב!

די האָר, — זילבער־דראָטלאָך צעבויגן אויף זיין קאָפּ
און ליפּן וועלפּישע אַי גראָב, אַי ברייט
און רעדט ער, פאַלן דענצמאָל זיינע רייד,
ווי כוואַליעס פון אַ הויכן באַרג אַראָפּ.

פון וואָס־זשע רעדט עס אונזער משה לייב?
וואָס איז דער אונטערשייד פון וואָס?
צי ווייסט דער טיגער דען, צי ווייסט דער לייב
די סיבה פונם אויפברויז און פאַרדראָס?
צי ווייסט דער אָדלער דען, פאַרוואָס ער טוט אַ הויב
די פליגל זיינע און אין דער הויך זיך אַ צעלאָז?

דער גאַסנפּויקער און זיין מיץ מיט גלעקלאַך
צעדזשימדזשעט און צעבראַזגעט זיינע טאַצן. —
די וועלט איז פויל, — צעפּאַלט זי זיך אויף ברעקלאַך
און מענטשן לויפן אום ווי ווילדע קעץ און ראַצן.

די ברילן צוגעקאָוועט צו זיין תאווה׳דיקער נאָז,
זיצט ער אַמאָל מיט אונז און איז נישט הי.
ווי פרילינגס־ווינטל איבער פריש־צעגרינטן גראָז,
שוועבט דאַן פאַרביי פאַר אים זיין „גינגעלי" —
העי, משה לייב! העי, משה לייב!
וואו ביסטו עס מיט „גינגעלי׳ן" אַצינד? —
דער טיגער איינגעשטילט, — דער לייב
פאַרשפּילט איז, ווי אַ קינד.

ארום איז אַ געדויש פון לעפל, טעלער און פון רייד
און אין דעם אַלץ, — דער אומרו משה לייב׳ס — זיין צער, זיין פרייד.
דער אומרו פונם וואַלף, די רו פון שווערן בער,
וואָס רוקט זיך מיט די לאַפּעדיקע טריט אַהער
און דענצטמאָל ביסטו לעבן אים אַ גרעזל אין אַ שטורעמדיקן וואַלד,
עס דאַכט זיך דיר, אַז באַלד, אָט באַלד
און ער, — אַ הויב טאָן וועט די פויסטן אין דער הויך
און אין עלעקטריק־ליכט געמישט פון דעם ציגאַרן־רויך
וועסטו אין מיטן פון אַ שטורעם זיך דערזען
און עפּעס גרויזאַמס וועט געשען.

אַזוי־אַ זיצט ער שעה׳ענווייז מיט אונז דאָ אין קאַפע, —
אַ קינדיש פלאַפּלעריי און חיה׳שער געשריי
און ביידע אַזוי פלוצלונג, אַזוי אומגעריכט.
אין דעם עלעקטריק־ליכט
ציטערט זיין געזיכט
פאַר מיר,
פאַר דיר,
פאַר אים אַליין.
פאַר אַלצדינג, וואָס שיין, —
צי מענטש, צי פליג, —
אַ ווילדקייט אין זיין בליק,
נאָר וויפיל שיינקייט איז דען דאָ? —
אַ רגע אין דער שעה,
אַ פינטל אין אַ שפּינגעוועבס, —
די רגע׳ס און די פינטלען זיינען בלויז די משה לייב׳ס.

ז. ווײַנפּער

מאַני-לייב

דאָס שטילע ליד פֿון מאַני־לייב, —
אַ זילבער שפּילנדיקע פֿלייט.
דורך בלויער פּיין און ווייסער פֿרייד,
דער קרעאַטור אַ לויב.

אַ קינד פֿאַר'חלומ'ט ביי אַ שויב
מיט אויגן אָפֿענע און שווייגנדיקערהייט, —
אַ שוואַן, — די פֿליגל אויסגעשפּרייט
טוט צו דעם הימל זיך אַ הויב.

די זון גייט אויף, די זון פֿאַרגייט,
אַ שטראַל רירט אָן אַ טיר, אַ שויב.
און אין אַ ווינקל זיך פֿאַרקלייב
און שאַ און שטיל און שווייגנדיקערהייט
פֿאַרנעם די פּיין, פֿאַרנעם די פֿרייד, —
דאָס שטילע ליד פֿון מאַני־לייב.

יוסף ראָלניק

ביים ליכט פון דער וועלט,
ביים גרויסן נר־תמיד
האָט ער זיך געשטעלט
ביים פשוט׳סטן עמוד.

אַ טישל אַ פּראָסטס,
און איינפאַכער סידור, —
ער איז נישט פאַרלאָזט
פון שוועסטער און ברידער.

מען קומט און מען הערט
נישט דווקא בעל־כּרחו,
מען זאָגט־נאָך פאַרקלערט
זיין קדושה און ברכו.

זיין ליד און זיין וואָרט
איז אַן „ואם תאמר“, —
זיין ליד און זיין וואָרט
איז ברוך שאמר.

צום דיכטער מיט דער גענדזענער פען

צעשטערט און צעבראָכן איז אַלץ, וואָס געווען ביז אַהער,
כאָטש נעם פונם ווינקל דעם בעזים און קער און פאַרקער.
דאָס נעכטיקע גאַנצקייט איז ברוכוואַרג אַצינד אויפן מאַרק, —
קויפט קונים, — אַ פעני אַ הויפן, אַ ניקל אַ באַרג!

עס ראַנגלט אין לופט זיך דער אַפּהילך פון נעכטיקן ליד
און שטאַרבט אָפּ צוביסלאַך, ווי ווייטע דערווייטערטע טריט,
פאַרנעמט־זשע דעם אַפּהילך, ווייל באַלד איז ניטאָ שוין אויך ער, —
איז שיינקייט פון נעכטיקן ליד שוין קיין שיינקייט ניט מער?

פאַרשעמט און פאַרלאָזט איז דער דיכטער מיט דער גענדזענער פען,
אַזוי ווי ער וואָלט אויך אַליין אַ שטיק ברוכוואַרג געווען.
דער לאָרבער־קראַנץ זיינער אויף דר׳ערד אונטער אייליקע פיס,
דער לאָרבער־קראַנץ זיינער, ווי געל און פאַרוועלקט שוין ער איז!

און מיר, מיט די קוואַלפענס פון ביין און פון גלאַנציקן גאָלד,
מיר וועלן, ווי ער, מיטן זעלבן אויך ווערן באַצאָלט.
דאָס גאַנצקייט פון נעכטן ווערט היינט דאָ צעבראָכן, צעשטערט,
דער שיינקייט פון היינט איז אויף מאָרגן, דאָס זעלבע באַשערט.

אַ בעטלער האָט היינט ביי מיין פענצטער געזונגען, געשפּילט,
האָב איך, אין זיין זינגען און שפּילן, דערהערט און דערפילט
דאָס וויינען פון ברוכוואַרג, וואָס איז אַמאָל ערשט גאַנצקייט געווען,
דאָס שטילע געוויין פונם דיכטער מיט גענדזענער פען.

אַ דיכטער פון נעכטן, אַ דיכטער מיט פען פון דער גאַנדז!
איך הויב אויף פון דר׳ערד דיין פאַרוועלקטן, צעטראָטענעם קראַנץ.
און לייג אים מיט מיינעם, וואָס האָט זיך אַט ערשט היינט צעבליט,
דער טראָט פונם היינט איז צום נעכטן מיט קייטן געשמידט.

עס פּאַקט שוין דער היינט צו דעם נעכטן די פּעקלאַך אין וועג,
דער מאָרגן וועט אויך, ווי דער היינט צו דעם נעכטן אַוועק.
עס ציטערט מיין גילדענע קוואַל־פען אין האַנט אויף מיט צער —
אַט לעבט זי, און באַלד אַן אַנטיקל פאַר דעם אַנטיקוואַר!

אימאָרטעל

דער זייגער אין מיין הויז
טוט יעדע שעה אַ שלאָג, —
אַ שעה איז דאָ, אַ שעה איז אויס,
אַ נייע שעה באַם ראָג.

דער הארבסט פארבייט דאָס גרין אויף געל
פון יעדן גראָז און בוים, —
דאָס גרין איז אין דעם געל,
כאָטש מען באַמערקט עס קוים.

דער נעכטן שיינט אויף העל
און ליכט פון היינט
און ביידע באַ מיין שוועל,
ווי גוטע פריינט.

אמאָל וואָלט וויטמאַן, פרץ, פרוג,
יהואש, ראָזנפעלד, שעקספיר, —
צי ריידן זיי אויך איצט נישט קלוג
דורך אים און דיר און מיר?

אַ שעה אַ שעה געבערט,
די שעה איז אימאָרטעל, —
דעם נעכטנס טראָט זיך הערט
אויך היינט דאָ באַ מיין שוועל.

ז. וויינפער

צו אייך...

די ווערטער אייערע, ווי פייערצונגען אין דער הויך,
ציען זיך דורך שווערע וואָלקנס שטיקענדיקן רויך.
און יעדעס וואָרט וואָס פאַלט איצט אויף מיין האַרץ און קאָפּ,
אַביסל פון מיין האָב און גוטס ברענט אָפּ, —
אָ, גוטסקייט מיינע, היט מיך אָפּ!

עס דרייען פייערדיקע רייפן בליציק זיך פאַר מיר
און אין געדריי מישט אויס קאָליר זיך אין קאָליר.
אזוי אָ מישן זיך קאָלירן אין אַ קאָכנדיקן טאָפּ,
אזוי אָ ווישט איין פאַרב די צווייטע אָפּ, —
אָ, גוטסקייט מיינע, היט מיך אָפּ!

דער הימל האָט מיט רויט זיך אַ פאַרצי געטאָן,
עס שטייט מיין ביסל האָב און גוטס אין קאָן.
מיין האָב און גוטס — דאָס גוטסקייט, וואָס איך האָב.
אָט־אָט, און דער צעפלאַמטער הימל ווישט עס אָפּ, —
אָ, גוטסקייט מיינע, היט מיך אָפּ!

איך וויים, עס וויינט דער חלף אינם שוחט'ס הענט,
ווען אונטער אים אַ לעבן ווערט פאַרלענדט.
דאָך, ווען דער אָקס גייט אויס, פאַרוואַרפנדיק דעם קאָפּ,
און טוט זיך מיט די הערנער אין דער ערד אַ גראָב, —
אָ, גוטסקייט מיינע, היט מיך אָפּ!

שוין לאַנג, אז איך האָב כורת ברית געווען מיט זיך אליין
צו ענטפערן מיט גוטסקייט בלויז אויף יעדן שטיין,
און איצטער, ווען דער שטיין לאָזט שווערלאַך זיך אַראָפּ,
און צילט זיך צו מיין האַרץ און קאָפּ, —
אָ, גוטסקייט מיינע, היט מיך אָפּ!

נאָך יהואַש׳עס לויה

כ׳האָב היינט געזען אַרונטערנידערן דיך אין דיין גרוב,
און איצטער זיץ איך אין אַ ווייכן שטול ביי זיך אין שטוב,
און בלעטער ביי דער שיין פון לאָמפּ דיין לידער־בוך.
אין אויער קלאַפּט און עכאָט אָפּ דער ברוך,
וואָס לאָם און רידל האָבן אין דער ערד געמאַכט.
די ערד — אַ גאָלדיקע. איך האָב אַהיים געבראַכט
פון איר אַ סימן אויף די קליידער און די שיך,
און גאַרנישט שווער איז מיר צו טראָגן זיי אויף זיך.

בייטאָג האָב איך געזען אַ שטח ערד מיט שניי באַדעקט,
און לעבן מיר האָט זיך אַ גאָלדן בערגעלע צעפּלעקט, —
אַ גאָלדן בערגעלע, ווי גאָלדיק ס׳האָט די זון געבלענדט!
אָ, וואָלסטו אויף דער שיינקייט קוקן דאַן געקענט! —
אַ ווייסער שטח מיט אַ גאָלדן בערגעלע אין מיט —
איך מיש דיין לידער־בוך און טראַכט זיך: ס׳אַ ליד
עס וואָלט אַ זינג געטאָן דיין דיכטער־האַרץ דערפון, —
אַ שטח שניי, אַ גאָלדן בערגעלע און איבער זיי — די זון.

אַ גאָלדן בערגעלע; ווי גאָלדיק ס׳איז דיין יעדער אות —
(אין גאָלד טוט אָן זיך יעדער בוים און יעדער גראָז,
ווען הארבסט באַווייזט זיך איבער באַרג און טאָל.)
פאַרגיב, וואָס כ׳האָב אַמאָל, אַמאָל דיין קול
פאַרנומען ניט אַזוי, ווי איצטער אין מיין שטוב.
כ׳האָב היינט געזען אַרונטערנידערן דיך אין דיין גרוב,
און איצטער אין דער שטילער אָוונט־שעה,
דיין לידער־בוך מיט מיר, און דו ביסט ווידער דאָ.

ז. ווײַנפּער

דער פּאָעט

א.

א שטערן גליט אין מיטן הימל, גליט און שטראַלט
און פּלוצלונג בליצט ער אויף און פֿאַלט, —
און ווערט נישט.

זײַן ליד, זײַן אויסגעלײַטערט וואָרט, דורך פֿרייד און צער,
האָט ער נישט אײנמאָל שוין געשיקט צו גאָט, זײַן האַר,
נאָר ער דערהערט נישט.

איצט רײַסט ער שטיקערווײַז פֿון זיך אַליין,
אַמאָל דורך אַ געזאַנג און אָפּטמאָל דורך געוויין,
זײַט שטיל און שטערט נישט!

ב.

דער מאָרגן וועקט זיך אויף מיט גאָלדיק־רויטן גלי
און ווי אַ חיה פֿון אַן אָפּגעברענטן אײַזנברי
פֿאַרשווינדט די נאַכט פֿון דאַנען.

און ער האָט ווי אַ הונט אָט־דאָ געוואַכט, געוואַכט,
דעם שטערנגלי, דעם שאָטנשפּיל, די פֿינצטערניש פֿון נאַכט
באַנומען און פֿאַרשטאַנען.

איצט טוט דער מאָרגן זיך מיט גאָלד און זונשײַן אַ פּאַרצי,
עס וועקן זיך די פֿייגל און די נעסטן מיט אַ פּלי,
די קראָען, ווי די שוואַנען.

ג.

קראַ־קראַ! קראַ־קראַ! — אין גאָלדיק־העלער מאָרגנשעה
הייבט אויף זיך, קראַקענדיק אַ שוואַרצע קראָ
מיט אויסגעשפּרייטע פֿליגל.

און גלייך נאָך איר, דעם העלן מאָרגן, גריסנדיק,
וויגט אום אַ טויב זיך אין דער לופט אַהין־צוריק
ווי אַ קינד אין וויגל.

און אונטן צווישן גראָז ליגט אויסגעשפּרייט אַ טייך,
און אין דער מאָרגנזון איז ער פאַר קרא און טויב צעגלייך
אַ גלאַנצנדיקער שפּיגל.

ד.

אַמאָל האָט ער געוואוסט וואָס איז אַ קרומער און אַ גלייכער וועג,
געוואוסט האָט ער אויך, וואָס מען מעג
און וואָס מען טאָר נישט.

און איצט! — עס זענען אַלע וועגן קרום און גלייך,
און ציען אַלע נישט, ווי וועלן אויף אַ טייך
צום גאָרנישטדיקן גאָרנישט?

פאַרליבט איז ער בלויז אין זיין ליד אַליין,
כאָטש, ווי אַ רעגנטראָפּן אויף אַ שטיין,
באַרירט עס קיינעם אויף אַ האָר נישט.

ה.

ער האָט דאָס בעט, זיין פרוי און היים פאַרלאָזט
און ווי אַן אַלטער בעטלער מיט אַ לירע זיך אַוועקגעלאָזט
אויף ברייטע און אויף שמאָלע וועגן.

דער אויסגעשפּרייטער הימל איז געוואָרן זיין געצעלט,
זיין שפּייז, דאָס גראָז און דאָ און דאָרטן אויף אַ פעלד
אַ שטיין, דעם קאָפּ אַוועקצולייגן.

און אויף זיין לירע שפּילט ער אומגעשטערט די פרייד און צער, —
אַמאָל איז דאָס געווען צום גרויסן גאָט, זיין האַר,
און היינט צום ווינטל אויף די וועגן.

ו.

זיין פרוי, אַן אויסגעבלייכטע מיט אַ זויג־קינד אויף די הענט,
האָט אויף אַ ראָג אים צווישן ליידיקגייערס הייגט דערקענט
און אים דערציילט פון זיינע קינדער.

אַ זקן איינגעבויגגן מיט׳ן רוקן צו דער ערד,
וואָס האָט אַמאָל זיין נאָמען וואו געהערט,
האָט אים געריפן: „בלינדער!״

אַ חכם האָט זיך אים אינמיטן וועג געשטעלט
און אים געזאָגט: — אַ פאַסטוך לאָזט נישט אויפ׳ן פעלד
די שאָף און רינדער!

ז.

אַ מסור׳ניק האָט איבער אים אַ פּאָך געטאָן
מיט גאָר אַ שפּאָגל־נייער פלאַטערדיקער פאָן,
גערעדט האָט ער פון גרויסן שפּעטער.

„דאָס לעבן איז אַ שפּיציק־הויכער באַרג! —
האָט ער געדונערט הויך און שטאַרק —
און קלעטער! קלעטער!״

און פאָכענדיק אויף אים די פלאַטערדיקע פאָן
האָט ער מיט ברויזנדיקן צאָרן אים אַ רוף געטאָן: —
פאַררעטער! דו פאַררעטער!

ח.

און ער האָט אַלעמען געהערט, געהערט
און הערנדיק, האָט ער געהערט די ערד,
וואָס האָט געשמעקט מיט טוי און גראָזן.

דער טוי איז בלוי, דאָס גראָז איז גרין
און ביידע וויגן זיך אָן ציל, אָן זין,
האָט ער זיך אויף דער ערד אַראָפּגעלאָזן.

א קינד האָט פון א דינעם, לאַנגן שטרוי,
געלאָזן אין דער לופטן גלאָט אזוי
קאָלירנדיקע זייפנבלאָזן.

ט.

די שווערע רייד, וואָס ער האָט היינט זיך אָנגעהערט,
צעוואַקסן האָבן דאָ און דאָרט זיך פון דער ערד
אין שטעכנדיקע דערנער.

אין צווישן זייפנבלאָזן, טוי און גרינעם גראָז,
האָט פּלוצלונג אין א טאַנץ א ווילדן זיך געטאָן א לאָז,
א שד מיט הערנער.

די זון האָט זיך אין מעריב־זייט קאָלירנדיק צעברענט
און טוי און גראָזן האָבן זיך געמישט, געבלענדט
מיט שדים און מיט דערנער.

י.

און צו דער מעריב־זייט, צום זונפאַרגאַנג,
האָט פּלוצלונג זיך א הויב געטאָן זיין פול געזאַנג,
געזונגען האָבן אַלע זיינע גלידער: —

צום דאָרן און צום גראָז, צום שד און אויך צום טוי,
צום קינד דעם שיינעם מיטן לאַנגן, דינעם שטרוי,
וואָס בלאָזט מיט זייפנבלאָזן ווידער, ווידער.

און איבער אַלץ און אַלעמען א ליד צו זיך אליין
אַט דורך געזאַנג און אַט דורך א געוויין, —
א ליד, צו זיינע לידער!

בײַ דער גרעבליע

לחיים

דאָס לעבן אונזערס, — יאָ מיסטעריע, נישט מיסטעריע,
עס איז אַ בוך אַ צוגעמאַכטס, אַן אויפגעמאַכטס.
מײַן שטעטל לעבט אין מיר, און װעגן האָצעפּלאָץ און טבריה
האָב איך מעשה'לאַך געהערט אין אַ שבת־צונאַכטס.

האָצעפּלאָץ און טבריה, צפת, באָמבעי און ירושלים,
די לעצטע האָב איך שפּעטער דאָך אַליין געזען, —
אין טריסק טרינקען פרומע אידן אָפט לחיים
און װינטשן זיך די עיר־הקדושה צו דערזען.

ירושלים, — אַן עלטער טריסק און מיט מערער קברים,
נאָר מיר איז ליבער טריסק, װײַל דאָרט בין איך געבוירן, —
די ערשטע איז אַ שאָף, װאָס האָט פון סטאַדע זיך פאַרלאָרן,
די צװייטע זוכט איר שפּײַז, װי אין דער ערד דער װאָרעם.

און איך? — איך לעב גאָר איצטער אין דער מעטראָפּאָליע,
װאָס הייסט נויאָרק, און בין דער אָפּשטאַם פון זיי בײדן
און אינם גרויסן טומל, שפּאַן איך אום פּאַװאָליע,
װײַל אין מײַן טראָט איז דאָ די רחבות פון מײַן זיידן.

מײַן זיידעס רוט אין טריסק, מײַן עלטער־זיידע אין ירושלים
און איך װעל רוען ערגעצװאו אַרום נויאָרק מסתמא, —
די אָרעמס פון דער ערד װעלן, װי אַ גוטע מאַמע
מיך איינשלעפערן, װי זיי, — נאָר דערװײַל, לחיים!

צו װעמען און צו װאָס? עס זאָל מיך אָנהויבן צו אַרן, —
דאָס גלאָז איז פול, דער װײַן איז פון די ריינסטע טרויבן
און טרויבן, אַז זיי װאַקסן, קאָן מען אומעטום זיי קלויבן
און לאָפּעטעס, װאָס שאַרן, װעלן אומעטום פאַרשאַרן.

לחיים, גלאָז מײַנס! — עס שײַנט די זון אויף אַלע װעגן,
און איז קיין װײַן נישטאָ, איז אומעטום דאָך שלעכט, —
אין ים־הגדול שווימט אַרום אַ ריזיק־גרויסער העכט
און שלינגט די פיש, די קלענערע אַרײַן בײַ אַלע ברעגן.

מיין שטעטל

מיין בענקשאפט האט אהינצו מיך געטריבן
און וואס איז מיר פון דארט געבליבן ? —
דאס זעלבע שטעטל און די זעלבע שטיבלאך,
די זעלבע וועגן שטויביקע מיט גריבלאך,
דער זעלבער טשוואק אין מיט פון אונזער סטעליע,
די זעלבע חתונה און אלץ די אייגענע קאפעליע,
דער זעלבער מארק, נאר היינט אביסל לערער,
דער זעלבער יצחק, נאר ער האט די קו נישט מערער.

וואס מאכט רב יצחק ? — נו וואס זשע זאל מען מאכן ?
א יונג וואס הערט זיך אונטער הויבט אן לאכן,
נאר ער דערלאכט נישט, — אז ווייל איז דעם געלעכטער !
רב יצחק מורמלט : — אוי גאט איז א גערעכטער,
מיט זיין הסכמה האט מען מיר די קו פארנומען,
מיט זיין הסכמה בין איך היינט צו בעטלברויט געקומען.
וואס זשע טוט מען ? נו וואס זשע זאל מען טוען ?
אז גאט וועט געבן, וועט מען שוין אין קבר רוען.

אברהם סטעלמאך איז געשטארבן און זיין זינדל איציע
פארטעסעט מיט'ן זעלבן העקל פאר א וועגעלע א שפיציע.
די קלויסטערס סטארטשען מיט די צלמים צו דעם הימל
און דער בית־מדרש, איינגעהויקערט כאפט א דרימל,
די קלייטלאך אויפן מארק, ווי די קבצנים אום חול מועד,
אויף גויאיש געסל שטייט א הונט און וואויעט.
אויף וואס ? אויף וועמען ? קאן זיין אויף זיך, אויף זיינע יארן
און אויף דעם שטעטל, וואו גארנישט איז דא אנדערש נישט געווארן.

אַ טריסק! דעם אוראַדניק, וואָס איז שווער אויף דיר געריטן,
האָט היינט אַ וואָנצלדיקער קאָמענדאַנט פאַרביטן.
ווי דענצטמאָל קרעכצסטו אונטער האַנט, דער שווערער,
כאָטש דער מלמד הייסט בא דיר שוין היינט אַ לערער.
אַ ריינער הימל איבער דיר, נאָר אויפ'ן מארק איז אַלץ אַ בלאָטע
ר' משה גרויסמאַן טראָגט נאָך אַלץ די אייגענע קאַפּאָטע
און אידן קרעכצן נאָך בא דיר מיט די זעלבע „אָך'ן"' —
די באָד איז אָן אַ דאַך, דער פּאַרקן פון בית עולם איז צעבראָכן.

אַ שטעטל מיינס! — די גרויס, ווי פון אַ נאָדל־לעכל
איך האָב אויף דיין בית־עולם אויפגעשטעלט אַ צוימל מיט אַ דעכל
מיין טאַטנס קבר צו באַשיינען, נאָר ווער זשע וועט די לעבער
פאַרריכטן איבער דיינע קוימענס און דיינע שינדלדיקע דעכער?
אַ שטעטל פון בערגלסאַנ'ס „נאָך אַלעמען", דו לעבסט מיט האָרן
אויף נסים בלויז און אויף אַמעריקאַנישע דאָלאַרן.
אַ גאַסט איז צו דיין שוועל פון וויטן לאַנד געקומען
און גאָרנישט נישט געבראַכט און גאָרנישט נישט גענומען.

די בענקשאַפט, וואָס האָט מיך אַהין געטריבן
איז אויף צוריקוועגס אַלץ נאָך טיף פאַרבליבן.
צו וואָס זשע בענק איך עס אַצינד, צו וועמען?
און אַז די מיידלאַך ווייסן שוין זיך ווי די האָר צו קעמען
איז אָך און ווי אפילו, ווען דער טאַטע האָט דאָס ביסל נדן,
אין לופטן טראָגט זיך אַלץ דאָס אַלטע קול: — „ואני בבואי מפדן"
אוי טריסק! אוי שטעטל מיינס! בא דעם באַגעגענען!
אוי מאַמע מיינע! שוועסטער מיינע! באַם געזעגענען!

חיה רבקה

חיה רבקה
איז נישט גלאַט אַזוי אַ חיה רבקה,
געבוירן איז זי דאָך אין ראַכמאַסטריווקע. —
אַ שטעטעלע אַ פּרומס, אַ אידיש,
איז וואָס זשע איז דער חידוש׳
וואָס אונזער חיה רבקה
איז נישט גלאַט אַזוי אַ חיה רבקה?

איר מאַן ר׳ בערל
איז אויך נישט גלאַט אַזוי אַ ר׳ בערל.
כעז ווייסט, אַז קיינמאָל האָט קיין שערל
נישט נאָר זיין באָרד, נאָר אפילו זיינע פּאות
נישט אָנגערירט, ווען איך האָב בלויז די מאות,
ווי עס איז די צאָל פון זיינע מצוה׳ס רבות,
וואָלט מיר שוין נישט געפעלט אויף שבת.

פונדעסטוועגן איז ער, ר׳ בערל,
וואָס שיט מיט תורה — ממש פּערל
נישט גלאַט אַזוי פאַר זיך אַליין, ר׳ בערל,
נאָר בערל חיה רבקה׳ס.
וואָס דאַרפט איר מער? איוואַנציע סליווקעס,
דער שבת־גוי און וואַסער פירער,
ווייסט אויך, אַז ער איז א י ר ע ר.

פֿאַר װעלכע מעשׂים טובים?
מסתמא װעל מען אַט אַזױ פֿון אױבן.
אַ אידענע, װאָס דאַרף זײַן באַ דעם אויװן
זאָל דוקא זײַן דער גאַנצער צימעס,
און ער? נישט נאָר האָט ער נישט קײן תּרעומות,
נאָר אדרבא: — מײַנע איז אַזעלכע און אַזעלכע!
כאָטש פֿרעגט בחרם אים, אַװעלכע?

אַ קלײניטשקע, אַ דאַרע,
און נישט קײן יפת תּואר און נישט קײן יפת מראה,
נאָר אַז זי װײַזט זיך, װערט אַ װאָרע: —
אַט־אַ גײט זי! אַט דאָס זאָגט זי!
דאָס פֿרומע מינעלע אין פּנים טראָגט זי
פֿאַר אים אַלײן — זײַן הײליקן און ליבן נאָמען
און שטענדיק נאָר: ברוך הוא ושמו און אמן.

ר׳ אברהמ׳לע טריסקער

אז ר׳ אברהמ׳לע טריסקער איז א בן־שבעים געוואָרן
האָט ער צו זיינע חסידים געזאָגט אזוי צו זאָגן: —
דער חוב פון קדשי־ברוך־הוא איז מיר געגעבן געוואָרן
און איצט וועל איך מיינע טעג, ווי מתנות שוין טראָגן.

און נאָך האָט ר׳ אברהמ׳לע טריסקער געזאָגט: — שבעים שנה
איז חוב, וואָס קדשי־ברוך הוא קומט דעם מענטשן
און מער איז פון זיין ליבן נאָמען שוין בלויז א מתנה
מיט וועלכער עס איז נישט כדאי זיך צו בענטשן.

די עלטער? מע! — נאָר אז זי איז דאָ איז מהיכה תיתי
און אן עברה א גרויסע זי נישט הערלאך צו האַלטן, —
ר׳ אברמ׳לע טריסקער פלעגט זיך קילן אין טעג, אין די הייסע,
און טראָגן א ווארעמען פעלץ אין א טאָג, אין א קאַלטן.

דאָס לעבן איז קדשי־ברוך־הוא׳ס, דער מענטש בלויז דער שומר,
בעדאַרף ער באַהיטן און היטן דאָס לעבן, —
היט אָפּ די נשמה און היט אָפּ דעם חומר,
ווייל ביידע פון קדשי־ברוך־הוא געגעבן.

אזוי פלעגט ער זאָגן, און אין גוף׳ל דעם קליינעם
געטראָגן האָט ער מיט ליבשאַפט און פרייד זיינע עלטערע יאָרן
ביז איינמאָל נישט באַמערקט גאָר פון קיינעם
איז ער, ווי א שבת־ליכט פאַרלאָשן געוואָרן.

אַ שנײ־מענטש

באַנאַכט האָט געשטורעמט אין דרויסן מיט צאָרן
און איצט — די וועלט איז אַ ווײַסע געוואָרן.

עס בלענדט אום דער שניי אין זוניקן מאָרגן,
נו האָבן פאַרקליבן זיך ווייט אַלע זאָרגן.

עס שטיפן אום בערדיקע אידן, ווי אינגלאַך
עס גלאַנצן די אויגן, ווי מעסערשע קלינגלאַך.

ערשט נעכטן אין סאָד. — די ביימער, ווי שטעקנס
און איצטער, ווי כלות פאַרפּוצט צו באַדעקנס.

דער קלויסטער, די שול, — די אייביקע שונאים,
צעבלענדטע אין שניי, ווי צוויי מחותנים.

און איך פּרואוו אַ שניי מענטש באַשאַפן, —
צוויי הענט אין דער ברייט, אַ פּנים צום גאַפן.

אָט שטייט ער, — אין מויל אַ ציגאַר פון אַ ריטל
און נאַקעט איז ער, דער קאָפּ אָן אַ היטל.

די אינגלאַך אַרום אים מיט רויש און מיט ליאַרעם
אין פּראָסטיקן טאָג, — מיר פילן זיך וואַרעם.

און פּלוצלונג באַווייזט זיך דער אַלטער ר׳ לייזער. —
אַ מענטש אָן אַ היטל? — זאָגט ער מיט אַ בייזער.

אַזויגס און אַזעלאַכס קאָן גאָט נישט דערלאָזן,
אָט באַלד וועט אַ שטורעם דעם שניי מענטש צעבלאָזן.

דערהערן די קינדער און שרעקן זיך איבער, —
און לויפן נאָך היטלען אַריין אין די שטיבער.

און אַלטיטשקער שטיפער האַלט איין זיך פון לאַכן, —
אַ זקן! און האָט הנאה אַ שפּאַסל צו מאַכן.

א קו

יצחק משה יאָסל׳ס
האָט אַ קו געקויפט
בענקט זי צו דעם דערפל,
נעמט זי און אַנטלויפט.

מאַכט ר׳ יצחק קולות
ווערט אַ ווילד געלויף,
איז דאָס שטעטל זאַמדיק,
הויבט אַ שטויב זיך אויף.

וויקלט ער דאָס שטעטל,
דאַכט זיך, אַז סאַ רויך,
טרובען פייער-לעשער
מיט׳ן גאַנצן כח.

הויבט אַ איד אָן שרייען:
ראַטעוועט סע ברענט!
נעמען ווייבער קוויטשען,
ברעכן מיט די הענט.

שלעפט שוין ווער אַ קופערט
פון זיין שטוב אַרויס,
איינער כאַפּט אַ תורה
פון דער אַלטער קלויז.

און דעם עק פאַררים,
לויפט די קו און לויפט. —
יצחק משה יאָסל׳ס
האָט אַ קו געקויפט.

אין מיינע לידער

אין שטוב, — משניות'ן, גמרות און פּאָרטרעטן פון צדיקים
און אינ'ם דרויסן, דער טייך און העל צעגרינטע לאָנקעס.
אין שטוב, — דער אומרו פונ'ם זייגער הערט נישט אויף צו טיקן
און אינ'ם דרויסן, שקאָציִשער געשריי און שפּילן פון הארמאָנקעס.

אין שטוב, — דער פעטער יצחק ציט ביים לערנען די גלידער
און אינ'ם דרויסן, א גויעצל מיט א שטרויען בערדל.
אין שטוב, — די מאַמע מיטן גראָבן קרבן־מנחה סידור
און אינ'ם דרויסן, מיין חבר איציע נח'ס פערדל.

אין שטוב, — מיין שוועסטערל אין הויכע שיך און זאָקן
און אינ'ם דרויסן, א באָרוועסע דעם גלח'ס דינסטל, מאַנקע,
אין שטוב, — די שטילקייט ליגט צענויפגעדרייט, דערשראָקן
און אינ'ם דרויסן, א שקאָציש־פריילאכע הוליאַנקע.

אין שטוב, — דער אָוונט פאלט צו אומגעריכט און מיט אמאָל,
און אינ'ם דרויסן — פישער אויפן טייך פישלאָך פאנגען.
אין שטוב, — „אל מלך נאמן, שמע ישראל!"
און אינ'ם דרויסן, שטורקאַץ־ליכט און פישערשע געזאַנגען.

דער דרויסן און די שטוב, — זיי הערן זיך נישט אויף צו שלאָגן, —
איך פיל זיי ביידע נאָך ביז היינט אין מיינע גלידער,
און וואָס איך זאָל נישט זינגען און נישט זאָגן, —
דער דרויסן און די שטוב אין מיינע לידער.

דער מאַמע'ס ניגון

אין שטוב — די פּנים'ער און לויטערקייט פון שכינה, —
די מאַמע לייענט פרום פאַר זיך די תחינה.
און פּלוצלונג הויבן קלויסטער־גלעקער אָן זיך וויגן—
די קלאַנגען ברייט צעגאָסענע און אָפּטמאָל דינע
צעמישן זיך מיט מאַמעס וויינענדיקן ניגון.

אַ זונשטראַל אויפן דיל און מערער אויף די בעטן
און אויף די ווענט רבי'עשע פּאָרטרעטן.
די מאַמע זיצט פאַר'חלומ'ט מיט אַ פרומע מינע
און דורך די פענצטער זונבאַלויכטענע טאַפּעטן
פון לאַנקעס, גילדענע און גרינע.

אַ בוהיי האָט זיך ערגיצוואו צעשריגן
אַזוי הויך, אַז די לופט נעמט זיך צעוויגן
און ברייננגט דורך פענצטער מיר דעם דופט פון קאָנעשינע, —
די מאַמע כאַפּט זיך אויף און הויבט אָן מיטן ניגון
דערלייענען פאַר זיך אליין די תחינה: —

„און זאָלן וועלף זיך איינס דאָס אנדערע פאַרצערן
און זאָלן שעפּעלאַך זיך מער און פאַרמערן.
דער שאַרפשטיין זאָל שטענדיק וועלן שאַרפן
בלויז סערפּן, קאָסעס און די שערן
און שווערדן, שפּיזן זאָל ער ווייט פון זיך פאַרוואַרפן."

די קאַץ צעגויפגעדרייט אין ווינקל ווי אַ בייגל
מאַכט אויף פאַמעלאַכדיק און פויל אַן אייגל
און הערט זיך איין אַ שוויגנדיקע צו דער מאַמעס זאָגן.
די קלויסטער־קלאַנגען שרעקן איבער דרעמלדיקע פייגל
און מיט אַ ליאַרעם נעמען זיי זיך אין דער לופטן יאָגן.

מאַמע

ווי וואָלט איך וועלן זײַן הײַנט בײַ מײַן מאַמען,
אַ שווײַגנדיקער, אָט אַזוי צוזאַמען
זיצן בײַ דעם טיש מיט איר.
איך וואָלט מײַן קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
געפילט דעם ווייכן בליק פון אירע אויגן,
איר ווייכן בליק אויף מיר.

עס וועט אַ מאַמע דאָך נישט פרעגן
אויף וועלכע שלעכטע וועגן
עס איז איר קינד געווען.
זי וואָלט איר קאָפּ בלויז צוגעבויגן
און מוטערלאָך געקוקט מיר אין די אויגן
און אַלץ וואָלט זי געזען.

דערנאָך וואָלט איך איר האַנט געטאָן אַ ריר
און שטיל געזאָגט צו איר:
אוי מאַמע!
האָסט צוגעדעקט מיך מיט דײַן וואַרעם קלייד,
אַ ריר געטאָן מײַן קושן מיט דער האַנט
און אויף די שפּיצנפינגער שטילערהייט
ביסטו אַוועק אין ווינקל צו דער וואַנט.
אַ לעמפּל האָט אין ווינקל מאַט געברענט
און פעדערן געפליקט האָסטו געשווינד
מיט דײַנע ציטערדיקע הענט
מיט דײַנע ליבע הענט
פאַר מיר, דײַן קינד.

בים־באַם

אין זיין חדר א פּאַרמאַכטער,
זיצט א בחור א פאַרטראַכטער,
ווייסט ער נישט פון טאָג און נאַכט,
נאָר ער טראַכט, נאָר ער טראַכט: —
בים־באַם!

אמר רבא... ואם תאמר...
אויף די קני א בוך פון שמר. —
מישט זיך אַדאַלף אוים מיט רבא'ן,
הערט ער אויף נישט צד־השוה'ען
בים־באַם!

אַדאָלף — די וועלט, רבא — יענע
שיין איז, ווי דער „מאָנד" העלענע,
זיינע איז נאָך פיל באַ'חנ'טער
און דער בחור, זינגט ער, ווײנט ער: —
בים־באַם!

מאַרמאָר־הייזער און באַלקאָנען,
זייד און סאַמעט און סאַלאָנען
און ארום אים אזא מיידל
אויסגעפּוצט אין ווייסן קליידל: —
בים־באַם!

רבא, אַדאָלף און דאָס מיידל,
בלאַסער בחור, — דין, איידל,
וויל פארשטיין און וויל באַנעמען,
ציטערן בא אים די ברעמען: —
בים־באַם!

האָט אַ בחור אַ פּרינצעסן
ליב באַקומען און פאַרגעסן,
אַז פּרינצעסנס זיינען רייך
און ער איז צו איר נישט גלייך
בים־באַם!

טרייבן גויים אָן די פערדלאַך,
זיצן אידעלאַך מיט בערדלאַך
אויף סידעניעס היי און שטרוי, —
די פּרינצעסן ווערט זיין פרוי, —
בים־באַם!

גלעקלאַך קלינגען, קלינגען, קלינגען,
אידן זינגען, זינגען, זינגען
רבא, אדאָלף, ביידע פאָרן...
בחור איז פאַרקנס'ט געוואָרן
בים־באַם!

די בלאָנדע פאַנע

געוואוינט האָט קעגן אונזער שטוב א פאַנע
פלעגט די פאַנע שפּילן אויף דער פּיאַנע
איז איר שפּילן געווען אזוי צויבערלאַך,
אזוי צויבערלאַך.

און שעה'ן לאַנגע פלעגט די פאַנע
שפּילן אויף דער פּיאַנע
און איך א אינגעלע פון קעגנאיבער
פלעג קוקן פון מיין שטוב צו איר אריבער, —
א הויז ארומגעצאַמט מיט דינינקע שטאַכעטן,
די לאַדנס בלוי, די פענסטער מיט ראַלעטן
און דאָס שפּילן אזוי צויבערלאַך,
אזוי צויבערלאַך.

און נישט אזוי די פּיאַנע,
ווי די פאַנע, —
צוויי בלאָנדע צעפּ,
א בלוזקעלע מיט פּערלמוטער־קנעפּ
און הענט אזעלכע דינע, ווייסע
און געווען איז אָט אזא מין מעשה, —
א אינגעלע האָט סיי אין שטוב און סיי אין חדר
באַם דאַוונען, באַם לערנען, כסדר
געחלומ'ט פון עפּעס א פּרינצעסן
וואָס בענקט נאָך אים און קאָן אים ניט פאַרגעסן
און איז'ן איז זי, ווי די פאַנע
בא דער פּיאַנע.

ז. ווײַנפּער

רב משה איציק׳ס

צוויי גרויע וואָנצעס און אַ בערדעלע אַ שפּיציקס
און רופן, רופט מען אים ר׳ משה איציק׳ס
פאַרוואָס דער „ר׳", אַז בערדל איז געשווירן?
נאָר אַז אַ איד איז אין אַן אַרבעלע געבוירן
און איז דערצו אַ זון פון אַזאַ טאַטן, ווי ר׳ איציקל מנשה׳ס
איז דאָך ניט שייך דאָ קיין קשיות.

אין שטעטל איז ער נאָך ביז היינט דאָס אויבערשטע פון שטייסל,
כאָטש אָפּטמאָל וואָגט שוין איצט אַן אַנאַדער באַלעבעסל
אַ פּלאָנטער טאָן זיך צווישן זײַנע טריט, נאָר ר׳ משה איציק׳ס
בלײַבט אַלץ ר׳ משה איציק׳ס, גלעט דאָס בערדעלע דאָס שפּיציקס
און וואַרפט אַ בליקעלע אַ זײַטיקס אָט אַזוי, אַז באַלעבעסלאַך
דערפילן זיך, ווי די קונדסים, אויסגעפּאַטשטע אין געזעסלאַך.

דאָס שטעטל איז נאָך אַלץ דאָס זעלבע. קבצנים׳לאַך אויף דריקעס
דערציילן, ווי עס האָבן דאָ פאַרבײַגעשפּאַנט די באָלשעוויקעס,
נאָר אַנדערש איז דער טאָן, ווי זקנים פלעגן ריידן פון די היידאַמאַקעס.
נישטאָ קיין שנאה. אדרבא, — עפּעס גאַרניט קיין הוליאַקעס
ווי פּאָניעס דאַרפן זײַן. מען הערט נישט אויף איבערצודערציילן
פון יענע בראָוועסע, וואָס האָבן אַלץ גערעדט פון טיילן, זיך צעטיילן.

צעטיילן זיך מיט וואָס? ביז היינט באַגרייפט מען נישט אָט די דבורים
און כאָטש מען ווייסט, אַז דאָ געפינען זיך אויך איצט מיידלאַך און בחורים
פון יענע... נאָר קיינער וואָגט קיין נאָמען אויפ׳ן מויל נישט ברענגען.
אויך ער, ר׳ משה איציקס, וויל נישט אַז מען זאָל אַ אידן הענגען.
ר׳ משה איציק׳ס! — עס איז קיין סוד אינ׳ם שטעטל,
אַז צווישן יענע, איז אויך זי, זײַן בת יחידה עטל.

ר׳ משה איציק׳ס האָט פֿון עטלען אויף דער עלטער נישט קיין נחת,
דאָס גאַנצע שטעטל האָט פֿאַר אים דרך ארץ, נאָר זי טוט אים להכעיס,
אַמאָל מיט חיים ברוך׳ס באַנדע און היינט מיט יונה בער׳ן
זאָל כאָטש דער קאָמענדאַנט דערפֿון נאָך נישט געוואָרע ווערן.
וואָס איז, עס פֿעלט איר עפּעס? נאָר זי חבר׳ט זיך מיט דינסטן,
מסתמא אַזאַ מאָדע שוין באַ אָט די קאָמוניסטן.

דאָס זעלבע, ווי אַמאָל, נאָר דענסטמאָל האָט מען זיי גערופֿן: ציציליסטן,
ר׳ משה איציק׳ס טראַכט פֿון פּריסטאַוו, וואָס האָט געהאַט אַ סוף אַ וויסטן
פֿון חיים ברוך׳ס וואָס האָט פֿון אים די שליפֿעס אָפּגעריסן,
נאָר דאָס איז דאָך געווען איין טאָג בלויז. אויף מאָרגן האָבן זיך אַריינגעריסן
די פּאָליאַקן און חיים ברוך׳ס האָט נעבאַך זיך געמוזט אָפּטראָגן, —
מען זאָגט אַז דאָרטן האָט ער זיך צו אַ יעדנעראָל „טשין" אויש דערשלאָגן.

נאָר דאָ איז דאָך נישט דאָרט, כאָטש מער נישט, ווי אַ מייל צום גרעניץ,
ר׳ משה איציק׳ס גלעט דאָס בערדל און טוט אַ גרויסן גענעץ
אויף דעם מאַרק און אויף די שטיבלאַך איינגעהויקערטע און אַלטע,
אויף קרעמער ביי די שוועלן פֿון די קליינטלאַך אויפֿגעפּראַלטע,
אָט ווי אַמאָל, — נישט מער, אַנשטאָט פֿאַר׳ן פּאָפּ מיט די לאַנגע פּאָלעס
ציט ער דאָס היטל פֿאַר׳ן קסיאַנדזש, וואָס שפּאַנט אַרום אין זיידנס און
אין אַטלעס.

נאָר דאַנקען גאָט ר׳ משה איציק׳ס איז נאָך אַלץ ר׳ משה איציק׳ס,
בלויז גרויער זיינע וואָנצעס און גרוי דאָס בערדעלע, דאָס שפּיציקס,
ווי פֿריער באַ דעם פּריסטאַוו, איז היינט ער באַם סטאַראָסטע,
דער שתדלן פֿאַר די אידן פֿונ׳ם שטעטל פּשוטע און פּראָסטע
נישט מער, אַמאָל האָט ער געבאַפּט אַ קערבל און היינט אַ זלאָטע
און זלאָטעס, זאָגט ר׳ משה איציק׳ס, זיינען בלאָטע.

נאָכאַלעמען

נאָכאַלעמען איז גאָרנישט אזוי שלעכט צו לעבן,
שטייסט אויף פרימאָרגן, פילסטו ווען אָפּצוגעבן
א לויב דערפאר, וואָס דורך די שויבן
שיקט מען דיר ליכטיקייט פון אויבן.
און מאַכט זיך ווען א טאָג פארוואָלקנט איר טומאַנען
איז אויך אין אים קיין אומגליק נישט פאַראַנען, —
צינד אָן דאָס אייוועלע און לאָז זיך עס צעברענען
און דו וועסט קענען פלאַם די וואָלקנס נישט דערקענען.
וועסט זיצן אויף דעם שטול, דעם אויוועלע אנטקעגן
און חלום'ען פון ווייטע גרינבאגראָזטע וועגן
וואו שטיבלאַך און העל פארביקע קאָלירן
צעוואָרפן ליגן דאָ און דאָרטן אָן א סדר
און בא די ברייט־צעפראַלטע טירן
די מיידלאַך אין די פראָסטע קליידער
פארטראַכטע קוקן, ווי די זון לאָזט גילדיק זיך ארונטער, —
און מיט דעם אייזן שאַר די קוילן אונטער,
אז רויטער זאָלן זיי זיך אינ'ם אויוועלע צעצינדן
און די טומאַנען וועלן ווייט פון די פארשווינדן.

גוט און אומעטיק

עס האָט אַ ווינט מיך אויפגעהויבן פון דער ערד
און אויפגעזעצט מיך אויף אַ פלינקן, ווייסן פערד,
וואָס האָט אַ טראָג געטאָן זיך אָט אזוי געשווינד,
אַז טראָגנדיק זיך, האָב איך געהערט דאָס קרעכצן פונ׳ם ווינט,
וואָס האָט אין אַ געיעג
פאַרמעסטן זיך געוואָלט מיט מיר אין וועג.
און פלוצלונג, — איך שטיי שוין באַ אַ הויז,
די צוגעמאַכטע לאָדנס קוקן אויס
ווי שלעפעריקע אויגנדעקלאַך באַ אַ מידן
אידן.
איך נעם די קליאַמקע אָן און וויל אריין, —
ווער ווייסט צו וועל איך דאָרט אַ גוטער גאַסט איצט זיין?
נאָר פון דער בודע רייסט דער הונט זיך פון דער קייט
און נישט ער בילט, נאָר ער קוויטשעט מיט אזוי פיל פרייד
און לעקט די ברעגן פון מיין קלייד
און מיינע הענט,
און מיר איז גוט אזוי
און אומעטיק אזוי,
וואָס האָט דער הונט מיך כאָטש דערקענט.

שיקסעלאַך און גענדזעלאַך

אויף די אויסגעשפּרייטע גרינע לאָנקעס, —
שיקסעלאַך אין רויטלאַכע קימאַנקעס
פּאַשען קליינע, יונגע ווייסע גענדזעלאַך.
און די גרעזעלאַך, ווי גרינע פרענדזעלאַך
ציטערן אַרום די יונגע ווייסע גענדזעלאַך.

שטיל און ליכטיק אויף דער ברייטער לאָנקע,
בלעזלט זיך אַ דינע רויטלאַכע קימאַנקע
פונ'ם ליכטיק-שטיפערישן ווינטעלע.
פונ'ם וועג יאָגט זיך אָן אַ הינטעלע
ציטערט אויף די גרעזעלאַך אַ פינטעלע.

פון דער הייסער זון און בלויען הימל,
פאַלט אויף שיקסעלאַך אַ דרימל,
לייגן זיי זיך אויף די גרעזעלאַך,
אָטעמען מיט יונגע ברייטע נעזעלאַך
צווישן גרינע, שמעקנדיקע גרעזעלאַך.

אָבער, אַז די זון לאָזט זיך אַרונטער,
קלינגען אין דער לופטן פריש און מונטער
קעלאַכלאַך, ווי דינע גלעקעלאַך, —
איבער ווייסע פליגעלאַך און עקעלאַך
פּאַכן זיי מיט ווייכע שטעקעלאַך.

פון די אויסגעשפּרייטע לאָנקעס
שיקסעלאַך אין רויטלאַכע קימאַנקעס
צוגענומען האָבן שוין די גענדזעלאַך.
ציטערן נישט מער קיין פרענדזעלאַך, —
גרעזעלאַך אַרום די גענדזעלאַך.

אַ שטילער וועג

אַ לאַנגער שטילער וועג און הויכעביימער באַ די זייטן, —
ווי גוט וואָלט זיין דאָ אויף אַ פערד פּאַוואָליע רייטן
און לאָזן אין דער ווייטקייט אָט אַזוי אַוועק די אויגן,
און וואָלט מיט רעש פון ערגיצוואו אַ פויגל אָנגעפלויגן
וואָלט איך אַ „הוס"! געטאָן אויף דעם פויגל, דעם פאַרשייטן
און דערנאָך זיך ווייטער אויף מיין פערד פּאַוואָליע רייטן.

נאָר אַז קיין פערד נישטאָ, איז גוט, וואָס איך האָב עפּעס בעסערס, —
צוויי יונגע פיס, וואָס שניידן שטיקלאַך וועג, ווי אָנגעשאַרפטע מעסערס
צעשניידן ברויט אויף שטיקלאַך. פון הינטער מיר, מיין היים, און שטעטל
מיט ברייטן מאַרק און' קליינע שטיבלאַך, דער סטויב און ברעטל,
וואָס זאָגט דעם דורכפאָרער אָן, וואָס און ווען ס'איז דאָרט פאַראַנען
און פאָרויס מיר,—אַ ברייטער וועג מיט ביימער—דעמבעס און קאַשטאַנען.

אַ שטיין. איך גיי אַ מידער צו און פאַל צו אים אַנידער,
פון וועג און שטיינער זענען מידע אַלע מיינע גלידער,
איך שטרעק די הענט אויס צו אַ בוים און גיב אַ ריר די צווייגן
און אַ גערויש לויפט דורך און באַלד אַ טיפער שווייגן
נעמט אַלץ אַ דורך, — דעם בוים און מיך און אויך דעם וועג דעם ווייטן, —
ווי גוט וואָלט זיין דאָ אויף אַ פערד צו רייטן.

אַ דאָרף

אַ דאָרף. באַזונדער ליגן זיך די כאַטקעס דאָ און דאָרטן.
אַ קלויסטער שטייט אינמיטן פון אַ גרויסן, גרינעם גאָרטן.
די זון גייט אויף און אויפן קלויסטער שפּיגלען זיך די שטראַלן
און פון די גרוי מיט מאָך באַדעקטע שטאַלן, —
די שקאָצים מיט די בייטשן אין די הענט — כמעט נאָך קינדער,
צעפירן אין די טשערעדעס די שאָף און רינדער.

די לופט איז פול מיט מאָרגנטוי און שטויב פון שאָפּנקלאָען,
אַן אַלטער פּאַסטוך מאַכט אַ פייסט און הערט נישט אויף צו דראָען
די יונגע שנעקעס, וואָס האָבן מער, ווי שטיפן נישט אין זינען.
אַ יונגער אָקס פאַררייסט דעם עק און טענצלט אויף אין מיטן דרינען
און אין דער מאָרגן לופט נעמען בייטשן זיך צעקנאַלן,
ווי פּלוצלונג וואָלט אויף דאָרף אַ שונא אָנגעפאַלן.

נאָר באַלד ווערט שטיל. דו גייסט פאַרביי און שטויביק דיינע קליידער,
אַ פויער גריסט דיך, באַלד אַ צווייטער און אַזוי בסדר,
אַ גויע מיט אַן עמער וואַסער קומט דיר אָן אַנטקעגן
באַגריסט דיך גוטמוטיק און נעמט דיך פרעגן: —
וואוהין דו גייסט און אויב דו ווילסט זיך אָפּרוען, דו מידער, —
אין שטוב איז ברויט פאַראַן און אַלע מענטשן זענען ברידער.

הייליקע בילדער

פיר אויסגעווייסטע ווענט און אלץ איז דא צוזאמען,
דער טיש, דאס בעט און אויך די קיך און אין געפארבטע ראמען
פון הייליקע, די בילדער זיינען אויף די ווענט צעהאנגען, —
אמאל, אמאל איז אויף א פעלד א הייליקער געגאנגען
האט אים אינמיטן פעלד א ווילדער לעמפערט אנגעטראפן,
איז באלד דער לעמפערט פאר זיין הייליקייט אין וואלד אנטלאפן.

און יעזוס קוקט אויף מיר מיט זיינע טונקעלע און שטילע אויגן,
זיין יונגער קאפ איז מיט א קראנץ באדעקט און צוגעבויגן
צו זיינע פיס, — א פרוי ווישט אפ דעם שטויב פון זיינע קליידער
און איך דערזע זיך מיט אמאל א אינגעלע אין חדר, —
דער רבי, — גלייך ער וויל נישט וועמען פונ'ם שלאף אויפוועקן,
דערציילט אונז עפעס שטיל און קלויסטערס שרעקן אונז און שרעקן.

אוי רבי מיינער! — ווי לאנג איז דאס, אז איך האב דיך פארלאזן?
און איצט, ווען איבער מיר גאר אנדערע און פרעמדע ווינטן בלאזן
ביסטו מיר פרעמד, ווי פרעמד עס זיינען מיר די נייע ווינטן, —
אן אויסגעווארצלט לעבן גייט נאך מיט שטילע שפאנען מיך פון הינטן
און פאראוים? — קי און אקסן האבן שטעכנדיקע הערנער
און יעזוס'עס קאפ איז אין א קרוין פון דערנער.

קאַרטאָפּליעס מיט דער שאָל

קאַרטאָפּליעס מיט דער שאָל, עס טראָגט אַ פּאַרע זיך פון אויבן
און ברויט טראָגט אויך די גויע צו און הערט נישט אויף צו לויבן,
ווי גוט עס איז באַ איר צוליב מיר אַלץ געראָטן
און אויב איך וויל, וועט זי פאַר מיר אויך אייער לאָזן בראַטן, —
אַ שיקסע קומט אַריין און נעמט דער גויע עפּעס פרעגן
און זעצט זיך אויף אַ ווייסער באַנק אַנידער מיר אַנטקעגן.

אַ בוזים, ווי אַ ראַשטשינעט ברויט און אַ פּנים טאַמעוואַטע,
עס ווערט מיט ריח פון איר לייב באַלד פול די גאַנצע כאַטע,
איך עס קאַרטאָפּליעס און זי עסט מיך מיט אירע אויגן, קאַרע, —
די באַלעבאַסטע שמייכלט: — די שטאָט־„פּאַניטשעס" זיינען דאַרע
און די „פּאַניענקעס" נאָך פיל דאַרער, ממש ווי די שטעקלאַך
און אירע ווערטער קריכן, ווי אין אַ זויל אַריין די פלעקלאַך.

אַ געלער קודלעוואַטער הונט האָט אויפן דיל זיך אויסגעצויגן
און ווי דער הונט קוק איך פאַר זיך מיט גליענדיקע אויגן, —
די שיקסע טוט אַ לאַך און בויגט דעם קאָפּ איין צו די שויבן,
אַ שיינער וועטער — זאָגט זי, — וועט זי גיין היינט שוואָמען קלויבן
און אויב איך וויל, וועט זי מיך ביזן שמאָלן וועג באַלייטן
און מיט די פינגער גלעט זי אויפ'ן סאַראַפאַן די קווייטן.

אַ גילדן פישל

אַביסל אָפּגערוט די פיס און ווייטער זיך געגאַנגען.
עס וויגט אַ לייכטער ווינט זיך אויף די זאַנגען
און גוט איז מיר אַט דאָ זיך אָפּצושטעלן
און חלום'ען, אַז אַט די זאַנגען זיינען וועלן
וואָס ציען זיך אויף גאַנצע מיילן,
און איך, אַ יונג, וואָס האָב זיך נישט וואוהין צו איילן,
קאָן דאָ זיך שטיל אַנידער זעצן
און חלום'ען פון דין־געוועבטע נעצן,
וואָס קאָנען ביז די אָפּגרונטן דערלאַנגען
און דאָרט אַ גילדן פישל פאַנגען.

אַ גילדן פישל! — אַז איך וועל דאָס שוין האָבן,
וועל איך די שיפּעלאַך, די גילדענע אָפּשאָבן
און דענסטמאָל וועל איך פולע קעשענעס מיט גאָלד פאַרמאָגן, —
איך שטעל זיך פאָר, וואָס זי וועט דענסטמאָל זאָגן!
דאָס פישעלע וועל איך אויף שבת דער מאַמען שיקן, —
בשעת איך בין אַוועק האָט זי נישט אויפגעהערט צו שטריקן
אַזעלכע שיינע זאָקן פאַר איר זינדלס וועגן,
און ער, דאָס זינדל? — ער שפּאַנט אום אויף די וועגן,
ווי ווינטל גלאַט אַזוי, נאָר פאַמעלאַכער פון ווינטל
און שפּילט זיך מיט זיין חלום, ווי מיטן עק אַ הינטל.

און אַט איז איבער מיר אַ פויגל דורכגעפלויגן
און ברייט אַזוי צעעפן איך די אויגן, —
ווי גרינג און גראַציעז עס שוועבן זיינע פליגל! —
אַמאָל, אַמאָל האָט ערגיץ אין אַ וויגל
אַ פּיצל קינד געזעען אין דעם דרימל
אַן אומבאַפלעקטע זון און אַזאַ בלויען הימל,
ווי דער, וואָס איבער מיר איז איצט פאַרצויגן
און איבער זיינע דרעמלדיקע אויגן, —
צוויי הענט, ווי אָט־אָ־די, וואָס שוועבן
דעם האָריזאָנט דערלעבן.

גוט מאָרגן

די זון גייט באַם וואַלד אויף
אַלץ רויטער און רויטער,
די ראסע צעגייט זיך
אַרום אַזוי לויטער.

צוויי אָקסן, — די הערנער
אַרונטער געבויגן
אין וואָגן אַ פּויער
פאַרזשמורעט די אויגן.

דערפילסטו, ווי ווע׳מען
„גוט-מאָרגן“ צו זאָגן
און וואַרפסט אים אַריין
צו דעם פּויער אין וואָגן.

נו פרעגט ער אַזוי זיך
פון פריינטלאַכקייט וועגן: —
וואוהין גייט עס איצטער
אַ יונג אויף די וועגן.

און ערגיץ צעציט זיך
אַ רוף פון אַן האָרן, —
אַ פויגל לאָזט רעש זיך
אַרונטער צום קאָרן.

מלכה די ראַדאָוויטשער

מיין חבר ג. קלאָרמאַנ׳ען

פיל מערער, ווי פון אַלע דערפלאַך אין דער גאַנצער סביבה
האָט מען פונ׳ם דערפל ראַדאָוויטש גערעדט מיט ליבע
און אָט די ליבע האָט געשפּרייט די אַלטע מלכה.
אפילו גויים האָבן זיך געצלם׳ט און געמורמלט: „זשאַלקאָ״,
ווען מלכה האָט אויף אייביק צוגעמאַכט די גוטע בליקן.
פּויערים באַם קאָסען און פּויערטעס באַם שטריקן
האָבן לאַנג נאָכדעם צווישן זיך גערעדט מיט גרויס באַדויער,
ווער רעדט, די אידן דאָרפסגייער, — צו זייער טרויער
קאָן נאָך ביז היינט אפילו גאָר קיין סוף נישט נעמען, —
מלכה איז נישטאָ, און ווער קאָן מלכה׳ס אָרט פאַרנעמען?

און דעם גרויסן פריץ פונ׳ם דערפל ראַדאָוויטש,
וועלן מיר, צוליב׳ן גראַם, רופן פּאַניע ליאַדאָוויטש, —
האָט אָט דער פריץ, ווי אַלע פּריצים פון זיין גראַד,
געפירט אין ווייטע לענדער ערגעצוואו זיין „שטאַט״,
דאָס דערפל דאָ געלאָזט אויף ר׳ בונעם׳ס הענט
און אָטאָ דעם ר׳ בונעם׳ן האָט מען אומעטום געקענט,
ווי דעם אידן מיט די לאַנגע, בייזע ברעמען,
וואָס האָט קיין פליג אפילו נישט געקאָנט פאַרשעמען, —
אַ איד אַ פּשוט׳ער, אַ שטילער, — ר׳ בונעם מלכה׳ס
האָט בלויז צעטאָן געהאַט מיט די איוואַנעס און מעכאַלקעס.

און ראדאָוויטש אַליין, — אַ דערפֿל אין וואַלין,
ווי אַלע דערפֿלאַך, — ווינטער־ווייס און זומער־גרין, —
ווייסע פויערשע כאַטעס מיט שטרויענע דעכער,
אַ קלויסטער, וואָס קוקט פון אַלע כאַטעס העכער,
נאָך העכער פון דער גרויסער שטוב, ר׳ בונעם׳ס,
נאָך העכער פון די דראַנגעס באַ די ברונעמס,
וואוהין עס קומען וואַסער שעפּן פויערים מיט עמער
פאַר זיך, פאַר פערד, פאַר קי און פאַר די לעמער,
גערטענער און סעדלאַך און אַן אַלטער, גרויער צלם,
וואָס קרישלט זיך, כאָטש מען און שייל אים.

ר׳ בונעם מיט די פויערים אויף פעלדער באַ די סטויגן
און מלכה באַ דער שוועל אין שטוב, קוקט אויס די אויגן
אויף אַן אורח, — אַ איד, אַ גוי, — וואָס איז די נפקא־מינה, —
די שטוב איז אַ באַטירטע, ווי באַ אברהם אבינו
און זי? אויב גאָט האָט איר באַשערט אין דאָרף צו וואוינען
בעדאַרף זי דאָך גאָט׳ס נאָמען דאָ באַקרוינען
מיט וואָס זי קאָן, מיט וואָס נאָר זי אין שטוב פאַרמאָגט, —
איר בונעם איז דאָך טעג און נעכט אין פעלד פאַריאָגט,
נאָר דאַנקען גאָט, — ער ברענגט און זי האָט וואָס צו געבן, —
הלואי נישט ערגער אויפ״ן גאַנצן לעבן.

האָט מען טאַקע צו איר שוועל געצויגן ניט בחנם,
דער שווייגנדיקער, אַלטער אַרענדאַר ר׳ בונעם
האָט אין זיין שטוב זיך ווינציק וואָס געמישט, —
צעוואָס? דער קאַכלעפל האָט שטענדיק זיך געמישט
אויפ׳ן אויוון אינ׳ם טאָפּ מיט׳ן וואַרעמען געקעכץ,
און איז אַ מענטש נאָר אָנגעקומען מיט אַ קרעכץ,
האָט מלכה שוין אַליין אים גלייך דערהערט,
און וואָס נאָר גאָט האָט אינ׳ם טאָפּ באַשערט
איז גלייך געווען פאַר אורחים אין דער שיסל,
און מלכה האָט געפרעגט: „אפשר נאָך אביסל?“

אַן אורח אויפצונעמען איז פֿאַר איר געווען דער עיקר.
וואָס דאַרפֿט איר מער? — אַפֿילו פֿאַר'ן שכור,
דעם אַלטן, היימלאָזן און באָרוועסן מעכאַלקע
האָט שטענדיק אָט די אַלטע, גוטע מלכּה
געהאַט אַן אָרט צום שלאָפֿן לעבן אויוון, —
„מסתּמא וויל מען דאָך אַזוי פֿון אויבן,
אַז אַ גוי אַ שכּור'ער זאָל זיין מעכאַלקע".
אָט אַזוי פֿלעגט שטענדיק זאָגן מלכּה
און דערבײַ אַ הויב טאָן אירע הענט, ווי באַ דעם בענטשן, —
„ווער זיינען מיר, מעשטיינס־געזאָגט, צו משפּט'ן אַ מענטשן!"

און איצט איז זי נישטאָ — טאָ זאָל זשע אָט די מעשׂה
וועגן איר פֿאַרבלייבן, ווי פֿון דער ציג דער ווייסע,
וואָס מיר אַלע האָבן אַזוי ליב צו זינגען און צו הערן, —
אוי, אפֿשר וועלן מענטשן זיך באַטראַכטן און באַקלערן
און ווערן איינס צום צווייטן בעסער, ליבער, —
דאָס לעבן איז דאָך קורץ און גייט אויף גיך אַריבער,
דער סוף איז שטויב אַפֿילו פֿון דער רויז, דער שענצטער.
איך שטיי און קוק איצט אַ פֿאַרטראַכטער דורך מיין פֿענצטער.
די גרויסע שטאָט שטיקט זיך אין דעם טאָג, דעם העלן,
נאָר קיין מלכּות זיצן דאָ ניט באַ די שוועלן.

העי אַלטעטשקער

און ווידער האָט דער פּאַסטוך צו דעם הימל זיך פאַרקוקט
און ווידער האָט אַ וואָלף אַ שעפּעלע פּאַרצוקט, —
אַזעלכע מעשה׳לאַך האָט מיר אַן אַלטעטשקער דערציילט
און זיי דערציילנדיק, האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט
אַ פּייערל אַ צינד צעטאָן זיך אין זיין בליק: —
— אַזוי, אַזוי איז אויך דעם מענטשנס גליק!
פאַרקוקסט זיך צו דעם הימל ווי אַ פויגל פליט,
צי אויף אַ לאָנקע, וואו אַ טייכל ציט,
דערציילנדיק דיר מעשה׳לאַך פון ווייט
און זעסט נישט, ווי דאָס מיידל בײַ דיין זייט —
די לאָקן פונ׳ם ווינטעלע צעווייט,
צעשמייכלט זיך שוין פון אַן אַנדער בחור׳ס רייד.

און ווידער האָט דער פּאַסטוך צו דעם הימל זיך פאַרקוקט
און ווידער האָט אַ וואָלף אַ שעפּעלע פאַרצוקט, —
העי ליבער אַלטעטשקער דאָרט, וואו די ביסט,
דאָס מעשה׳לע דערציילען מיר איז געווען אומזיסט,
ווייל דער, וואָס קוקט צום הימל, וואו אַ פויגל פליט,
צי אויף אַ לאָנקע, וואו אַ טייכל ציט,
דערציילנדיק אים מעשה׳לאַך פון ווייט,
ווען נאָענט בײַ זיין זייט
אַ מיידל זיצט, ווי לעבן מיר אַצינד
מוז זיין אַ נאַר, צי גאָר אַ קינד,
אָדער גאָר שוין איינגעבויגן גיין, דעם קאָפּ צו דער׳ערד,
ווי דו, העי אַלטעטשקער, וואָס האָסט די מעשה אויסגעקלערט.

נו זע

אוי! סאַראַ אומעט קוקט אַרויס פון דיינע אויגן,
גלייך, ווי אַ קראַ וואָלט פלוצלונג אַנגעפלויגן
און אַזאַ שלעכטע בשורה די אָנזאָגן, —
נו זע, ווי קאָן אַ מענטש זיך דען באַקלאָגן,
ווען אין אַ שוואַרצער נאַכט און דורך טומאַנען
איז נאָך אַ גוטע האָפענונג פאַראַנען,
אַז ערגיץ אין אַ הויז איז אַזאַ ליכטיקייט צעגאָסן
און אויף אַ בענקעלע, אַ קינד מיט הערעלאַך צעפלאָסן
שטרעקט אויס די הענטלאַך צו אַ טאַטע־מאַמען,
וואָס האָבן נאָך אַליין, ווי קינדערלאַך צעזאַמען
באַם ווייס־געדעקטן טיש, אינמיטן עסן
מיט שפּילצייג זיך פאַרגעסן.

אוי סאַראַ אומעט קוקט אַרויס פון דיינע אויגן,
גלייך עמיצער וואָלט פאַר די פיס אַ נעץ דיר אויסגעצויגן
און נאָך די טריט זיך דיינע יאָגן, —
נו זע, ווי קאָן אַ מענטש זיך דען באַקלאָגן,
ווען אַרום אים איז אַזאַ פרייד צעגאָסן, —
אַמאָל איז ערגיצוואו אַ טייכל שטיל געפלאָסן
און אויפן טייכל איז אַ שוואַן אַרומגעשוואומען
ביז איינמאָל איז אַ יעגער אָנגעקומען
מיט נעצן און מיט שאַרפן פייל און בויגן
און ווי עס האָבן זיינע שאַרפע אויגן
דעם שווימענדיקן שוואַן אין טייך דערזען,
איז גלייך געשען דאָס וואָס עס האָט געדאַרפט געשען.

דער יעגער האָט פון טייך דעם שוואַן געפאַנגען
און זינגענדיק איז ער מיט אים אַוועקגעגאַנגען.

נישט ציטער

דער טוי איז דורכזיכטיק, ווי גלאָז
און אויף מיין אָקסל דיינע פינגער,
און מיר אָט־דאָ, אויף שמעקנדיקן גראָז,
מיר זיינען פונם טוי נאָך גרינגער.

די זון האָט אַזוי אומגעריכט
דאָס גרינע פעלד פאַרלאָזן;
ביסטו אַצינד דאָס בלענדנדיקע ליכט
אויף זאַנגען און אויף גראָזן.

אַ גראָז, אַ בוים, אַ פולע זאַנג,
פאַראַנען דאָ, אויך דערנער, —
אַ פויגל האָט היינט מיט געזאַנג
געקליבן זאַפטיק־רייפע קערנער.

און איצטער אין דער אָונט־שעה,
נישט ציטער, דאָך, נישט פלאַטער! —
דאָס זינגט דער פויגל ערגיץ דאָ
אין נעסט בא זיך אַ זאַטער.

דער קלויסטער, דער פּאָפּ

דער קלויסטער און דער פּאָפּ, — זיי ציטערן פון שרעק, —
דאָס דאָרף פאַרלאָזט איז און פאַרוויסט,
ביז נעכטן האָבן נאָך די גלעקער איבער ווייסן וועג
געקלונגען קעגן באָלשעוויק, דעם אַנטיכריסט.

און היינט? — עס שטייט דער קלויסטער דאָ נאָך אויפן אָרט,
נאָר אַרום אים איז אויסגעליידיקט, הויל,
דער פּאָפּ מיט זיינע ווייסע פּאַטלעס און ברייטער באָרד
פאַרגליווערט לעבן קלויסטער שטייט מיט אַ צעעפנט מויל.

די גלעקער פונם טורעם האָט דער באָלשעוויק
פאַרנומען היינט און איז אַוועק מיט זיי דאָ אויפן וועג,
די ציין פון מויל באַם פּאָפּ האָבן ווי מיט שטריק
אַרויסגעצויגן די שווערע הונגעריקע טעג.

דער פּאָפּ? ער ציילעמט זיך אַפילו שוין נישט מער, —
צו וועמען? און צו וואָס? אַז תּפילה טאָן איז דאָ אומזיסט,
דורך אַלע וועגן טראָגט זיך, ווי אַ ווינט אַהער,
דער באָלשעוויק פאַרשאָלטענער, דער אַנטיכריסט.

פאַרשאָלטענע! — טוט ער אין לופט אַריין אַ שעלט
און לאָזט זיך וואַקלענדיק דורך דאָרף אַוועק,
דער ווינטער־טאָג נעמט אים אַרום מיט אַזאַ קעלט
און קיינער קושט זיין האַנט נישט מער דאָ אויפן וועג.

דער קלויסטער וועט פארמאכט שוין זיין אום זונטיק אויך,
דאָס לעמפּל פארן הייליקן פאַרלאָשן איז,
בלויז אויפן בארג שלענגלט זיך א רויך
און אין דער קאַלטער לופט, — אַ קנאַל, א ריס.

פארשלאָפענע! — ער שלעפּט אויף זיינע פיס זיך קוים,
אַ פויער מיט אַ ביקס באַגעגנט אים מיט שווערן בליק
און דאָ און דאָרטן באַ אַ כאַטע אויף אַ בוים
הוידעט זיך א טויטער אין אַ שטריק.

די טויטע? — מיט זיי ווערט יעזוס דאָ פאַרלענדט,
עס שפּאַנט דער פּאָפּ און שאָקלט מיטן אַלטן קאָפּ
און פון דער הויך מיט אזא ווייסן בלענד,
אַ שניי פאַלט רואיק צו דער ערד אַראָפּ.

אַ יעזוס הייליקער! — אַ שאָס צעקנאַלט,
די דעליע באַ דעם פּאָפּ טוט זיך א דריי, א וויג —
א נייע וועלט גייט אויף, די אַלטע זיך צעפאַלט,
עס כאַפּט זיך אָן דער פּאָפּ באַ אַ טויטן אויפן שטריק.

איוואנציע מאזעפוד

א

א גאנצן נאכמיטיק האט זון זיך געשפילט אויף מיין טעפיך
און איך מיט א בוך וועגן טויט פון איוואנציע מאזעפוד.
דאס גאלד פון דער זון אין א שפיל מיט די טעפיך־אוזארן, —
אין שפיל פון דער זון איז איוואנציע מיר אייגן געווארן.

געווען איז איוואנציע א שייגעץ קוים נאענט צו צוואנציק,
קאשקעטל אריבער די אויגן, דאס דאשיקל גלאנציק.
זיין פנים מיט קלייענדלאך ברוינע, די האר קוטשעראווע
און צווישן די כלאפצעס אום זונטיק א קאביק שטיק לאווע.

און זומער פרימארגנס, ווען גראז איז נאך נאס פון דער ראסע,
פלעגט הערן פון ווייט זיך דער קלאנג פון זיין שארפשטיין אין קאסע
און שפעטער, אז ער פלעגט די קאסע נאר נעמען באוועגן
איז גראז זיך צעפאלן מיט שנעלקייט פון ווינט אים אנטקעגן.

און צווישן די שקאצים און שיקסעס, א שפילער, א זינגער,
די פיס צו א טענצל פון ווינטל נאך פלינקער און גרינגער.
אז ער פלעגט א נעם טאן אין אוונט צום מויל די הארמאנקע,
פלעגט יוגנטלאך פרייד זיך צעוויגן, ווי גראז אויף דער לאנקע.

ב

געווען איז די וועלט פאר איוואנציען א לידל, א מעשה
פון וועלדער און פעלדער צעגרינטע און באטקעלאך ווייסע, —
די שקאצים, די שיקסעס — א שפיל פון סערמיאגעס־קימאנקעס
און אלץ האט געדרייט זיך אין טאנץ צום שפיל פון הארמאנקעס.

און פלוצלונג, ווער איז מיט א מעסער אויף וועלט אנגעפאלן?
עס זיינען די טעג, ווי די וועלף אויפגערייצטע איר רוקן באפאלן.
עס ציען זיך בלוט־רויטע שנירלאך פון אלע פיר עקן, —
די וועלט איז צעוואונדעט געווארן און הינקט אויף א שטעקן.

אויך איצט א זומער פרימארגן, די זון און די ראסע,
נאר שארפשטיין צעקלינגט זיך נישט מער אן דער קאסע, —

די קאַסע? — צי וועט ער אַמאָל זי דען נאָכאַמאָל שאַרפֿן?
די קאַסע? צי וועט דען דער מענטש זי נאָכאַמאָל דאַרפֿן?

זײַן אַקער פֿאַרזשאַווערט מסתּמא אין ווינקל פֿון שייער, —
ווער ווייסט, צי ער איז נישט אינגאַנצן אַוועק מיטן פֿײַער!
די פֿעלדער אויף מײַלן אַרום נישט פֿאַרזייט, נישט געשניטן, —
ווער האָט עס די קלינגענדע קאָסעס אויף ביקסן פֿאַרביטן?

ווער האָט עס דאָס גראָזיקע פֿעלד דאָ צעשניטן אויף צווייען?
עס שפּאַנען פֿאַרמאַטערט אַרמייען אַנטקעגן אַרמייען, —
פֿון דער זײַט איוואַנציעס מיט לײַבער צעפּוילטע, צעשוויצטע
פֿון יענער זײַט פּריצעס מיט וואַצעס און היטלען פֿאַרשפּיצטע.

די פּריצעס? ערשט נעכטן האָט ער דאָ אַ פּריצל געפֿאַנגען,
איז יענער נאָך אים אַזאַ שטילער און מידער געגאַנגען
געגאַנגען? אַ ניין! ווי אַ שעפּסל איז ער דאָך געקראָכן, —
ווי גוט, וואָס ער האָט פֿאַר אים פּונ׳ם ברויט אַ שטיק אָפּגעבראָכן!

געזעסן אויף דר׳ערד און געגעסן אַ פּנים צו פּנים,
געזעסן, געגעסן צוזאַמען און גאָרנישט, ווי שונאים, —
פֿאַרוואָס איז דאָס פֿעלד דאָ צעשניטן אויף צווייען?
צו וואָס אַט די בלוטיקע פֿלעקן? צו וואָס די אַרמייען?

די זון האָט מיט גאָלד איבער נאָענטן וואַלד זיך געהויבן,
צעגלאַנצט האָבן ריטשקעס פֿון ווײַט זיך, ווי ליכטיקע שויבן, —
ווי ליב איז געווען אים אַמאָל אויף דער לאָנקע, די ראָסע, —
ער קוקט אויף דער ביקס און בענקט נאָך דער קאָסע.

און בענקנדיק שלעפּט ער פֿון שטיוול אַרום די האַרמאָנקע,
און זע נאָר, עס שמייכלט דער דײַטש, און עס שמייכלט די לאָנקע
און טעג, ווי פֿערדלאַך נאָך קיינמאָל אין שפּאַן נישט געשפּאַנטע,
צעשמייכלען זיך פֿריידיק און ליכטיק מיט שמייכלאַך באַקאַנטע.

ג

דער אָוונט נעמט לעשן צעביסלאַך דאָס גאָלד אויף מײַן טעפּיך,
נאָר זוניקער ווערט אַלץ פֿאַר מיר איצט איוואַנציע מאַזעפּוך, —

ער ווייסט שוין פארוואס איז דאָס פעלד דאָ צעשניטן אויף צווייען,
ער ווייסט ווער עס טרייבט די ארמייען אנטקעגן ארמייען.

און ווען אין א נאכט האָט א ליכט זיך גענומען צעבלייכן,
האָט פלוצלונג איוואַנציע מאַזעפּוך פארשטאַנען דעם צייכן.
און ווען איבער אים איז דער מאָרגן מיט רויט אויפגעגאַנגען,
איז ער אים מיט ביקס און האַרמאָנקע אנטקעגן געגאַנגען.

עס האָבן זיך אַלע איוואַנציעס פאַראייניקט צוזאַמען,
א ווייל האָט דאָס פעלד און דער וואלד זיך געוויקלט אין פלאַמען,
א ווייל האָט א קול זיך געטראָגן אין לופטן מיט צאָרן,
נאָר גיך איז דאָס פייער און צאָרן אנטשוויגן געוואָרן.

איוואַנציע מאַזעפּוך אין קרייז פון א יונג רויטער מענגע
אין מויל די האַרמאָנקע, אין לעצל א בלויט־רויטע סטענגע.
און ביקסל? — ער וועט אָט דאָס ביקסל שוין מער נישט באַדאַרפן,
עס בענקט שוין אין שייער דער שאַרפשטיין די קאָסע צו שאַרפן.

נאָר זעט אויס, אז צו פרי געווען איז די ביקס צו פאַרוואַרפן,
צו פרי איז געווען נאָך מיט שאַרפשטיין די קאָסע צו שאַרפן, —
עס האָבן אין הימל זיך פלוצלונג די פאַרבן געביטן,
פאַרנאַכט זיינען רייטער פון וועלדער אויף גיך אָנגעריטן.

נאָך רויטן פרימאָרגן איז אָוונט אין שוואַרצן געקומען
און אונטער די טונקעלע פּאַלעס דאָס רויטקייט פאַרנומען.
מיט פייער און פלאַם האָט מען רויטע געטריבן, געטריבן,
אין פעלד איז איוואַנציע מאַזעפּוך בלויז איינער געבליבן.

נאָר רויטקייט בלייבט רויטקייט אויך אונטער די טונקעלע פּאַלעס,
עס טונקלט די אויגן דאָס שוואַרצקייט? נו, זאָל עס! נו, זאָל עס!
און ווען אויף זיין האַלדז האָט א שוואַרצער דאָס שטריקל פאַרצויגן,
געקוקט האָט איוואַנציע מאַזעפּוך מיט שטראַליקע אויגן.

עס האָט זיך דער אָוונט געוואונדערט: פון וואַנען די שטראַלן?
און פלוצלונג א פינצטערע מורא אויף אַלץ איז געפאַלן, —
צעגליט האָט מיט רויט זיך אויף יענער זייט טייכל און בריקל
און אויפגעשיינט גילדיק האָט איוואַנציע מאַזעפּוך אין שטריקל.

די מציאה

א.

די דאָזיקע מעשה איז לאנג שוין געשען, —
בא אונז אינ'ם שטעטל א איד איז געווען.
געהאט זיך זיין אייגנס א פערד און א שפּאַן
און וואו נאָר א טראקט אינ'ם תהום איז פאַראַן
האָט טיף אין די זאמדן באַם זייט, צו אין מיט
געלאָזן דאָרט צייכנס זיין פערד מיט די טריט.

עס האָבן די גוים אים אַלע געקענט,
געליגן א קערבל, געצאָלט אים פּראָצענט:
א טעפּל קאַרטאָפליעס, א מעסטל מיט מעל,
אמאָל אויך פארקויפט אים א שעפּסענע פעל
און פאטשערקעס, סטענגעס און זייף אַלערליי
אויסבייטן פלעגט ער אויף וואקס און אן איי.

אין איין דאָרף בייטאָג, אין א צווייטן ביינאכט,
און נעכטיקן פלעגט ער, וואו ס'האָט זיך געמאכט, —
א שייער, א שטעלכל, — אבי נאָר א דאך,
עס האָט אָט דער איד נישט פארלאנגט גאָר קיין סך
און שטיל און צופרידן איז ער זיך געווען
ביז אָטאָ די מעשה מיט אים איז געשען.

ב.

איינמאָל אונטערוועגנס, — עס שלעפּט זיך דאָס פערד,
נו האָט אין מחשבות דער איד זיך פאַרקלערט
דאָס גראָז אַזוי פריש, אַ גרינער דער וואַלד
און ער אַזאַ גרויער און מיד שוין און אַלט,
די זון, וואָס פאַררוקט זיך אַ רויטע אַט דאָרט,
שלעפּט פונקט, ווי זיין פערד זיך פּאַמעלאַך פון אָרט,
זיין פערדל דאָס דארס, — אַ טריט און אַ טראָט,
און ער אין מחשבות פאַרקלאָגט זיך פאַר גאָט:

אַוועק איז די וואָך שוין און ווינציק פאַרדינט,
און דר׳היים דאַרף בר־מצוה באַלד ווערן זיין קינד,
ווען גאָט וואָלט מיט עפּעס נאָך היינט אים באַגליקט
און אים אַ מציאה אין וועג צוגעשיקט, —
באַ גאָט איז דאָך מעגלאַך, באַ אים איז דאָס גרינג,
ער איז דאָך אַ גאָט און ער קאָן דאָך אַלצדינג, —
עך וואָלט ער עס דענסטמאָל אַ בר־מצוה געמאַכט, —
עס שלעפּט זיך דאָס פערד אַנטקעגן דער נאַכט.

און ווי אונזער איד זיצט אַזוי זיך פאַרקלערט,
דערפילט ער, ווי פּלוצלונג שטעלט אָפּ זיך זיין פערד.
„וויאָ" היינט און „וויאָ" מאָרגן, עס רירט זיך נישט פון אָרט,
ער קרייזלט די פּאות און גלעט זיך די באָרד
און פרעגט דעם מיט גוטן: — וואָס הייסט? און וואָס טייטש?
און פּאָכעט אַ בייזער אין לופט מיט דער בייטש,
נאָר פונקט, ווי אַ שטיין וואָלט געוואָרן פון פערד,
עס הויבט נישט קיין פוס אויף שוין מער פון דער ערד.

ג.

פאַלט איין אונזער אידן אַז דאָס איז נישט גלאַט,
ער האָט אַזאַ זאַך נאָך ביז איצט נישט געהאַט
לאָזט ער פונ׳ם וואָגן אויף גיך זיך אַראָפּ

און בויגט צו דער ערד איין צושראָקן דעם קאָפּ,
נאָר דאָ ווערט זיין שרעק נאָך פאַרמערט און פאַרמערט, —
אַ באָק מיט אַ בערדל געבונדן אויף דר׳ערד.

אַ בעקל געבונדן, — ווי קומט דאָס אַהער?
ער קרייזלט די פאות און טוט זיך אַ קלער, —
צי האָט עס נישט גאָט איצט זיין תפילה דערהערט
און אים צוגעשיקט דאָ אַ בעקל אויף דר׳ערד?
נו נעמט ער דאָס בעקל אין וואָגן צו זיך, —
דאָס פערד הויבט די פיס שוין און שפּאַנט אין דער גיך.

נאָר פּלוצלונג, ער ווייסט נישט פאַרוואָס און פאַרוואָס,
דערפילט ער אין הארצן, אז דאָס איז נישט דאָס
דאָס בעקל פון הינטן: מע־מע און מע־מע!
און אים אויפן הארצן איז עפּעס מע־בע.
די נאַכט איז אַ שטילע, דער וואַלד אזוי שווארץ,
ער פילט, ווי עס דריקט אים אַ שטיין אויפן הארץ.

ד.

אַ באָק איז אינגאַנצן צוויי גילדן די ווערט,
אזויפיל עסט אויף דאָך אין איין וואָך זיין פערד,
ווען גאָט וואָלט אויף אמת זיין תפילה דערהערט,
אנשטאט אַט דאָס בעקל, אַן אָקס אים באַשערט.
נו, וואָלט ער דעם אָקס דאָך צום קצב געפירט, —
און מיטן מזומן די הענט זיך צעפירט, —
אַ מלבוש פאַר ווייב, אַ פּאָר תפילין דעם זון, —
אַ בעקל איז גאָרנישט, — וואָס האָט מען דערפון?

און ווי אונזער איד זיצט אזוי זיך פאַרקלערט,
דערפילט ער, ווי קוים, קוים עס רירט זיך דאָס פערד.
„וויאָ״ היינט און „וויאָ״ מאָרגן, — עס העלפט נישט די רייד,
עס קרעכצן די רעדער, דאָס פערד, קוים עס גייט,
פאַלט איין אונזער אידן, אז דאָס איז נישט גלאַט;

ער האָט אַזאַ זאַך נאָך ביז איצט נישט געהאַט,
ער דרייט אוים די אויגן און כאַפּט זיך באַם באָרד,
נישטאָ שוין דער באָק מער, — אָן אָקס אויף זיין אָרט.

נו זעט ער דאָך קלאָר שוין, אַז גאָט האָט באַגליקט
אנשטאט יענעם בעקל, אַן אָקס צוגעשיקט.
נו, טוט ער צום הימל די אויגן אַ הויב
און שיקט גלייך אַהינצו אַ דאַנק און אַ לויב
און איצטער, אַז גאָט האָט זיין תפילה דערהערט,
פאַרגעסט ער אינגאַנצן דעם וואָגן און פערד,
ער פּאַכעט דאָס בייטשל און טראַכט און ער טראַכט
און מערקט נישט ווי שווארצער עס וואַרצט זיך די נאַכט.

ה.

דער וועג איז אַ לאַנגער, ער ציט זיך און ציט,
עס האָט באַ דעם אידן דער קאָפּ זיך צעגליט.
פון הינטן דער אָקס מו־הו און מו־הו
עס פילט אונזער איד אין זיין האַרץ נישט קיין רו —
אַן אָקס איז אינגאַנצן ח"י קערבלאַך די ווערט,
נישט מער, ווי עס קאָסט אים זיין וואָגן און פערד.
ווען גאָט וואָלט אויף אמת אין וועג אים באַגליקט
און אים עפּעס אַנדערש דאָ היינט צוגעשיקט, —
אַ בעקל, אַן אָקסל, — קבצנישדיק גליק,
ווען גאָט וואָלט אין וועג דאָ געטאָן אים אַ שיק
אַ שטייגער אַן אוצר, — אַ פּעסל מיט געלט,
אוי וואָלט ער עס גליקלאַך געלעבט אויף דער וועלט!

און ווי אונזער איד זיצט אַזוי זיך פאַרקלערט,
דערפילט ער, ווי לייכטער נעמט גיין שוין זיין פערד,
עס שוועבן אנטקעגן, ווי שאָטנס פאַרביי
די ביימער, די סלופּעס, צו צוויי און צו דריי,
פאַלט איין אונזער אידן, אַז דאָס איז נישט גלאַט,
ער האָט אַזאַ זאַך נאָך ביז איצט נישט געהאַט.

ו.

זיין פערד, ווי אַן אָדלער, צעלאָזט זיך און פליט,
ווי עמיצער וואָלט דעם געברענט אין די טריט,
ער דרייט אויס די אויגן, — אוי ווײ איז אים, וויי!
פארשטיקט ווערט אין גאָרגל בא אים דאָס געשריי, —
ווער שטייט אין זיין וואָגן, — אַ מענטש, צי א שד?
עס ענטפערט דער שטן: — „געהערט דיין געבעט,
נו האָב איך געיאָגט זיך דורך טונקעלער נאכט
און האָב דיר אַ פעסל מיט רענדלאך געבראכט!"

אזוי האָט דער נפש דעם אידן מיט ברייטקייט געזאָגט
און פונקט, ווי א וויכער דאָס פערדל זיך טראָגט
און פלוצלונג, עס וואקסט אויס פון נפש א ריז
און הויבט אָן צו פּאָכען אין לופט מיט אַ שפּיז
און טוט מיט די ליפּן אַ זופּ און אַ בלאָז
און הויבט אָן צו שיטן מיט רענדלאך פון נאָז
און דאָ איז אַ חושך, — אַ פעלד און אַ וואלד,
דער איד פילט אז דאָס חיות פארלאָזט אים שוין באלד.

אַ נס, וואָס ער האָט זיך באצייטנס געכאפּט
און פרום זיך אין הארצן חטאתי געקלאפּט: —
„רבונו של עולם, דו האָסט מיר באצאָלט,
דערפאר, וואָס איך האָב שוין היינט צופיל געוואָלט!"
אזוי האָט דער איד געבעטן, גערעדט און געוויינט: —
„רבונו של עולם, אַ מענטש איז אַ חוטא, ער מיינט
אזוי און אזוי, אוי גאָטעניו גוטער, אוי וואָס זאָל איך טאָן?"
און טיף אין זיין הארצן האָט ער תשובה געטאָן.

ז.

איז גאָט דאָך אַ גוטער, ער שטראָפט און פארגיט
בפרט, ווען עס טוט צו אים תשובה אַ איד
איז פלוצלונג, ווי גאָרנישט ארום וואָלט געשען, —

דער וואָגן, דאָס פערדל אַזוי ווי געוועז,
פאַמעלאַך עס שלעפּט זיך א טריט און א טראָט, —
דער איד אינ׳ם וואָגן, — ער דאַנקט איצטער גאָט.

נישטאָ מער קיין בעקל, קיין אַקסל, קיין געלט?
א דאַגה — דער וועג ציט זיך שטיל פאַרביי פעלד,
דאָס פערד גייט פאַמעלאַך, קוים, קוים, וואָס עס טרעט, —
דער איד אינ׳ם וואָגן פאַרטיפט אין געבעט,
נאָר נישט קיין מציאות ווייל ער שוין אַצינד,
ער וויל בלויז א היים צו דער ווייב און דעם קינד.

און אָט איז א דערפל, פאָרט שטיל ער אריין,
א לאָמפּ דורך א שייבל ווינקט שטיל מיט א שיין.
ער קלאַפּט אויף דער טיר, — זי עפנט זיך אויף, —
א מענטש איז אין וועג, — נו נעמט מען אים אויף, —
אוי גאָט איז א גוטער, ער שטראָפט, ער פאַרגיט, —
דערציילט האָט די מעשה אמאָל מיר א איד.

ארום דער וואנט

ז. ווײַנפּער

דורות

אויף װעגן פֿון נעכטן צעטראָטן
באַשערט איז מיר איצטער צו טרעטן,
און טײג פֿון הענט שוין צעקנאָטן
באַשערט איז מיר איצטער צו קנעטן.

איז װאָס זשע? איך בענטש אין מײַן האַרצן
די לאַנג שוין פֿאַרגאַנגענע דורות;
אויף נאַכטיקן װעג, אויף דעם שװאַרצן —
באַגילטע, צעשײַנטע מנורות!

אין לויטערן שײַן פֿונ׳ם אַלטן,
דערזע איך דאָס נײַקײט פֿאַרבאָרגן, —
איך קלײַב אויף בלויז דאָס, װאָס באַהאַלטן
האָט נעכטיקער טאָג פֿאַרן מאָרגן.

אויף װעגן פֿון דורות צעטראָטן
באַשערט איז מיר איצטער צו טרעטן,
בין איך דאָ נישט מער װי אַ שאָטן
פֿון נעכטיקע ברידער פּאָעטן.

האָט נעכטיקער ברודער געלאָזן
אַן אמת נאָך נישט קײן אַנטפּלעקטן,
פּרוּװ איך מיט די ליפּן צעבלאָזן
דעם שטויב איבער אים, דעם פֿאַרדעקטן.

צעקנאָטענעם טײג פֿון די דורות
צעקנעט און פֿאַרקנעט איך דאָ איבער,
אין שײַן פֿון באַגילטע מנורות,
צעשײַנט זיך מײַן שײַן דאָ בציבור.

מיין בענקשאַפט

אַ טויער מאַכט זיך אויף, אַ טויער מאַכט זיך צו,
פון דער זייט רווישנדיקע מערק פון יענער זייט די רו

איך בין אַ זון פון מדבר, פון זונצעברענטן וועג, —
מיין בענקשאַפט ציט אַהין דורך אַלע נעכט און טעג.

און איצט מיט אייך אין טומל דאָ פון רווישנדיקע מערק,
בין איך דער אומרו פון אַ זייגער מיט אַ שלעכט געווערק.

איך בין דאָ בלויז פאַרבייגעריטן און זיך אָפּגעשטעלט,
געמיינט איך וועל דאָ קריגן אַלצדינג, וואָס מיר פעלט.

נאָר נישט געקראָגן האָב איך גאָרנישט צווישן אייך,
כאָטש מיט אַזוי פיל אַלדעם גוטס, דער מאַרק איז רייך.

שוין בעסער אויפ'ן רוקן פונ'ם קעמל זיך וויגן אין דער שטיל, —
דער וועג איז ברייט, דאָס קעמל גייט, וואוהין עס וויל.

און גרויס די ערד און פול מיט גוטס און שלעכטס, —
מיין קעמל ציט אַמאָל אויף לינקס, אַמאָל אויף רעכטס.

סיי דאָ, סיי דאָרט בין איך אַזוי און אויך אַזוי, —
און בלענד פון זון, בין איך צעבלענדט, מיט וואָלקן בין איך גרוי.

אַ טויער מאַכט זיך אויף, אַ טויער מאַכט זיך צו, —
דורך רווישנדיקע מערק, פירט מיין קעמל מיך פּאַמעלאַך צו דער רו.

דאָס לאַנד

אַזוי האָב איך זיך אָט דאָס לאַנד
דורך טעג און נעכט געמאָלן
און איצט איז מיר דאָ אַלץ באַקאַנט, —
די הויכע בערג, די טיפע טאָלן.

די טאָלן זיינען אַזוי ווילד,
די בערג מיט שאַרפע שפּיצן
און מענטשן גייען איינגעהילט
אין שאַרפע מעסערס בליצן.

נאָר ווייסע זיינען דאָ די נעכט
און גרויסע דאָ די שטערן,
וואָלט נאָר דאָס שטענדיקע געפעכט
דאָס שטילקייט דאָ נישט שטערן.

עס יאָגן רויבער זיך אויף פערד
מיט שאַרפע, אייזערנע בלי־זין
און ערגיץ צו דער האַרטער ערד
די מענטשן טוליען זיך אין רייען.

און עמיצנס אַ שווערע האַנט
וויל אַלץ אָט דאָ צעשטערן
און עמיצינס אַן איינגעשפּאַרטע האַנט
האַלט אַלץ אין איין געבערן.

ווי גרויס עס זיינען דיינע וואונדער

פריער אלע שפיצן פון די בערג צוזאמען
און דערנאך אין גליענדיקע פלאמען
יעדער בארג און בערגעלע באזונדער, —
גאט ווי גרויס עס זיינען דיינע וואונדער!

אויף די ברייטע וועגן — קעמל־קאראוואנען
מאכן קלענערע די טריט און לאנגזאמער די שפאנען
און די טרייבער, — אויסגעבלייכטע, שטילע
יעדערער פארזונקען אין זיין תפילה.

„לויב צו דיר אלא, ווי גרויס עס זיינען דיינע וואונדער!" —
זינגט פאר זיך איצט יעדערער באזונדער
און די בערג אין אזא פארבעדיקן גליען
נעמען זיך נאך לויטערער אין גלי פארציען.

אין מדבר זינגט דער בעדואין

אין ווילדן מדבר זינגט דער בעדואין
זיין נאַגנדיקע בענקשאַפט אויס —
אַלאַ־אַ־אַ ! אַלאַ איז גרויס !
און גוט איז ער צו זיינע זין.

אויף קאַרנפעלדער ערגיץ אין וואַלין
מיט סערפּן־קלאַנג און קאָסע־גלאַנץ
גייט אָן אַ קרעפטיק יוגנטלאַכער טאַנץ
פון יונגע טעכטער און פון ספּריטנע זין.

און אין אַ טונקל־אַלטער קלויז,
זיך וויגנדיק אַהער און אַהין,
אַ איד צעוויגט זיך ווייך און דין
און שטרעקט די הענט יעהאָווען אויס.

און אין דער שטילער גרויקייט פון מיין הויז,
אַ שווייגנדיקער, אומבאַוועגט
זיץ איך, די הענט אויף זיך פאַרלעגט,
און בין אין פעלד, אין מדבר און אין הויז.

אין ווילדן מדבר זינגט דער בעדואין.

אַ מיראַזש

דער גאַנצער מעריב אין אין רויט צעפלאַמט, —
פון מזרח־זייט הויבט זיך אויף אַ מיראַזש, —
אַ גאָלד־באַצירטער, בלויער עקיפּאַזש,
שוועבט צווישן הימל און דעם זאַמד.

אַ קעניגין און הינטער איר אַ פּאַזש,
די פּנים'ער אין רויטן זיך צעפלאַמט
און הינטער זיי געבויגן צו דעם זאַמד,
אַ קעמל־קאַראַוואַן מיט שווער באַגאַזש.

אַלאַ־אַ־אַ! אַלאַ איז מעכטיק גרויס
און גוט איז ער צו זיינע זין, — —
עס פאַלט צו דר'ערד אַ בודואין
און שטרעקט די הענט צום הימל אויס.

אַלאַ אַ אַ! — גלין־גלאַן! גלין־גלאַן!
דעם בעדואינס זיך ציקלענדיק געזאַנג
מישט אויס זיך מיט דעם גלעקלדיקן קלאַנג
פון ציענדיקן קעמל־קאַראַוואַן.

באם כרמל

— דיין קאפ אזוי שיין, אזוי שטאלץ, אזוי איידל
ווי דער קאפ פונם כרמל! —
אזוי האט געזונגען א פרינץ צו א מיידל
און שטיל האט דאס מיידלשע הארץ זיך געהויבן,
אזוי ווי עס ציטערט פון ווינט אינם כרם
א הענגל מיט רייפע און זאפטיקע טרויבן.

דיין קאפ אזוי שיין, אזוי שטאלץ, —
פון פרינץ איז דורך יארן
א בעטלער געווארן
איצט שטייט ער אין צעריסענע קליידער
באם פוס פונם כרמל. —
פון הינטן, — דער ים אזא ברייטער, א בלויער
מיט שיפן, וואס גייען און קומען
און פאראויס, — דער כרמל אין חלום, אין שטומען
וואס שניידט אזא שטאלצער דעם קאפ צו דעם הימל.

— דיין קאפ אזוי שיין, אזוי שטאלץ, אזוי איידל,
ווי דער קאפ פונ׳ם כרמל! —
עס ווערן די אויגן פון בעטלער אלץ ברייטער,
פון הינטער א ביימל באווייזט זיך א מיידל
אזוי שלאנק, אזוי שטאלץ, אזוי איידל
מיט אויגן צעעפנטע ברייטע און דערשראקן
און קרייזיקע לאקן
און שטיל הויבט דאס בעטלעריש הארץ אן צו זינגען
צום כרמל:
— דיין קאפ אזוי שיין, אזוי שטאלץ, אזוי איידל,
ווי דער קאפ פונ׳ם מיידל!

אַזוי איז דאָס געווען

און אָט אַזוי איז דאָס מסתמא דאָך געווען, —
אַ שאָף האָט אויפ'ן פעלד אַ וואָלף דערזען.

איך ליג אויף דר'ערד און הער זיך איין,
ווי אין מיין הארצן וויינט די פיין
אויף דעם וואָס איז אָט־דאָ געווען,
אויף דאָס, וואָס איז אָט־דאָ געשען.

אַ גאַנצע נאַכט שאַקאַלנדיק געקלאָג
און איצטער, אַז עס קומט דער טאָג
מיט העלקייט און מיט ברייטע שפּאַן
איז דאָס געקלאָג נאָך אין דער לופט פאַראַן.

אויף וועמען און אויף וואָס? —
ארום נישטאָ קיין בוים, קיין גראָז,
נאָר ערגיץ קלינגלט אום אַ גלעקעלע: דין־דין, —
עס קלאַפּט דעם שטערן צו דעם זאַמד אַ בעדואין.

און אָט אַזוי איז דאָס מסתמא דאָך געווען,
אַ שאָף האָט אויפ'ן פעלד אַ וואָלף דערזען
און אויפגעגעסן האָט דער וואָלף די שאָף מיט זיינע ציין,
אַז נישט געבליבן איז אַפילו דאָס געביין.

נס ציונה

ברוינלאכע בערגלאך מיטביימלאך באזעצטע,
בלימלאך און גראזן מיט טויען באנעצטע,
וויגן זיך צווייגן אין זונליכט און גלאנצן
און אויף די צווייגלאך זיך גילדן מאראנצן,
דא און דארט שטיבלאך בא׳חנ׳טע אזוינע, —
אט אזוי ליגט זיך אין וועג נס ציונה.

און אז די זון לאזט פארנאכט זיך ארונטער
ווערן קאלירן דארט בונטער און בונטער,
פייגל אין גלייכע אומצייליקע רייען
טוען א הויב זיך אין לופט מיט געשרייען
און ווי די פויגל אין דארף: נס ציונה
שפילן זיך קינדער מיט פנים׳לאך ברוינע.

פארט ווען א רייטער פארביי אויף א פערדע,
ווערן פון שיינקייט פאר׳כישופט זיי ביידע,
ער גלאצט די אויגן און זי קוים זי רירט זיך
ביז אט דער ישוב פון הינטן פארלירט זיך, —
מאכט נישט צי איז ער א פריינד, צי א שונא׳
יעדער מוז בענטשן אין וועג: נס ציונה.

ירושלים

א.

דער לעצטער בארג, — עס שלענגלט זיך די באַן פאַרביי אים, —
אַט־אַט און אויפהויבן וועט זיך פאַר מיר ירושלים,
עס קלאַפּט מיין הארץ און ברייט צעעפן איך די אויגן, —
א קעמל־קאַראוואַן, — די העלדזער אויסגעצויגן,
לאָזט וויגנדיק זיך פונ׳ם בארג אַרונטער
און איבער זיי אין גאָלדיק־רויטן צונטער
דער בארג און הימל נעמען זיך צעגליען
און ווי אַן אייביקייט די רגע׳ס ציען זיך און ציען.

דער לעצטער בארג, — זיין שפּיץ נעמט רויטער זיך צעצינדן, —
גייט זון ערשט אויף, צי נעמט זי שוין פאַרשווינדן?
איך ווייס נישט און איך וויל דאָס גאָרנישט וויסן, —
עס לויפט די באַן און ווי א חיה פון א שלאַנג געביסן
הויבט זי זיך אָן מיט ווילד־צעבריל‫ּ‬נדע געשרייען
אַרויף צום בארג אין זיגזאַגן צו דרייען.
און פּלוצלונג, — א כוואַליע פון קופּאָלן און פון שפּיצן
אין רויטקייט פון דער זון נעמט זיך צעבליצן.

דער לעצטער בארג, — עס שלענגלט זיך די באַן פאַרביי אים, —
אַט־אַט און פאַר די אויגן מיינע, — ירושלים!

ב.

באַלד וועלן דורך די געסלאַך דיינע פאַלן מיינע טריט.
די זון האָט הויך אין הימל זיך צעגליט
און אין איר גלי האָט פּלוצלינג אַזוי ברייט
דער קדרון־טאָל זיך פאַר מיין בליק געטאָן א שפּרייט.
איך נידער שווייגנדיק אַראָפּ
און עפּעס טוט א מיש זיך אין מיין קאָפּ, —

פאַר די אויגן מיינע וואַקסט אַרויס
אַ ווינטערדיקער אָוונט אין אַ הויז, —
דער פראָסט קוקט דורך די שויבן אַזוי ווייס אַריין
און בײַ דעם אויוון אין דעם שטילן לאָמפּנשיין
אין מאַמעס שוים פאַרוויגט אין רו,
ליג איך אַ שווייגנדיקער און איך הער זיך צו:

— „און פאַר דעם קעניג דוד׳ס בעט
די הענט פאַרבראָכן אין געבעט
האָט פרום בת שבע זיך געקניט.“

עס רייסט די מאַמע איבער דאָס דערציילן אין דער מיט
און איך פון מאַמעס הענט פאַרוויגט, פאַרגלעט
זע לעבעדיק בת שבע׳ן בײַ דעם קעניג׳ס בעט
און ער? —
פאַרוואָס דערציילט די מאַמע שוין נישט מער?
עס טוט אין שוים מיין קאָפּ זיך לייכט אַ ריר
און ווידער נעמט איר קול זיך וויגן איבער מיר.

— און ליגנדיק אַ מידער אויף זיין בעט
האָט צו בת שבע׳ס פרום געבעט
דער קעניג דוד צוגעהערט.
— שפּאַנט איין דאָס קעניגלאַכע פערד! —
געוועז איז נאָכדעם זיין באַפעל.
און ווי אַ פייל פון בויגן, יאָגנדיק זיך שנעל
באַלייט פון כהן און פון מענטשן ווינציקע אין צאָל
איז שלמה אָפּגעריטן אינם קדרון־טאָל.“

אָט באַלד און דורך די געסלאַך דיינע וועלן פאַלן מיינע טריט, —
איך וואַקל זיך אויף שטיינער און איך פיל זיי ניט.
פּאַמעלאַך ווערט פאַרשוואונדן הינטער מיר דער טאָל
און פאַר די אויגן מיינע טוט זיך מיטאַמאָל
אַ הויב אַ טויער גרויס און שווער

און ווי אַן אומרו וויגט מיין האַרץ זיך הין און הער, —
אַ זקן מיט אַ גרויסער, גרויער באָרד
פאַלט צו דער ערד און קושנדיק דאָס אָרט,
טוט ער אַ צייט זיך נישט קיין ריר
און ווי אַן אומרו וויגט דאָס האַרץ זיך אום אין מיר.

איך שטיי.
אַרויף אַ באַרג טוט עפּעס אַ קאַליר זיך און אַ וויי.
גאַרצירנדיק קומט אָן אַ רייטער אויף אַ פערד
און דורכ'ן שטויב, וואָס הויבט זיך אויף פון דר'ערד
גלאַנצט זיין אָפּגעפּוצט געווער.
— — העי רייטער דו, ווי יענער גרייז קום איך אַהער
אַ היים צו בויען זיך אין רו.
— העי רייטער דו!
דער רייטער פאָרט אַ רואיקער פאַרביי
און אויפגעהויבן הויך דעם קאָפּ און פריי
גיי איך אַ וואַקלדיקער אויף די שטיינער און איך פיל זיי ניט, —
אָט באַלד און דורך די געסלאַך דיינע וועלן פאַלן מיינע טריט.

ג.

אַ וואַלד מיט חורבות און צעגרויטן מויער, —
עס טאַנצט מיין האַרץ פון פרייד און טרויער
און שווער זיך נעמען מיינע טריט באַוועגן.
אָט שפּרייטן זיך מיר שוין אַנטקעגן,
ווי קעלערס אונטערערדישע, פאַרשפּאַרטע,
די שמאָלע געסעלאַך, די לאַנג־געגאַרטע.

אַ ברוינער אַראַבער מיט אַ האַלדז אַ דאַרן
קומט, ווי אַ קאַץ זיך שטיל צעשאַרן
— האַוואַדזשי, — זאָגט ער און מיט בעטנדיקע אויגן
הויבט ער זיך אָן צו נויגן און פאַרנויגן, —
איך שפּאַן דורך חורבות און צעגרויטן מויער,
עס טאַנצט מיין האַרץ פון פרייד און טרויער.

אַ איד אין אַ געוועלב, זיך פאָרנדיק מיט סחורה,
הויבט אויף אויף מיר זיין בליק מיט מורא.
— שלום, — באַרואיק איך אים מיט אַ טאָן, אַ ווייכן
און זעענדיק אויף מיר דעם ברודער צייכן,
הויבט ער פאַר נחת אָן די באָרד צו גלעטן
און פריינדלאַך מיך אין זיין געוועלב פאַרבעטן

צוויי פאות'דיקע אינגעלאַך מיט שוואַרצע אויגן
פון ערגעץ זיינען לייכט, ווי פויגל אָנגעפלויגן:
— חיל עברי! חיל עברי! — אָט דאָרטן גייט ער!
און איבער געסלאַך איינס פון צווייטן נאָך צעדרייטער
גיי איך אַ וואַקלענדיקער אום צווישן גרויען מויער, —
עס טאַנצט מיין האַרץ פון פרייד און טרויער.

ד.

איבער געסלאַך גיי איך אים שפּאַצירן.
שפּילט די זון זיך מיט קאָלירן
אויף אַבייעס, באַלאַכאַנעס,
שטריימלען, קאַפּעשאָנעס
און קאַפּאָטעס גלאַנציקע מיט קווייטן,
בלאָזנדיק זיך, ווי די וועלן אין אַ ים אַ ברייטן.

איבער געסלאַך גיי איך אים שפּאַצירן, —
געטער הערן דאָ נישט אויף צו קאָנקורירן,
יעזוס־קריסטוס מיט מאַכמעדן
רופן פון די קלויסטערס און מעטשעטן
און פון אַלע אַלטע שטיינער
שרייט יעהאָווע: — איך בין איינער!

איבער געסלאַך גיי איך אים שפּאַצירן,
טרינקענדיק זיך אין קאָלירן.

ה.

דיינע שטיינערדיקע חורבות
נאקעטע און אומבאוועגט,
ווי די אויפגעדעקטע ערוות
אומפארשעמט זיך אויסגעלייגט
אין גאנצע הורבעס.

אט די שפיציק־שארפע שטיינער
און דער גרוילאכער גראניט, —
ערגעץ לעבט דאך וואו נאך איינער,
וואס האט מיט זיין בלוט געהיט
אט די שפיציק־שארפע שטיינער.

וואו זשע איז ער אט דער איינער
איצטער אין אט דער מינוט?
איינגעביסן מיט די ציינער
אין זיין אייגן לייב ביז בלוט,
שלעפט ער מיד זיך איבער שטיינער.

שמאלע געסלאך גרוי און גרויער
טונקל אין א טראפן ליכט, —
בא אן אלט־פארגרויטן טויער
איינגעדעקט זיך דאס געזיכט
וויינט א נביא אין זיין טרויער.

ו.

אלץ נידעריקער, נידעריקער פירט אהין דער וועג
און דורך א לאבארינט פון געסלאך לאז איך זיך אוועק.
מינוטן דאכט זיך אויס,
אז קיינמאל וועל איך שוין פון דאנען נישט ארויס
און ווי אין שפינגעוועבס, — א שפין,

וואָס רייסט זיך אין פאַרצווייפלונג העד און הין
און בלייבט דאָך מאַכטלאָז שטעקן דאָרט,
וועל איך פאַרבלייבן דאָ אין אָט דעם כשופ'דיקן אָרט.

די זון שפּאַרט דאָ און דאָרט אריין
אביסל פון איר שיין
און אַלץ איז אין א שלייער איינגעהילט
און אין דעם שלייער ווערט מיין האַרץ נישט איינגעשטילט.
אָט לאָזט אַ געסל זיך מיט טרעפּ אראָפּ
און מיט אַן אַלטער, רויטער פּעסקע אויפ'ן קאָפּ
און לייב מיט שמאַטעס איינגעדעקט און פויל
אַ נזיר שפּאַנט און מורמלט עפּעס מיטן ציינלאָז מויל.

פון וואַנען אַזאַ איינגעהאַלטן, שטיל געוויין?
איך בלייב אַן אומרואיקער אויף אַ טרעפּל שטיין
און הער זיך צו דעם וויינען איין, —
אַ בערדלדיקער איד לאָזט אין דעם געסל זיך אריין
און ווארפנדיק אַ בליק אַהער און הין
פארשווינדט ער איילנדיק וואוהין,
און צווישן שטיין און גרוילאכן גראַניט
גיי איך אום אַן אומרואיקער און פיל נישט מיינע טריט.

ז.

די וואַנט? — אָט איז זי דאָך פון ריזנשטייניקער אויפגעלעגט:
און לעבן איר, אַ איד פאַרגליווערט אומבאַוועגט,
ווי ער וואָלט דאָ אַ שטומער טייל געווען פון איר, —
א מחנה בעטלער טוט זיך ווילד אַ וואַרף צו מיר
און ווי אַ טשאַטע הינט זיך רייסנדיק דאָ פאַר א ביין
און יעדער אויסגעשריי פאַלט אויף מיין האַרצן, ווי אַ שטיין.

די וואַנט? — ארום איין מויער אויפן אַנדערן אי שווער, אי גרוי,
עס שפּרייט דער טאָג אויף זיי זיין טאָג־ליכט אויך אַזוי.
אַן אַלטע פרוי לאָזט וויגנדיק אויפ'ן לעצטן טרעפּל זיך אראָפּ

און גיט, ווי איך, דאָס לעצטע קלײנגעלט צו די בעטלערס אַפּ
און זשעדנע בלאַנדזשען מײנע בליקן אויפ'ן גרוילאַכן גראַניט
און רגע'סווײז בלײבט שטײן מײן האַרץ און רירט זיך ניט, —

אָט איז זי דאָך די וואַנט, — איך פיל דאָס קאַלטקײט פון איר שטײן
און פאַר די אויגן הויבט אַ בילד אָן אויפצוגײן: —
אַ קײט פון מאַרמאַרדיקע בערג און לעבן זײ עפּעס אַ גיגאַנט,
וואָס הויבט אין לופטן יעדע רגע אויף אַ מוסקוליאָזע האַנט
און הויבנדיק זי, פאַלט זי יעדער רגע אויף אַן אַנדער שפּיץ
און שטײן נאָך שטײן טוט, פאַלנדיק צו דר'ערד מיט זון אַ בליץ

און אונטן אינ'ם טאָל, אַן אַנדערער די גרויס, ווי ער,
כאַפּט אויף די שטײנער, וואַרפנדיק זײ הין און הער
צו וועלדער אויסגעשטערקטע ברוינע מוסקעל־הענט
און העכער הויבן זיך אַרויף די ווײסע מאַרמאַר־ווענט
ביז אײנמאָל אין אַ טאָג גאָר אומבאַמערקטערהײט
אַ טעמפּל, ווי אַ נײער מאַרמאַר־באַרג אין זונליכט שטײט.

און דאָן אין שײנע, ליכטיקע פאַר יום־טוב טעג
אויף יעדן בערגיקן און טאָלנדיקן וועג
פון ברענענדיקער זון צעגליט, —
דאָס גאַנצע פאָלק אַהער נאָך ליכטיקײט זיך ציט
און דאָ דער כהן־גדול אין זײנע קלײדער אָנגעקלײדט
און אַלע טירן פאַר'ן פאָלק צעעפנט אין דער ברײט.

אָט איז זי דאָך, די וואַנט, — עס קוקן מײנע אויגן צום גראַניט
און רגע'סווײז בלײבט שטײן מײן האַרץ און רירט זיך ניט.
פון הינטער מיר הערט שטאַרקער זיך דאָס בעטלעריש געשרײ, —
אודאי ווער, ווי איך אַרײנגעפאַלן דאָרט צו זײ
און באַ דער צווײטער זײט פון וואַנט — דער איד
שטײט פונקט, ווי פריער און ער רירט זיך ניט.

וואָס טראַכט ער דאָרט, דער איד, אַ ווײנענדיקער שטיל אין זיך?
פילט ער די שטויביקײט אַצינד, ווי איך

אַן אַנגעשפּאַרטער אָן דעם גרויסן, אַלטן שטיין?
איך הויב זיך אויף אַ פּאַרטיקער אַוועק צו גיין
און ווידער גרילצט דאָס בעטלעריש געשריי,
נאָר איצטער אַרט מיך ניט, — איך בין אַ בעטלער צווישן זיי.

ח.

איין טרעפּל בלויז אַרויף און זוניקייט צעשײַנט זיך מיט אַמאָל, —
אַרום אַ רינג פון בערג און מיט אַ גלאַנציקן קופּאָל
אָמאַר'ס מעטשעט גיגאַנטיש שטייט דאָ אין דערמיט.
איך גיי אַ שווײַגנדיקער און איך פיל נישט מײַנע טריט, —
אָט איז דער שער הזהב שווער און אומבאַוועגט
און איבער אים דער הר־הזיתים מיט די קברים אויסגעלעגט,
וואָס בלענדן אין דעם גליענדיקן ליכט.
אַ וועכטער מיט אַ ברוין, פאַרטראַכט געזיכט
לאָזט שווײַגנדיק פון ערגיץ זיך אַרונטער גיין
און זעענדיק אַ פרעמדן בלײַבט ער אויף אַ טרעפּל שטיין.

אַ פויגל הויבט פון ערגיץ מיט אַ רעש זיך אויף
און דרייענדיק זיך איבער אונז אַראָפּ, אַרויף,
טוט ער זיך מיט אַ שוואונג אַ הויב אין העלן ליכט.
וואָס קוקט אַזוי דער וועכטער מיט זײַן ערנסטן געזיכט?
איך שטיי אַ שווײַגנדער, ווי ער, און לאָז די אויגן שטום פאַר זיך
און אין מײַן האַרצן וויגט זיך עפּעס: — ווער בין איך?

אַ זון, וואָס טרעפט דעם טאַטנ'ס הויז אין פרעמדע הענט?
פאַרוואָס זשע פעלט מײַן קאָפּ נישט צו צו אָט די ווענט?
און מיט אַ כליפּנדיקן געוויין
פאַרנעץ איך נישט מיט טרערן יעדן שטיין?

דער וועכטער מיט'ן ברוין געזיכט קוקט שטום אויף מיר
און פונקט, ווי ער, שטיי איך און גיב זיך נישט קיין ריר
און קוק מיט אויגן אָפענע אַזוי פאַר זיך,
אַ רגע פעלט מיר אײַן, אַז איך בין מער נישט איך,

א מענטש פון פלייש און בלוט,
נאָר שטיין בין איך ווי אַלץ ארום, וואָס רוט
דורך דורות אין דעם גליענדיקן ליכט
און אָט דער וועכטער מיט דעם ערנסטן געזיכט,
וואָס שטייט און טוט זיך נישט קיין ריר
איז אויך א וועכטער איבער מיר.

ט.

מיט אויסגעטאָנע שיך
און עפּעס אזא הייליקייט אין זיך
טרעט איך די שוועל אריבער פון מעטשעט, —
א טונקלקייט ארום און אויפ'ן דיל אַן אויסגעטראָטענער טאפּעט.
אראָבער דאָ און אַן דאָרטן אויף די קני
און טועַנדיק זיך אין פּאַראוים א צי,
פאַרגליווערט בלייבן זיי מיט שטום פאַרלעגטע הענט.
איך קוק א שווייגנדיקער אויף די ווענט
און אומעטום וואוהין איך טו זיך נאָר א קער —
מאזאאיק, שניצערייַ און גאָרנישט מער.

די הענט געפּרעסט צום האַרץ
און אָנגעטאָן אין שוואַרץ
פאַרנייגט אַן אַנדער וועכטער זיך פאַר מיר:
— —דו זעסט אָט יענע טיר?
דאָרט רוט דער גייסט פון הייליקן מאכמעד
און אָט דאָס אָרט וואו איך טרעט,
דאָס איז פון ריינעם מארמאָר־שטיין, —
א סברה, אז אַלאַ אַליין
האָט איינמאָל אין א נאכטיק־שפּעטער שעה
באוויזן זיך אָט דאָ.

א צאָם פון רויטן האַלץ און אין דערמיט
א מארמאָר ריזנדיקע שטיק גראַניט
ליגט אָפּגעזונדערט שטום פאַר זיך אַליין, —

איך לאָז מיט ווייכע טריט צום אָרט זיך גיין
און הינטער מיר גייט ער א פּלאפּלדיקער נאָך: —
אָט אָ דער שטיין איז די עקדה דאָך.
וואו יצחק איז צום טאַטנס מעסער גרייט
געלעגן, ווי א שעפּסל שוויגנדיקערהייט
און ווען אַלא וואָלט נישט געשיקט פון הימל דעם באַראַן
וואָס וואָלט פון יצחק'ן געוואָרן דאַן?

מיט אויגעטאָנע שיך
און עפּעס אַזאַ ליידיקייט אין זיך,
דריי איך אַרום זיך איבער'ן מעטשעט
און אומעטום אַ וואו איך טרעט
מאַכט ענג דער וועכטער מיך מיט זיינע רייד, —
א דאַמע פון אַן הויכגעשטעלטן הער באַגלייט
באַווייזט זיך פּלוצלונג ביי דער טיר
און ווי א קנעכט איז ער שוין לעבן איר
זיך נויגנדיק און נויגנדיק צום דיל,
וואו אירע פיס אַן שיכלאַך פאַלן אין דער שטיל.

י.

דינג־דאנג!... דינג־דאנג!
פון וואַנען קומט דער גלאָקנקלאַנג?
איך בלאָנדזשע ווידער דורך די געסלאַך אום
און מיט א ציטערדיקן געברום,
א שווערער בלאָנדזשעט אויך דער קלאַנג:
דינג־דאנג!... דינג־דאנג!

גלאַן־גלין!... גלאַן־גלין!
עס וויגט דער קלאַנג זיך אום אָט שווער, אָט דין, —
א גלח אין א שוואַרצן באַלאַכאַן
קומט איילנדיק פון ערגיץ אַן
און פונקט, ווי ווער וואָלט זיך געיאַגט נאָך זיינע טריט
פאַרקערט ער זיך וואוהין און בלייבט באַלד ניט.

דינג־דאנג!... דינג־דאַנג!
עס וויגט און שלענגלט זיך דער קלאַנג. —
מיט שאַרנדיקע, שטילע טריט
אַן ווענט פון שטייער און גראַניט
און מיט אַ צלם אויפ׳ן הארצן
קומט אַן אַ פרוי געקליידעט אין שווארצן.

דינג־דאַנג!... גלאַן־גלין!
עס ציען מענטשן זיך וואוהין,
גיי איך מיט אַלעמען אויך מיט
צו וואָס? צו וועןּ? עס אַרט מיך ניט, —
דורך שמאָלע געסלאַך פירט מיין גאנג: —
גלין־גלאַן! דינג־דאַנג!...

יא.

אַ גרויסער, ברוינער מאַרמאָר־שטיין,
אַן אויסגעוואַשענער און ריין
ליגט באַם אריינגאַנג אויפ׳ן דיל, —
איך גיי פאַרביי אים ציטעריק און שטיל.
אַ פרוי פאַרשלייערט אין אַ שווארצן קלייד,
קניט פרום אַנידער שווייגנדיקערהייט
און מיט די ליפּן טוענדיק אַ ריר דעם שטיין
הויבט זי זיך אויף אַוועק צו גיין.

אַרום אַ טונקעלער און לאַנגער קאָרידאָר
און מענטשן מיט צעפלאָסענע און לאַנגע האָר
געקליידעט אין באַלאַכאַנען פון אַ שווארצן קרעפּ,
באַווייזן זיך און שווינדן פון די טרעפּ.
איך שטיי און טו זיך נישט קיין ריר
און פלוצלינג פון עפּעס אַזאַ סודות׳דיקע טיר,
באַווייזט זיך עמיצער מיט שטילע טריט
און בלייבט אַ רעגע שטיין ווי צוגעשמידט.

אַ גרויסער, ברוינער מאַרמאָר־שטיין
איך לאָז צו אים זיך גיין

און פונקט, ווי יעדערער אין פיבערהדיקן גלי,
פאַל איך אַנידער אויף די קני
און אויף אַ צלם אינעם טונקעלן קאָרידאָר
מיט נאַכלעסיקע צעפּלאָסטע האָר
און פנים אויסגעבלייכט פון פּיין און לייד
הענגט יעזוס מיט די הענט צעעפנט אין דער ברייט.

יב.

אַ לאַבירינט פון טונקעלע און גרויסע זאַלן
און אַלץ איז אײַנגעוויקלט אין וואָלן
עס בײַטן זיך פאַר מײַנע אויגן איצט די בילדער
און איך דערפיל, ווי מײַן בליק ווערט מילד און מילדער, —
אַ פּריסט מיט שטאַרע אויגן
שטייט אויסגעצויגן
און לעבן אים אַן עמוד מיט אַ גילדענע איקאָנע
פון מרים מאַגדאַלענע, —
אַ מאַמע מיט אַ קינד אויף אירי קניען
און איבער זיי מלאכים׳לאַך זיך ציען.

וואוהין? וואוהין? און פון וואַנען?
פון דאָרטן און דאָרטן און ביז דאַנען,
און דערנאָך?
אַ גלח טוט מיט עלנבויגן מיר אַ שטאָך
און ווײַזט מיר אויף אַ שיסל,
נו וואַרף איך אויך אַרײַן אַביסל.

אַ לאַבירינט פון טונקעלע און גרויסע זאַלן,
צעביסלאַך נעמען דאָ פאַרשווינדן די וואָלן
און קלאָרער נעמען זען מײַנע אויגן: —
אַ וואַלד פון גאָלד מיט דיקן שטויב פאַרצויגן
און אומעטום איז יעזוס אויסגעמאָלן: —
אָט ווי אַ פּאַסטוך צווישן בערג און טאָלן,
די שעפּסן בלאָנדזשען צווישן דאַרע גראָזן
און ער אַליין, — די האָר פון ווינט צעבלאָזן,
אַ בלאַסער און אַן אָפּגעצערטער,

זיצט אויף א שטיין א טיף פארקלערטער.
און אָט אַן אַנדער בילד: — די ליפּן איינגעביסן
און אין די הענט א רימען הויך פאררויסן
אַנטקעגן די, וואָס האָבן טעמפּל אין א מאַרק פאַרוואַנדלט,
וואו פערד און שעפּסן ווערן אויסגעהאַנדלט.

א לאַבירינט פון טונקעלע און גרויסע זאַלן, —
דער וואלד פון גאָלד איז שווער אויף מיר געפאלן
און קוים, וואָס מיינע גלידער זיך באַוועגן, —
אַן הויכגעשטעלטער הער קומט מיר אַנטקעגן, —
איך הער זיין חוצפּה׳דיקן טרעטן
און זע דעם גלאַנץ פון זיינע עפּאָלעטן
און א מינוט הויבט אַן מיין האַרץ צו פילן
אַז אָט פון א ווינקעלע א שטילן
וועט יעזוס זיך באַווייזן: — די ליפּן איינגעביסן
און אין האַנט דעם רימען אין דער לופט פאררויסן.

יג.

א מאַרמאָרנער קאַסטן צווישן מאַרמאָרנע ווענט,
א ליכט אין א גאָלדענעם רערל צאַנקנדיק ברענט
און לעבן דעם צאַנקנדיקן ליכט
א הויכער מאָנאַך מיט א ברוינעם געזיכט.
און מענטשן פון אַלערליי פאַרב און קאָליר
גאַטס־פאַרכטיקע בייטן זיך בליקן מיט מיר, —
ווער קניענדיק פרום מיט די אָרעמס פאַרלעגט
און ווער א פאַרטראַכטער, ווי איך אומבאַוועגט.
א מאַרמאָרנער קאַסטן צווישן מאַרמאָרנע ווענט, —
איך פיר אויפ׳ן מאַרמאַר אַרום מיינע הענט
און פיל, ווי בא יעדערן ריר,
טוט עפּעס א צאַפּל זיך ציטריק אין מיר.
און ער, דער מאָנאַך מיט דעם ברוינעם געזיכט,
באַשיינט פון דעם צאַנקנדן ליכט
קוקט צו אַן א ריר פון א גליד,
ווי אויסגעהאַקט וואָלט ער געווען פון גראַניט.

ראַטמיאַ

ראַטמיאַ

א.

דײַן בליק, — אַ זילבער־שטראַל פֿון דער לבנה,
וואָס הויבט דעם שלאָפֿלאָזן פֿון בעט אַרויס
און ברענגט אים צו דעם פֿענצטער צו
און איך? —— איך בין דער שלאָפֿלאָזער,
וואָס איז צום פֿענצטער צוגעגאַנגען.

דײַנע אויגן, — צוויי לויכטנדיקע שויבן,
וואָס לויכטן דורך דער שוואַרצער נאַכט
צום וויסטן, פּוסטן טאָל אַראָפּ
און איך? — איך בין דער מידער וואַנדערער,
וואָס האָט פֿון טאָל די טריט געלאָזט
צו דײַנע לויכטנדיקע שויבן.

דײַנע הענט, — צוויי האַלבע טויערן
צעעפֿנט פֿאַר דעם וואַנדערער,
וואָס גייט אָט דאָ פֿאַרביי.
און איך? — איך בין דער וואַנדערער,
וואָס בין אָט דאָ פֿאַרבײַגעגאַנגען,
איך בין דער וואַנדערער, וואָס איז
אין דײַנע טויערן אַרײַן.

דײַן שויס, — אַ קאָרנפֿעלד,
וואָס כוואַליעט זיך אין ליכט פֿון טאָג
און מאַכט דעם דורכגייער אויף בריטן וועג
פֿאַרגעסן אָן די צילן פֿון זײַן גאַנג, —
בין איך דער דורכגייער פֿון דעם בריטן וועג,
וואָס האָב די צילן פֿון מײַן גאַנג פֿאַרגעסן.

דײַן קאָפּ אין מײַנע הענט פֿאַרוויגט
און איבער דיר מײַן בליק

אן אויסגעצערטער פון באגער.
ארום, — בלויע זילבערנע אטאמען
וויגן אום זיך זינגענדיקע אינ'ם רוים,
בין איך אצינד א בלויער זילבערנער אטאם,
וואס פילט זיך קוים, —
פלאטעדיק און זינגענדיק,
וויג איך אום זיך אינ'ם רוים.

די ווייך־געקרויזטע לאקן אויף דיין קאפ
זיינען ציטערדיקע וועלן אויפ'ן ים,
וואס ווערן פון א לייכטן ווינט געגלעט
אין בלויען שיין פון דער לבנה, —
בין איך דאס שיפל אויפן ים,
וואס ציטערט אום פון ווינט געגלעט
אין בלויען שיין פון דער לבנה.

ראטמיא,
צו וועלכן כשופ'דיקן לאנד
וועט היינט דער ווינט אונז ברענגען?

ב.

דאס שארכען אויפ'ן זאמד
איז נישט פון אכמעד'ס הינקענדיקע פיס, —
ער האט די קוליעס היינט פארלוירן אין די בערג
און איצטער וואלגערט ער זיך הילפלאז דארט ארום.

ראטמיא, דו הערסט דאס וואויען פון שאקאלן?
דאס שארכען זיי דא אויפ'ן זאמד.
און אפשר פרעסן זיי דאס פלייש
פון אכמעד'ס גוף דא אין די בערג?

דעק אויף דעם שלייער פון דיין פנים, —
די בלויע זילבער לבנה

באַזילבערט אַלץ דאָ אינ׳ם טאָל
און אין דער בלויקייט
זײַנען דײַנע אויגן גרעסער נאָך
און שוואַרצער נאָך.

ג.

ווי נאָכגעלאָזטע פֿליגל פֿון אַ געל־געפֿלעקטע הון,
וואָס האָט זיך נאָר וואָס פֿונ׳ם צודרינגלאַכן האָן באַפֿרײַט,
אַזוי קוקן איצט די ברעגן פֿון דײַן געל־געבלומטער שאַל,
ראַטמיאַ.

דער ברויזנדיקער ים־וואַל, וואָס האָט אַמאָל אין אַ פֿאַרנאַכט
דאָס פֿײַער פֿון דער זון פֿאַרלאָשן
האָט ערשט אָט דאָ געלאָזט זיך הערן
און אין דײַן אומרואיקן בליק אַ גלענצנדיקער ציטער
פֿון פֿײַערן געלאָשענע
און נישט דערלאָשענע.

ראַטמיאַ,
אַן וועלכן ברעג האָט הײַנט דער ברויזנדיקער ים־וואַל
אויף טויזנט זילבער־פּיצלאַך זיך צעשמעטערט?

ד.

צוויי הענגלאַך זאַפּטיק־פֿולע טרויבן
פֿון צווישן שאָטנדיקע צווײַגלאַך
און איבער זיי אין גליענדע קאָנוואולסיעס
הענגט מײַן בליק.

ווי גליענדיק און קאָנוואולסיוו
עס קוקט אין הייסן מדבר דער אויסגעמאַטערטער פֿון דורשט
אויף פֿלוצלונגדיקן וואַסער־שטראָם;
אַזוי אַ קוק איך איצט אויף דיר,
ראַטמיאַ.

צוויי הענגלאַך זאַפטיק־פולע טרויבן,
און איך אַן אויסגעמאַטערטער פון היצן טאָג
צעבלוטיקט מיינע פינגער אָן דיינע שאַרפע ציין,
וואָס שטערן מיך די טרויבן צו פאַרזוכן.

ח.

אַ טרויב
און נאָך אַ טרויב, —
עס ציען זיך די ליפּן דורשטיק נאָך די טרויבן.
אַ שאָרך צווישן צווייגלאַך, —
דער ווינט ?
דער וועכטער פונ׳ם כרם ?
אָדער אַ שאַקאַל פון הונגער דאָ פאַרבלאָנדזשעט ?
אונז אַרט דאָס נישט, —
אַ טרויב,
און נאָך אַ טרויב, —
עס ציען זיך די ליפּן דורשטיק נאָך די טרויבן.

.1

טאַנצט פאַר מיר ראַטמיא
מיט לבנה־שיין אָן אָפּגעגאָסענע, —
אָט אַזוי.
אַלע ברעגן פון איר שלייער,
אויפגעהויבענע,
צעפלאָסענע
אָט אַזוי.
הייבן זיך די נעבלען פון דער ערד,
ציען זיך,
צעפליסן זיך
און די בערג באַם האָריזאָנט, —
מישן זיך,
פאַרלירן זיך.

טאַנצט פאַר מיר ראַטמיאַ
מיט לבנה־שײַן אַן אָפּגעגאָסענע
אָט אַזױ,
הענט און בריסט פּאָראױס געשטרעקט
און גאָר פּלוצלונג צו דער ערד אַ פאַל,
װי אַ חיה אַ געשאָסענע
אָט אַזױ, —
בײַט די נאַכט איר אױסזען, —
בלױ און װײַס, װײַס און בלױ
אין די טרױבן־צװײַגלאַך
פּרעסן טיפער זיך אין זאַמד אַרײַן
און דער טרױבן ריח
ברײַט זיך,
שפּרײט זיך
העכער,
ברײַטער
אין׳ם רױם אַרײַן
און מײַן האַרץ איז אָנגע׳שיכור׳ט,
װי פון װײַן.

טאַנצט פאַר מיר ראַטמיאַ
מיט לבנה־שײַן אַן אָפּגעגאָסענע. —
אַלע ברעגן פון איר שלײַער
אױפגעהױבענע,
צעפלאָסענע!

ז.

זינגט פאַר מיר ראַטמיאַ
אין איר ליד, — אַן הללויה
צו דעם, װאָס דאָ
אין אָטאָ דער שעה: —

אוונט, שטערן און לבנה,
מענער־ארעמס אין סכנה
נאענט ציט א קאראוואן, —
אוי אפשר קומט איר מאן!

זינגט פאר מיר ראטמיא
איז איר ליד, — אן הללויה
צום קילן טוי און קאכיק לייב
די ליבע צווישן מאן און ווייב.

ח.

א שעך איז געקומען
קיין אל־אריש,
קיין אל־אריש,
ווען די טרויב האט געגרינט.
זיין פנים און הענט
פון זון אפגעברענט
אינגאנצן צעביסן פון ווינט.

דער שעך איז געבליבן
אין אל־אריש,
אין אל־אריש
ביז די טרויב האט געבליט.
פארטריקנט די צונג,
נו בעט ער א טרונק, —
די טרויב אבער גיט זיך נאך נישט.

דער שעך איז געשטארבן
און אל־אריש,
און אל־אריש
פון דורשט אויסגעצערט.
איצט ליגט אינם שטויב

די זאַפּטיקע טרויב
באַ יעדערנס פּיס אויף דער ערד.

ט.

די זשומענדע, גיפּטיקע בין
האָט איינמאָל געקושט מײַנע פינגער,
געקושט מײַנע פינגער
די ערד איז געװען דאַן באַװאַקסן און גרין,
באַװאַקסן און גרין
און איך פון אַ שמעטערלינג גרינגער.

די זשומענדע, גיפּטיקע בין
האָט נאָכדעם געקושט מײַנע אויגן,
געקושט מײַנע אויגן.
האָב איך זיך געװאָרפן אַהער און אַהין,
אַהער און אַהין,
װי װער װאָלט מײַן בלוט אויסגעזויגן.

די זשומענדע, גיפּטיקע בין
האָט װילד אין מײַן לײַב זיך געביסן,
אין לײַב זיך געביסן
האָב איך זיך געװאָרפן אַהער און אַהין,
אַהער און אַהין
און װילד מײַנע קליידער געריסן.

דערנאָך איז די גיפּטיקע בין
שפּורלאָז פאַרשװוּנדן באַם שייד פון די װעגן,
באַם שייד פון די װעגן, —
איצט בין איך אַליין שוין אַ גיפּטיקע בין,
אַ גיפּטיקע בין
פאַר יעדן, װאָס קומט מיר אַנטקעגן.

י.

אַזוי־אַ ליגן
און שװײַגן, שװײַגן,

ווי שווייגנדיק עס ליגן די ווייסע בערג באַם האָריזאָנט,
דער הימל איבער זיי
און אויך די נאַכט.

פון קאַלטן ווינטער לאַנד
נעמט פּלוצלונג זיך אַ ווייסער בער באַווייזן
און מיט זיין ברייט צעעפנט מויל צום הימל
פאַרשלינגט ער די לבנה.

אַזוי־אַ ליגן
און שווייגן, שווייגן,
ווי שווייגנדיק ליגט די נאַכט.
און מיינע מידע גלידער
גורן און פאַרנורן
אין די ווייסע ברעגן פון דיין שאַל,
ראַטמיאַ.

יא.

ווייסקייט...
ווייסע בערג
און ווייסע שווימענדיקע וואָלקנס, —
עמיצער אַ ווייסער
האָט זיך איבער אונז פאַרצויגן
און מיר שוועבן
אין אַ וועלט
פון ווייסקייט.

יב.

פון וואַנען האָט דער ווייסער פּאַלאַץ
און די ווייסע בלענדנדע קאַלאַנען?
פון וואַנען אַט די ווייסע דעקעס
און די ווייסע קישנס אונטער מיר
ראַטמיאַ?

ארום די ווייסע בלענדנדע קאַלאַנען
דרייען זיך אין קרייזן
ווייסע פרויען לייבער, —
ווי ווייסע שוואַנען
מיט העלדזער אויסגעשטרעקטע
און פלאַטערן.

נאָר פּלוצלינג האָט אויך דאָ
פון קאַלטן לאַנד דער ווייסער בער
גענומען זיך באַווייזן
און שטום געוואָרן איז די פרייד
פון די זיך פרייענדיקע.
די ווייסע פרויען לייבער
האָבען זיך גענומען קאַרטשען,
ווי עס קאַרטשעט זיך דער אויבערפלאַך פון ים,
דערפילנדיק דעם אָנקום פון אַ שטורעם.

קום לאָמיר גיין פון אָט דעם אָרט,
ראַטמיא.

דער פּאַלאַץ איז דאָך סיווי זוין פאַרשוואונדן
און פונקט, ווי דער לבנה,
האָט אויך דער ווייסער בער
די ווייסע בלענדנדע קאַלאַנען
שוין פאַרשלונגען.

יג.

וואָס האָט דער אויער־האָן
זיך אין די בערג אַזוי צעשריגן ? —
עס וויגן זיינע אויסגעשרייען זיך
אָט יאָמערדיק און ווייך,
ווי פון׳ם באַרג אַרונטער
אָט יאָמערדיק פאַרשטיקט,
ווי פון׳ם טאָל אַרויס.

— קאַ־קאַ!
האָט אים אין דרימל
א בייזער חלום זיך באוויזן?
צי האָט זיין ווייב
זיך אין אַ פרעמדער נעסט
פאַרקליבן?

— קאַ־קאַ!
עס וויגן זיינע אויסגעשרייען זיך
און פאַלן אויף מיין האַרץ,
ווי דונער קלעפּ,
ראַטמיא.

יד.

— גריב־גראַב!
— גריב־גראַב!
ווי אכמעדס קוליעס אינ׳ם זאַמד אריין
אזוי־אַ גראָבן זיך אַצינד
די שאַרפע נעגל פונ׳ם אויער־האָן
אין מיין לייב אריין,
ראַטמיא.

אכמעד האָט די קוליעס אין די בערג פאַרלוירן?
אכמעד׳ס גוף איז פון די שאַקאַלן אויפגעפרעסן,
אכמעד איז שוין טויט?
יאָ, יאָ, ראַטמיא איז געֶרעכט, —
אכמעד האָט די קוליעס אין די בערג פאַרלוירן!
אכמעד׳ס גוף איז פון שאַקאַלן אויפגעפרעסן,
אָבער נישט פאַרלוירן
האָט דער אויער־האָן
די שאַרפע נעגל זיינע
און נישט אויפגעפרעסן

איז דער אויער־האָן
פון די שאקאלן
אין די בערג,
ראטמיא!

— גריב־גראב!
— גריב־גראב!
דו זעסט די שווארצע פלעקן,
וואָס קאפען, קאפען
און שפרייטן זיך
אָט דאָ־אָ אינ׳ם זאמד? —
דאָס זיינען פלעקן
פון מיין בלוט,
וואָס קאפען
טראָפנווייז
און שפרייטן זיך
און שווארצן זיך
אין טונקלקייט פון נאכט,
ראטמיא.

טו.

אויף מיין הארץ, —
א שרייענדיקער
גראבלט זיך דער אויער־האָן.
און איבער מיר, —
שפאנט מיט שווערע טריט
דער ווייסער בער. . .

— קאָ־קאָ!
אין וועלכער פרעמדער נעסט
האָט זיך מיין ווייב פארקליבן?
אונטער וועמענס פליגל רוט איר קאָפ אצינד?

— מו־הו!
מרוקעט שווער
דער ווייסער בער
און ווארפט מיט ווייסן שניי פון מויל,
וואָס שפּרייט אַ קעלט דאָ
אַרום אונז,
ראטמיא.

קום לאָמיר גיין פון אָט דעם אָרט, —
דער זילבער־ווייסער נעבל,
וואָס ציט זיך פון די בערג
הויבט גאַסטפרייַנטלאך זיין שלייער אויף
און רופט אונז אונטער אים זיך צו באשיצן

קום לאָמיר גיין פון אָרט צום אָרט, —
אוי אפשר וועט דער אוער־האָן
דאָרט אויפהערן מיין הארץ צו גראבלען.
אוי אפשר וועט דער ווייסער בער
אונז אויפ'ן וועג פארלירן,
ראטמיא.

גאָלד און גרין

נאָך גוט

אַ סאַפּענדיקער אָקס אין שווערן יאָך
און איך אַ שטויביקער שלעפּ מיד זיך נאָך.

אַ שטויב הויבט שווער פון דר'ערד זיך אויף,
דער אָקס שלעפּט מיד זיך באַרג אַרויף, —

עס זעט פון ווייט דער שפּיץ פון באַרג זיך אָן, —
מען זאָגט, אַז דאָרטן וואַרט אויף מיר אַ טראָן,

נאָר צו דעם שפּיץ איז ווייט נאָך ווייט, —
אַ לערער וועט דער טראָן נאָך שטיין אַ לאַנגע צייט.

נאָך גוט, וואָס דאָ און דאָרט אַביסל גאָלד און גרין,
עס הענגט מײַן בליק אויף דעם, ווי אויף אַ בלום, די בין.

נאָך גוט וואָס אין מײַן פלאַש איז דאָ אַביסל ווײַן,
באַטאָג אַ שטראַל פון זון, באַנאַכט — לבנה־שײַן.

אַ פויגל הויבט זיך אויף און פליט און פליט, —
בלויז אָקסן שלעפּן זיך מיט שווערע טריט!

שלאָף איין און שווייג

זיך לייגן אַט אָ דאָ
אין גרינעם, שמעקנדיקן גראָז
און, ווי דאָס גראָז צום ווינטל־בלאָז
זיך אָפּגעבן אין אַט דער אָוונט־שעה.

דער טוי איז דין, ווי פּאַפּיראָס
און איבער אים לבנה שיין, —
עס וועט אַ מידער יונג היינט זיין,
אַ גרעזל צווישן גרינעם גראָז.

אַ פֿויגל ערגיץ אויף אַ צווייג
כאַפּט אויף זיך צאַפּלנדיק פֿון שלאָף
און שלאָפֿט באַלד ווידער איין,
און דו מיין האַרץ נישט וויין, נישט האָף, —
אַ גרעזל ווייסט נישט פֿון קיין פּיין,
שלאָף איין און שווייג!

וואָלקנס

וואָלקנס, וואָלקנס, — סטאַדעס שאָף,
וועקט אַ קינד זיך פֿונ׳ם שלאָף
און אַ דונער, — קראַך, קראַך, קראַך!
שרעקט די יונגע שעפֿעלאַך.

אָן אַ פּאַסטוך, שאָף אַליין?
שטיקט דאָס קינד זיך פֿון געוויין, —
קינד מײַנס, קינד מײַנס, רואיק שלאָף, —
וואָלקנס זײַנען נישט קיין שאָף.

דרויסן שטורעמט? — רואיק זײַ,
יעדער שטורעם גייט פֿאַרבײַ.
אויס דער זומער? הארבסט איז באַלד?
און אַ גרעזל וויינט אין וואַלד?

גרעזל, גרעזל, פֿע נישט שיין,
גרעזל, גרעזל, וויין נישט וויין,
גרין דער זומער, האַרבסט איז גאָלד
און די וועלט איז גרין באַמאָלט.

לעב דײַן לעבן, חיה־שעה,
ווײַל דערנאָכדעם גאָרנישטאָ.
דאָ אַ רגע, נעם זי צו
און דערנאָכדעם, — מילא נו!

וואָלקנס, וואָלקנס גרוי און שווער,
רײַט דער ווינטער אָן אהער,
זײַנע בליקן קאַלט, ווי אײַז
און זײַן בערדל שנייאיק ווײַס.

שנייט ער, שנייט. ווײַסקייט שפּרייט, —
אויך דאָס ווײַסקייט גייט פֿאַרגייט.

ווי וואונדערלאַך

ווי וואונדערלאך! ווי וואונדערלאך!
דער טוי צעגייט זיך אין דער הויך
און פונקט אזוי דער קוימענרויך, —
ווי וואונדערלאך! ווי וואונדערלאך!

דורך עמיצינס אַ שטאַרקן כח,
עס אטעמען צענלייך
דער ריינער שפּילעוודיקער טייך,
די האלעוועשקעס פונ׳ם רויך.

ווער איז דער כח, וואו איז ער וואו?
איך לעב און קוק צו אלץ זיך צו, —
אַ שומר בין איך אויף דער וואך.

די גרויסע וועלט־באַשאַף
באַטראַכט איך און איך גאַף און גאַף, —
ווי וואונדערלאך! ווי וואונדערלאך!

דער טאָג שטאַרבט אָפּ

דער טאָג שטאַרבט אָפּ אין רויטן שײַן
און אויף מײַן האַרץ אַ שוואַרצער קרעפּ, —
אַ פֿליג אין נעץ פֿון שפּינגעוועב
גײט אויס פֿון צער און פּײַן.

מיט פֿלײשן פֿול דאָ אַלע טעפּ,
די פֿעסער פֿול מיט רויטן ווײַן, —
אַ שווינדיקע שוועבט די פּײַן
און שפּרײט זיך איבער אַלע קעפּ.

העי רײס זיך נישט פֿון דאָרט, אַ פֿליג
און אין דער נעץ פֿאַרזינק, פֿאַרזינק, —
נישטאָ פֿון דאָרט קײן וועג צוריק:
דער טאָג פֿאַרגײט אין רויטן שײַן,
די פֿעסער פֿול מיט רויטן ווײַן, —
העי, דו, גיס אָן מיר נאָך אַ טרונק!

מו־הו!

אין דעם צעוואַרעמטן באַטאַג, —
ווי גוט איז מיר איצט אין זיין גלי.
אַנטקעגן מיר אַ סטאַדע קי,
דער בוהיי — אויפֿן האַלדז אַ גלאָק.

און פּלוצלונג פון אַ האַלדז: — מו־הו!...
און ווי אַ שווערע מאַסע וואָג
טוט אין דער לופֿט זיך אַ צעטראָג
דאָס ברומען פון אַ יונגער קו.

מו־הו!... מו־הו!... ווער ענטפֿערט אָפּ?
דער בוהיי מיט צערייצטן בליק
הויבט העכער אויף זיין שווערן קאָפּ.
און אין דעם היציקן און גליעקן באַטאָג
הויבט אויף זיך אין דער לופֿט אַ קלאַנג
פון גרויסן פּיין און גליק.

ז. ווײַנפּער

נאָך אַ רעגן

נאָך אַ רעגן
גלאַנצט, ווי שפּיגל
דער אַספאַלט אין גאָרטן,
און די בוימער, —
מײדלאַך מיט צעלאָזטע, אײַנגעגנעצטע לאָקן
שאָקלען זיך
און וואַרפן פּערל אויף דער ערד.
וואָלקנס אָפּגעריסענע
צירן זיך
אין ראָז,
אין פיאָלעט
און אין פּורפּער
און איבער זיי
אַ בלענדנדיקע
קוקט לאַכנדיק די זון.

אויף אַ צווײַגל
הויבט אַ פויגל אָן צו זינגען,
פון אַ הויכע בוים
מיט אַ וועוורעקל אַ שפּרונג
און בלײַבט פאַרגאַפט
צווישן פלאַנדיקע בלעטער,
און אין דער הויך אַ בלענדנדיקע
קוקט לאַכנדיק די זון.

איבער גלאַנצנדיקן אַספאַלט
גיי איך אַרום שפּאַצירן.
מײַנע אויגן
בלאָנדזשען
איבער מײדלאַך
מיט צעלאָזטע אײַנגעגנעצטע לאָקן,
וואָס וואַרפן פּערל אויף דער ערד,
און איבער מיר,
אַ בלענדנדיקע
קוקט לאַכנדיק די זון.

אַמאָל און אַמאָל

אַמאָל און אַמאָל האָט אַזוינס און אַזעלכס געטראָפן,
איצט לאָזט דער אַמאָל מיך נישט שלאָפן.
די נאַכט קוקט אַ פּאַרכטיקע דורך מיינע שויבן,
אַזוי קוקט אַ יעגער, וואָס קלייבט זיך אַ לעבן צו רויבן.
אַ פּאַרכטיקע נאַכט, מיין האַרץ נעמט זיך פּלוצלונג צעשרייען, —
דער יעגער האַלט איצט זיך אינמיטן פּאַרטייען,
און איך אויף מיין בעט מיט ווייטע און אָפענע אויגן, —
אַמאָל זיינען מחנות מיט פייגל געפלויגן, געפלויגן,
און פּלוצלינג האָט איינער פון זיי זיך צעבראָכן אַ פליגל,
ער צאַפּלט זיך איצטער, ווי אַ קינד אַ פאַרלאָזנס אין וויגל.

אַמאָל און אַמאָל האָט אַזוינס און אַזעלכס געטראָפן,
איצט לאָזט דער אַמאָל און אַמאָל מיך נישט שלאָפן.
אַמאָל האָט אַ הונט געהאַט וואו אַ האָר אַ געטרייען,
איצט גנב'עט ער ביינער און שווער איז אים זיי צו צעקייען.
אַמאָל האָט אַ בוהיי זיין אייגענעם שאָטן געפאָכטן,
איצט ליגט ער אין בוינע, פון חלף דערשאָכטן.
אַמאָל האָט אויף גאָלד־גרינער לאָנקע געשיינט די לבנה,
און איצט יאָגט אַ כמאַרע און זאָגט אָן סכנה.
איך הויב אויף די אויגן און קוק צו די שויבן, —
וואָס נאָך קאָן דער יעגער דאָ רויבן?

טעפּיכער

חנה׳ן

ווער וואַרפט זיך מיט קאַלירנדיקע טעפּיכער אויף אונזער ערד?
דער מלאך לאַלאַ האָט היינט זיך מיט דער זון צוגלייך באַוויזן
און פונקט, ווי זי מיט אירע שטראַלן,
האָט ער די ווייסע פליגל איבער אונז אַ שפּרייט געטאָן, —
וואַרפט ער זיך מיט קאַלירנדיקע טעפּיכער אויף אונזער ערד?

אָ ניין דער מלאך לאַלאַ איז אַ קינד פון הימל
און ער וועט אויף דער ערד קיין טעפּיכער ניט וואַרפן.
טאָ ווער זשע וואַרפט זיך פּאַרט מיט טעפּיכער אָט דאָ?

אַמאָל האָט דאָס דער יונגער פּרינץ פּלילי געטאָן, —
אַ ליכטיקער פלעגט ער אַנטקעגן זיין פּרינצעסן רייטן
און דענסטמאָל פלעגט זיין ווייסער פערד
אַזוי לייכט און שפּילעוודיק גאַרצירן,
און דענסטמאָל פלעגט ער טעפּיכער צעוואַרפן,
אַז זיין פּרינצעסנ׳ס פיס זאָלן אויף דער ערד נישט טרעטן,
אָבער איצט איז די פּרינצעסן דאָך שוין טויט, —
אַ סברא, אַז די שפּיז פון פּרינץ פּלילי
איז פון איר בלוט נאָך רויט.
דען לאַנג שוין, אַז ער זיצט פאַרבאָרגן אין זיין הייל
און שרעקט זיך פאַר דער זון, —
טאָ ווער זשע וואַרפט זיך מיט די טעפּיכער אויף אונזער ערד,
אַז נישט דער מלאך לאַלאַ
און נישט דער פּרינץ פּלילי?

נאַכט וועט קומען!

דער מלאך לאַלא האָט מיט זיין גילדן שפּיגעלע
אַ שפּיל געטאָן זיך אויף די פענצטער פון אַלע הייזער
איז אויך צו אונז אין הויז אַ שטראַל
אריינגעפאַלן.

די רויטע רויזן
און די ווייסע קאַראַנעלן —
פאַרשלאָפענע,
פאַרוויאַנעטע —
ווער האָט אין דער כינעזיש־גרינער וואזע
אויפגעוועקט אין זיי דאָס לעבן?

און אין די קאַנדיליאַברעס, —
ווער האָט די ליכט אין זיי געצונדן,
וואָס לייכטן איצט, ווי דימענטן צעשטויבטע? —

דער מלאך לאַלא האָט היינט זיין שפּיגעלע
פון זיינע טויזנט טיכער אויפגעבונדן
און איבער אַלע פענצטער גאָלד צעלאָזן, —
נו וועקן זיך פון שלאָף
די רויזן,
און די קאַראַנעלן
און פון זיך אַליין
ווערן אַלע ליכט געצונדן.

בלויז דו,
ציטערנדיק פון קעלט,
וויקלסט זיך אין טיכער און אין שאָטן
און גלייכגילטיק צו אַלץ,
ווי אויפן זייגער׳ס ציפערבלאַט דער ווייזער,
דרייסטו אויפ׳ן האַלדז דאָס רויטע בייטשל קרעלן
און ווי דער זייגער, —

נעכטן,
אייערנעכטן
און פאר יאָרן,
זעסטו נישט,
ווי אַלץ איז אַנדערש דאָ געוואָרן.

און ווי דער זייגער, —
נעכטן,
אייערנעכטן
און פאר יאָרן
קוקסטו אויף מיין לולקע רויך,
וואָס ערשט געווען און נישט געוואָרן
און זינגסט דאָס זעלבע ליד:
— נאָכט וועט קומען!
— נאָכט וועט קומען!

אילוזיע

אין אַ פּערלמוטער גרויסן הויז
שטייט אַ זייגער, ווי אַ וואַנט די גרויס
און גילדריק זיינען זיינע ווייזער, —
אין אַזעלכע גרויסע, שיינע הייזער
ציען זיך די שעה׳ען לענגער;
דאָרט הענגט אַ וויגל אויף אַ זילבער־הענגער,
וויגט דאָס וויגל אום אַ קינד אין זיך.
אַלוי־ליו־ליו, שלאָף — דאָס קינד בין איך.

צוקאָפּנס מיר אַ קישעלע פון זייד
און ווייס דאָס זייד, ווי ווייס איז קרייד
מיט וואָס די לערער אויף די טאָוולען שרייבן. —
אויף אָט דעם קישעלע פאַרקלייבן
צו מיר זיך אַלערליי חלומות
און וואָס עס טרעפט, איז נישט אין אַנדערע מקומות,
נאָר דאָ אין שטוב ביי מיר, —
אַהאַ, איך זע, איר לאַכט פון מיר.

ווען איר וואָלט מיך נישט אויסגעלאַכט,
וואָלט איך מיט אייך אַ גאַנצע נאַכט
געקאָנט דאָ זיצן און דערציילן, —
פאַראַנען אין מיין שטוב אַזעלכע היילן,
וואו איך קאָן אומגיין בלויז מיט אַ לאַמטערן
אויב איך וויל דאָרט נישט פאַרפאַלן ווערן,
און איינמאָל האָט געטראָפן דאָרט מיט מיר . . .
נאָר איר לאַכט דאָך ווידער שוין פון מיר!

ז. וויינפער

זונשיין

איבער די גאסן האט פלוצלונג די זון זיך צעגליט
אין גאָלדיקן, רויטן קאָליר.
דרינגט דער קאָליר אזא רויטער אין מיר,
זינגען אין לופטן איצט אַלעמענס טריט,
זינגט אויך מיין הארץ איצט אין מיר.

וועבט זיך א קראַנץ פון קאָליריקע קעפּ,
מיין קאָפּ צווישן זיי אין דערמיט.
די זון האָט נאָך רויטער צעגליט, —
אויף סאמעט געבעטע און מאַרמאָרנע טרעפּ
גייט אויף א לויטערס מיין ליד.

קומט אָן אין גליענדן גאָלד אַן עקספּרעס
און גלייך הינטער אים — אַן אויטאָמאָביל, —
א קלינגיק־קאָליריקער שפּיל!
צעזינגט זיך אין מיר, ווי א גילדענער נס
מיין ליד אין דער שטיל.

עס האָט א מכשף פון ערגיץ א לאַנד
מיט אונז זיך א שפּאַס טאָן געוואָלט
און האָט מיט קאָלירן באַמאָלט
א שפּיץ פון א הויז, א שטיין פון א וואַנט,
א פענצטער צעגליט זיך אין זוניקן גאָלד.

טוט זיך א קינדערשע מחנה א יאָג, —
א באָל טוט א ציטער באַ מיינע טריט, —
די זון האָט נאָך רויטער מיט גאָלד זיך צעגליט, —
אָ טו מיך א נעם און פאַרטראָג מיך פאַרטראָג,
מיין שיינענדיק, זינגנדיק ליד.

דער צער פון ווערן אוים

א שטילע גרויקייט הערשט בא מיר אין הויז.
איך שפאן ארום און רויכער א ציגאר.
דער רויך צעקרייזלט זיך און גייט פאמעלאך אוים
און טיף אין מיר גייט אויף א טיפער צער, —
דער צער פון ווערן אוים.

דער גרויער, קרייזלדיקער רויך, —
ער ציט זיך פון מיין מויל אן ציל, אן זין
און ווערט צעגאנגען אין דער הויך, —
פון וואנען און וואוהין
קומט אן און גייט אוועק דער רויך?

איך צי זיך אויף דער סאפע אוים
און מיינע בליקן הענגען אויף דעם רויך, —
מיין צער צעוואקסט זיך אין דער גרוים
און שפרייט זיך, ווי א וואלקן אין דער הויך, —
דער צער פון ווערן אוים.

א טיפע שטילקייט הערשט בא מיר אין הויז
און אויף דער גרויקייט הענגט מיין בליק, —
א קול רעדט שטיל צו מיר פון ערגיצוואו ארוים: —
„דער וועג, וואס פירט אהער, פירט אויך צוריק
און אלץ, וואס ווערט, מוז ווערן אוים!“

איך הויב זיך אויף און הויב אן שטיל ארומצוגיין
און אומבאמערקט פארלעשט זיך מיין ציגאר, —
די לופט איז לאנג פון רויך שוין ריין,
נאר אין מיין הארצן וויינט דער צער, —
דער צער פון ווערן אוים.

מאַטאַ-האַרי

ניִשט קיין פרינץ, גאַרצירנדיק אַ בראַווער אויף אַ פערד,
ניִשט קיין ריטער, פאָכנדיק אין לופטן מיט זיין שווערד,
ניִשט מער, ווי בלויז אַ אידישער פּאָעט בין איך,
וואָס טראָגט דיין נאָמען מיט אַזוי פיל פיין אין זיך, —
מאַטאַ־האַרי.

וואו, זיינען זיי געווען, — די ריטער, וואָס פלעגן זיך גאַלאַנט
אַ נויג טאָן, קושנדיק דיין דינע צאַרטע האַנט,
וואו זיינען זיי געווען — די פרינצן אויף די גראַציעזע פערד,
ווען אויף דיין ווייסן האַלדז האָט דורכגעבליצט די שווערד,
מאַטאַ־האַרי?

דעם קלאַנג פון דיינע ריטמיש־טאַנצנדיקע טריט
האָב איך, בלויז איך פאַרנומען און אים אָפּגעהיט, —
איצט זינגט אַ אידישער פּאָעט אוים אין זיין ליד
דעם ריטם פון דיין ליבּ און דיינע טאַנצנדיקע טריט,
מאַטאַ־האַרי.

מיט ריטער און מיט פרינצן בלויז האָסטו געטיילט דיין בעט,
אַנשטאַט דאָס שיינע וואָרט פון איינזאַמען פּאָעט,
האָט צו דיין נאַריש־קינדיש האַרץ גערעדט,
דער גלאַנץ פון גאָלד־געשטיקטן עפּאָלעט,
מאַטאַ־האַרי.

און ניִשט געוואוסט האָסטו, אַז דיינע ריטמיש־טאַנצנדיקע טריט,
האָב איך, בלויז איך, פאַרנומען און זיי אָפּגעהיט, —
דער ריטעם פון דיין ליבּ אין דיינע טריט
וועט אייביק בלייבּן אין מיין אידיש ליד,
מאַטאַ־האַרי.

טרויער

עפּעס האָט געטאָן אין מיר א טיפן ציטער, —
נעכטן האָט אַ גילדיקער צעגליטער,
עמיצער באַם האָריזאָנט זיך אויפגעהויבן
און צעגליט די דינע פֿאַרהאַנגען אויף מיינע שויבן.
איצטער הענגען זיי און רויטע, די אוזאָרן, —
רייטער זיינען אָנגעקומען און צוריק אוועקגעפאָרן,
שיפן אָנגעלאָדענע זיינען צו די ברעגן מיינע אָנגעקומען
און צוריק אין ווייטע לענדער אָפּגעשוואומען.

ציטער נישט מיין הארץ און נישט באַדויער, —
רגע׳ס זיינען בלויז פאַר פרייד און אייביק איז דער טרויער,
פריי איך זיך מיט רגע׳ס, ווי א קינד מיט זייפנבלאָזן,
איך פאַרבּ אליין דאָס שווארצקייט אָפּ מיט ראָזן, —
רייטער זיינען אומרואיק און האָבן ליב צו רייזן,
וועלן זיי זיך נאָכאַמאָל אָט דאָ באווייזן,
שיפן זיינען אָנגעקומען און צוריק אוועקגעשוואומען,
וואַרט איך ביז די שיפן וועלן ווידער צו מיר קומען.

עפּעס האָט אין מיר געטאָן א טיפן ציטער, —
לעבן מיר, מיין הונט — א שומר א געניטער,
שאַרט זיך אומרואיק באַ מיינע קניען, —
רגע׳ס, ווי די קעמלען איבער מדבר־זאַמד זיך ציען.
פּלוצלינג שפּרינגט ער אויף, צעפּינטלט זיינע ברעמען
— האוו! האוו! — צעבילט ער זיך, נישט וויסנדיק אויף וועמען,
גלעט איך פיינלאַך אויף זיין קאָפּ און אויף זיין אויער, —
רואיק זיי, מיין הונט, עס איז דאָך בלויז מיין טרויער!

ז. ווײַנפּער

איכה

דעם אָנדענקען פֿון ראובן לודוויק

ווי אומעטיק עס איז די שטילע, אָוונטיקע שעה!
די לאַכנדיקע פֿרייד האָט אויסגעלאַכט זיך ביז׳ן דנאָ
און איצטער ליגט די ליידיקייט צונויפֿגעדרייט
און היט דעם קבר פֿון דער פֿרייד.

די פֿרייד, וואָס האָט אָט־דאָ אין טאָג־ליכט זיך צעבליט, —
געוועז איז זי אַ שורה פֿון אַ נישט פֿאַרענדיקט ליד.
וואָס ערגיץ האָט אַ גוסס׳דיקער טרוימער, אַ פּאָעט
אַרויסגעמורמלט אויף זיין טויטן בעט.

און איצטער איז די שורה אויך שוין מער נישטאָ,
זיך אויפֿגעלייזט האָט זי אין אָט דער אומעטיקער שעה, —
דער אָוונט בויגט זיך צו דער שלאָפֿנדיקער פֿרייד
און שפּרייט אַריבער איר, די פֿאַלדן פֿון זיין קלייד.

צו אַלדע גוטע יאָר!

איך בין אַ מענטש, וואָס עלטערט זיך פון יאָר צו יאָר.
איך האָב שוין זילבער־פעדים אין די בלאָנדע האָר
און קנייטשלאַך באַ די שלייפן אויך מסתמא.
געלויבט איז גאָט, — עס רופט מיך נאָך מיין מאַמע
אין אירע בריוולאַך: „זון מיין ליבער",
און איך, וואָס קוק דורך ווייטקייטן צו איר אַריבער,
נעם אָן פאַר ליב, ווי זי, דעם זונשיין און די שאָטנס,
דאַנק גאָט פאַר טרוקן ברויט, ווי פאַר געבראָטנס.

איך בין אַ מענטש, וואָס איז פאַרליבט אין אַלץ ביז גאָר
און לעב זיך אָט אַזוי צו אַלדע גוטע יאָר.
איך גיי זיך מיר מיין וועג, און טרעפט אַ גרוב, שפּרינג איך אַריבער.
דאָס נעכטיקע איז קיינמאָל מיר פון היינט ניט ליבער.
איך האָב מיין מאַמעס בלויע, ווייכע אויגן פול מיט זאָרגן,
וואָס זאָגן פריינטלאַך יעדערן: גוטמאָרגן.

גוטמאָרגן יעדערן, וואָס קומט צו מיינע טירן, שוועלן, —
קומט, קומט! איך וועל פאַר אַלעמען באַשטעלן
אַ צוקערלעקאַכל, און יאַבעלאַך פון טויבן,
אַ פלוימען־צימעס און אַ פלעשל ווײַן פון טרויבן.

גוטמאָרגן צו די אַלע טעג,
וואָס שלעפּן זיך צו מיר אַף זייער וועג.
די ליכטיקע וועל איך מיט דאַנק אויפנעמען
און אויך די גרויע וועל איך ניט פאַרשעמען.
די לעצטע, ווי די ערשטע וועל איך אַ גוטמאָרגן זאָגן,
דען, ווי די ערשטע, גיבן אויך די לעצטע אַלץ, וואָס זיי פאַרמאָגן.

די טעג צעטיילן זיך אויף שעה'ן, אויף מינוטן,
אין יעדער שעה איז עפּעס דאָ פאַר מיר צום גוטן,
און אַז עס קומט אַמאָל אַ שעה, אַ טריבע,
דערוואַרעם איך זי מיט מיין ליבע,

און ליכטיק ווערט און גוט.
איך זאָג: דער שלעכטער ווייסט ניט, וואָס ער טוט,
ווי אָפטמאָל ווייסט ניט מיט זיין גוטסקייט אויך דער גוטער.
דער מענטש איז מענטש, און וואָס עס טוט זיך אים, דאָס טוט ער.

אַמאָל בין איך אַ בוים מיט זאַפטיק־פרישע פרוכט.
וואָס ווינקט צו יעדערן: — קומט, נעמט, פאַרזוכט!
אַמאָל בין איך, ווי אויפן פעלד דאָס גראָז,
וואָס לעבט זיך אין דער נידעריק, ניט פרעגנדיק צו וואָס.
איך ווייס, אַז אַט די גליענדיקע שעה,
וואָס איז מיט מיר איצט דאָ,
געווען איז דאָ פון אייביק אָן, און זיין וועט זי אויך אייביק.
דאָס ליד פון דעם פּאָעט ה. לייוויק,
וואָס פרעגט, און שטראָפט און מאָנט,
איז צו מיין הארצן נאָנט
בלויז ווייל עס איז אַ ליד אַזאַ פון לייוויק'ן דעם דיכטער,
און ניט קיין שטראָפרייד פון אַ ריכטער!

עס זיינען אַלע מינים שטראָפרייד צו מיר פרעמד,
נאָר אייגן איז מיר לייוויק'ס ליד, ווי אייגן איז מיין העמד
צום לייב פון מיינע גלידער.

איך זינג ווי ער, אויך לידער.
נאָר מיינע מאָנען ניט.
דערמאָנען ניט,
ווי קלינגענדיקע קלויסטער גלעקער.
עס איז מיין ליד אויך ניט קיין וועקער
און ניט קיין איבערשרעקער.
נאָר שטיל אַזוי זיך שפילט עס
און ווערמען שפיל איז ליב, פאַרשפּילט עס.

איך וואַרף זיך אום מיט קלאַנגען פון די הענט,
ווי קינדער וואַרפן לופט־באַלאָנען אין דעם זונידיקן בלענד
און האַלעוואַי זאָל איך זיי אַזוי ווייטער וואַרפן

און זאָלן נעמען אַלע וואָס באַדאַרפֿן
אַף יעדן וועג און שטעג,
דורך אַלע מיינע טעג.

דאָס ליד, וואָס זינגט זיך גלאַט אַזוי,
איז דאָך קיין ליד ניט גלאַט אַזוי.
דאָס ליד איז ליד פֿאַר זיך אַליין
ווי זון איז זון, באַם אופֿגיין און פֿאַרגיין,
ווי בלאַסע, זילבערנע לבֿנה,
וואָס זילבערט אָפּ די ערד אַזוי אַ אָן אַ שום כּוונה,
ווי אויפֿשפּראָץ איבער בערג און טאָלן,
ווייל אונטער איר איז ערד מיט זאַפֿטן אָנגעשוואָלן.
ווי בחור'עשער אויפֿברויז צו דעם לייב פֿון מיידל,
ווי פֿערד, וואָס פּאַטשט זיך גלאַט אַזוי אום מיט'ן ווידל.
ווי טאַנץ, געזאַנג און שפּיל
וואָס איז פֿאַר זיך אַליין אַ ציל.

איך בין אַ מענטש, וואָס עלטערט זיך מיט יעדן יאָר,
און בין פֿאַרליבט אין אַלץ ביז גאָר.
און כאָטש איך וויים, ווי דו און ער,
אַז ישרעקלאַך איז דער בער
מיט זיינע שווערע לאַפּעס אויף דער ערד
פֿאַר ווערעמל, וואָס דעם איז פֿויזן בלויז באַשערט,
דאָך וויים איך אויך, אַז ווי דעם ווערעמל איז שווער
איז שווער דעם בער.

אַזוי איז דאָס געווען, אַזוי וועט זיין.
צוזאַמען מיט דער פֿרייד, איז דאָ די פּיין.
פֿון זעלבן ערד גייט אוף דער סם, דער ווײַן
און ביידע זינגען אויס דאָס ליד פֿון זיין.

ז. וויינפער

פון ערגיץ ביז ערגיץ

די זעלבע אומענדלאָזקייט גרייכן מיר אַלע,
און ציטערט אַ קני אויף די וועגן, נו מאַלע!...

פון ערגיץ ביז ערגיץ פון פירער געפירטע, —
און צווישן די ערגיצן — שפּילצייג קאָלירטע.

אַ שפּאַן און דער ערגיץ ווערט נענטער,
דאָך שמייכלט דער באַרג פון זון אַ צעבלענדטער.

אַ טאָג מיט אַ נאַכט און עס ווערט שוין אַ נעכטן,
אויף מאָרגן וועל איך זיך אַ טייבעלע שעכטן.

געבראָטענע טויבן אין מויל זיך צעגייען,
אַ בלעזל אין לופט הערט נישט אויף זיך צו דרייען.

אַ בלעזל, אַ גרעזל, אַ הינטל, אַ ווינטל,
אַ בריקל, אַ פלעקל, אַ שטראַלנדיק פינטל.

אַ ליכט און אַ ליכט און חושך אין מיטן ? —
דער פירער, וואָס פירט, וועט באַשירמען, באַהיטן.

ער האָט אַ פּאָר אויגן, וואָס וואַכן און קוקן,
וועט ער נישט דערלאָזן די וועלף אונז פאַרצוקן.

צוויי וואָלקנס, צוויי פייגל און צוויי עראָפּלאַנען,
אַהערצו, אַהינצו, פון וואַנען ביז וואַנען ?

פון ערגיץ ביז ערגיץ, ווי מיר אויף די וועגן,
ביז ערגיץ וועט ערגיצן טרעפן אַנטקעגן.

אוי, אַט די רייד!

אוי אַט די רייד, וואָס מען רעדט און צערעדט.
מען ווייסט דאָך, אַז סיי־ווי איז שפּעט.—
צו וואָס זשע די חידות? אַז קלאָר דער באַשייד!
אַריבער דעם קערנדל פּרייד גייט אויף די לייד.
אַריבער אונז אַלעמען נעמט זיך צעוויגן
דער קאַלטער, דער נאַקעטער ליגן.
ער קוקט אונז אין פּנים און שטעקט אונז אַ צונג.
איך ווייס נישט, ווי איר, נאָר איך פּיל אַ וואונק
צום שטריק און צום טשוואָק אויף דער סטעליע.
און אַט־אָ־די וויסטע קאַפּעליע, —
זי צימבלט
און רימבלט: —
מיט דיר, ווי מיט יעדן דאָס זעלבע, דאָס זעלבע!
ווי זאָגט לעאָן עלבע?
„דאָס אינגעלע טראַכט
און אַשמדאַי לאַכט.“
העי אינגעלע, אינגעלע,
אַנטליי מיר דיין רינגעלע.
דען אויב אַט דער כישוף
וועט מיך אין אַן אַנדער מין ישוב
נישט פירן, נישט ברענגען,
קומט אויס זיך צו הענגען!

די שעה, וואָס איז דאָ

יוסף אפּאטאָשו׳ן.

א בייטש אַ צעקנאַלטע אויף רוקן?
ווי גוט איז דורך ווייטיק צו קוקן
פון שוועל בײַ מיין טיר, דער צעפּראַלטער
אויף בייטשיקער בייטש, דער צעקנאַלטער
אין אָט־אָ דער שעה,
וואָס איז דאָ.

אודאי איז שווער זיך פאַרשטאָפּן
דעם אויער צום פערדיש גאַלאָפּן,
ווען איבער דיר שעה איז אַ שווערע,
נאָר ערגער איז פּוסטקייט, די לערע,
ווען אָט־אָ די שעה
איז נישטאָ.

אַז אָט־אָ די שעה וועט פאַרשווינדן
וועט עמיצער ליכטלאַך דיר צינדן,
נאָר דו וועסט נישט זען דעם צעקאָפּנס, —
שוין בעסער די ביטערסטע טראָפּנס,
ווען אָט־אָ די שעה
איז נאָך דאָ!

דיינע אַכטצן יאָר

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מלכה קאָן

די ווייכע, מאַמעדיקע ערד, —
ווי גוט און וואויל זי איז!
אַז זי האָט נישט באַשערט
קיין ביסל פרייד פאַר דיינע פיס,
האָט זי דערפאַר אַ שטעקל דיר געגעבן
אויף דעם זיך אָנצעשפּאַרן.
דאָס רוישיק ביסל לעבן, —
עס זאָל דעם אָנהויבן צו אַרן!
דיין שוועסטער און דיין ברודער, —
באַרוישטע, וואָס זיי זיינען דאָ פאַראַנען
האָבן נישט צערו געלאָזט דעם רודער
פון צעפּעלינען, עראָפּלאַנען,
וואָס יאָגן זיך אין אַ וועט־געלויף
דורך נעכט און טעג.
און דו? — געוואָלט האָסטו כאָטש זיין אַ שרויף
פון ראָד אויף זאַמדיק שווערן וועג.
נאָר די גוטע, מאַמעדיקע ערד
האָט אפילו דאָס
דיר נישט באַשערט.
דערפאַר האָט זי צעווישען גראָז
אַ בעט דיר אויסגעבעט, —
איצט וואַקסט אויף יענעם אָרט אַ רויז,
וואָס ווייגט און זינגט, דערציילט און רעדט, —
אַ יונגע, בליענדיקע רויז

פון דיינע אכטצן יאר,
וואס האבן אויף א שטעקל זיך געהאלטן,
פון דיינע אכטצן יאר,
וואס זיינען אין דער אייביקייט בעהאלטען.

די ווייכע, מאמעדיקע ערד, —
געבענטשט זאל זיין איר איינגעווייד.
נעבכטן האט א רוף דיין טאטע דא דערהערט,
האט זיך זיין ביסל פרייד

אויף א קאלטן ווינט פארקליבן,
וואס האט זיך צופעליק פארבייגעטריבן, —
דערנאך האט ער זיך מיד אראפגעלאזט
אין א לאנד פון שניי און פראסט.

פאַר דיר

דו ביסט פאַר מיר די פּאַרק־אַלייע,
וואו מיין געדאַנק גייט אום שפּאַצירן, —
צווישן דיינע ביימער וועט קיין ווינטלווייע
אויף שלעכטע וועגן מיך נישט פירן.

די זון באַטאָג, און אין די אָוונטן לבנה,
זיי ביידע שפּאַרן זיך דורך דיינע צווייגן, —
היינט פרי האָב איך דיר אַ מתנה
געשיקט דורך מיין עקשנות׳דיקן שווייגן.

נאָר איצט איז רעגנדיק דאָס וועטער, —
פּאַרק־אַלייע נעמט אין נעבל זיך פאַרהילן.
מיין אומעט איז היינט אַ צערעדטער,
מיט גאָרנישט קאָן איך אים פאַרשטילן.

נו רעד איך, רעד, כאָטש גאָרנישט זאָג איך,
עס פאַלן גלאַט אַזוי פון מויל די ווערטער, —
אַ פולן קויש מיט רייפע טרויבן טראָג איך
פאַר דיר פון אַלע מיינע ערטער.

סכנה

באַם שײדװעג אויף אַ שילד: —
„צוריק־צוריק"! דאָ איז סכנה!
און מיר דער צענטער פּונ'ם בילד
אין װײַסן שײַן פון דער לבנה.

אַ פויגל זעגערט, װי אַ זעג
באַם זײַט פון דער אַלײע: —
מע מעג! מע מעג! מע מעג!
די נאַכט איז אַ קמעה!

און מיר פאַר'שיכור'טע און װילד,
אײנער פאַר'ן צװײטן אַ מתנה, —
מיר שפּאַנען פאַרבײַ שילד
דורך נאַכט און דורך סכנה.

וואָס דאַרף איך דען?

וואָס דאַרף איך דען,
אַז איך זאָל דיך דערזען? —
אַ בליק איז ערשט אַ מאָל געטאָן אויף מיר,
האָב איך אין בליק דערפילט אַ גרוס פון דיר.
אַ ווינטל האָט אַ גלעט געטאָן מיך אויף די האָר,
האָב איך דערפילט, ווי וואר
עס איז געווען מיין טאַטנס וואָרט,
אַז דו ביזט דאָ אויף יעדן אָרט.

אָ דו, אוודאי ביסטו דאָ!
און הענגט אַ שווערע איבער מיר די שעה
טראָג איך געדולדיק אום איר שווער געוויכט, —
הלוואי זאָלסטו נישט אָפּקערן דיין שיינענדיק געזיכט
פון יעדן טראָט, וואָס איך וועל טאָן נאָך אויף מיין וועג
און לייכטע וועלן ווערן אַלע מיינע נעכט און טעג,
וואָס דו האָסט מיר באַשערט
אויף דר'ערד.

רו

דער וועג איז צווישן גאָלד און גרין, —
נישט ווייט פון דאַנען וואוינט די רו.
עס ווייסט מיין טראָט דעם וועג אהין,
נאָר וועכטער וואכט און לאָזט נישט צו.

א ווינטל בלאָזט אַן צוועק, אַן זין
און זינגט דאָס ליד פון רו,
א גליענדיקער, ווי בורשטין,
דער הימל רוקט צו דר'ערד זיך צו.

א שלענגלדיקער איז דער שליאך
און פירט אויף מיילן ווייט אַוועק, —
נישט ווייט פון דאַנען וואוינט די רו,

נאָר אויף א יעדן וועג און שטעג
א שווייגנדיקע שטייט די וואך
און לאָזט מיין טראָט אהין נישט צו.

זינגענדיק

דעם כאָר פון דער
קולטור־געזעלשאַפט

זינגענדיק,
טרייסט זיך די וועלט, די פאַרוואונדעטע.
און דורך געזאַנג
עפענען ברייט זיך די הענט, די געבונדענע,
זינגען מיר, זינגען מיר, זינגען מיר,
און אַלע וועלטן פאַרקלינגען מיר.

זינגענדיק,
היילט זיך די וועלט, די פאַרבלוטיקטע.
און דורך געזאַנג
ווערן די הערצער געמוטיקטע.
זינגען מיר, זינגען מיר, זינגען מיר,
און אַלע וועלטן פאַרקלינגען מיר.

זינגענדיק,
וואַכט אויף די וועלט, די פאַרמאַטערטע.
און מיט געזאַנג,
פרייע, ווי פאָנען אין לופטן, צעפלאַטערטע,
זינגען מיר, זינגען מיר, זינגען מיר,
און אַלע וועלטן פאַרקלינגען מיר.

טויבן

טויבן שטייען ביי מיין פענצטער,
ווייסן טויבן צוויי —
עפענען וועל איך דאָס פענצטער,
עפענען פאַר זיי.

אין מיין שטילן צימער
וואוינען וועלן זיי,
וואָרקען וועלן אין מיין צימער
ווייסע טויבן צוויי.

אין די נעכט פון שווערן אומעט
וואָרקען וועלן זיי.
אין די נעכט פון שוואַרצן אומעט
ווייסע טויבן צוויי. . . .

צו דיר

בעלאַ'ן

מילדע פרויען טריט אויף הארטן שטיין, —
וועמענס בליקן קוקן איצט דיך נאָך?
ווער עס זעט דיך, דער ווערט מילד אליין,
יום־טויבדיק ווערט אים די גרויע וואָך.

פרויען בליקן — זונשיין איבער שניי, —
וועמען וואַרימט איצט דיין אויגנשיין?
ווער עס פילט אויף זיך דעם בלענד פון זיי,
וועט אויף אייביק בלענדנדיק שוין זיין.

פרויען ליב פאַר מאַן, ווי טוי פאַר גראָז, —
וועמענס פנים בלייכט זיך איצט פאַר דיר?
גראָז אין פעלד גייט אוים נאָך ווינטל בלאָז,
ווי דאָס ווינטל נאָכ'ן גראָזיקן באַריר.

בלויז דער איבערמענטש און גרויסער נאַר
שרעקן זיך נישט פאַר געפאַר.

רויט

די נאַכט הויבט אויף דעם שלעפּ פון קלייד
און רוקט זיך אָפּ, פאַרשווינדט,
אַ רויטער מאָרגן שפּאַנט און שפּרייט
די הענט און צינדט.

אַ רויטע זון, ווי רויטער מאָן, —
אַ רויטע זון ?
עס צינדט די גאַנצע ערד זיך אָן
מיט רויט דערפון.

רויט און רויטער, רויטער רויט,
איינאונאיינציקער קאָליר, —
עס ווערט אויך רויט די הויט
אויף מיר.

איז וואָס זשע מיטן בלוי ? דעם בלאָנד ?
דאָס גרינס אויפן בוים ? —
אַ רויטע פאַרב פאַרציט דעם האָריזאָנט
און רויטלט אָפּ דעם רוים.

נישט מער קיין גרינס אויף גראָז,
נישט מער קיין גאָלד אויף זאַנג, —
די ערד, ווי בײַ אַ שיכור'ן די נאָז
פון שאַרף געטראַנק.

און ווי אַ שכור'טע האַלאַסעט זי און שעלט
אין לופט אַריין, —
קיין וואונדער ניט, — די וועלט
צעקאָרטשעט איז פון פּיין.

אַ רויטע פאַרב פאַרציט דעם האָריזאָנט
און אַלץ ווערט רויט,
איז וואָס זשע מיטן בלוי ? דעם גרין ? דעם בלאָנד ? —
טויט ? . . .

גרויע פאַרלאָזענע שטיינער

גרויע, פאַרלאָזענע שטיינער צעשטעלטע אין רייען, —
אומצייליקע, ביינערנע הענט פון סקעלעטן
רייסן פון דר'ערד זיך און בעטן און בעטן
עס זאָל זיי די מדבר מיט זאַמד נישט פאַרווייען.

גרויע פאַרלאָזענע שטיינער, — עס האָבן פּאָעטן,
ווי איך, לעבן אייך איצט, געהערט און געזען
אזוינס, וואָס איז קיינמאָל מיט אייך נישט געשען
און רייך איז די וועלט מיט באַלאַדן, סאָנעטן.

א שטיין אינ'ם זאַמד — א שיינע באַלאַדע, —
אַט דאָ איז א פּאַלאַץ געשטאַנען אודאי,
ארום אים א גאָרטן מיט בליענדע בוימער
און ביי יעדער אריינגאַנג, — א שומר
מיט שפּיז אין דער האַנט און ערגעץ מיט מויל א צערעדטן
באַזונגען דער מלכה האָט א פּאָעט אין סאָנעטן.

קינדער גלויביקע

נעמט אין דרויסן ווערן לינדער,
הויבן אָן אין גאַס די קינדער
בויען שטיבעלאַך פון שניי.
קינדער גלויביקע, וואָס ווייסן זיי?
קינדער גלויביקע געטרויען,
בויען זיי און בויען.

פנימ'לאַך און אויגעלאַך צעפלאַמטע,
קעפּעלאַך צעפלאָסן, נישט פאַרקאַמטע,
בויען שטיבעלאַך אויף אַ מינוט?
איז דאָך די מינוט אויך גוט!
קינדער גלויביקע געטרויען,
בויען זיי און בויען.

וואַקסן שוועלן, ווענט און דעכער,
ליאַרעמען די קינדער העכער.
איבער זיי אַ שמעלציקע די זון?
קינדער ווייסן נישט דערפון!
קינדער גלויביקע געטרויען,
בויען זיי און בויען.

מאַמעס גליקלאַכע אויף שוועלן,
קוקן פון דער ווייט און קוועלן, —
שניי איז ווייך און פון דער זון צעגייט?
וואָס איז דען דער אונטערשייד!
קינדער גלויביקע געטרויען,
בויען זיי און בויען.

די נעגנד דאָ

די נעגנד דאָ באַבאַרגט, באַטאָלט,
פון אונטן גרין, פון אויבן נאָלד.

און ווער האָט עס אַזוי באַמאָלט
דעם טאָל מיט גרין, דעם באַרג מיט גאָלד?

עס האָט אַזוי דאָ נאַט באַמאָלט
דעם טאָל מיט גרין, דעם באַרג מיט גאָלד.

פאַר גרויען ווענ האָט ער באַצאָלט, —
געבענטשט זאָל זיין דאָס גרין און גאָלד.

גילדענער האָן

גילדענער האָן

פלאַמענדיק, ציטערדיק ציט זיך דאָס פייער
איבער דעם שטרויענעם דאַך פונם שייער.
דרייט זיך און ציט זיך אַרויף אין דער הויך,
ציט זיך און ציטערט דורך גרוילאַכן רויך.
ציטערט און ציט זיך אַלץ העכער און העכער,
אָט ווי אַ רויטלאַכער, גילדענער פעכער.
אָט ווי אַ רייע צעפלאַטערטע פענער
און אינם שייער — די הינער, די הענער.
זעען זיי, הערן זיי, וואָס דאָ קומט פאָר?
ס'הייגגט זייער לעבן דאָ אויף אַ האָר!
הינדעלאַך, הענדעלאַך זיינען פאַרטאָן:
ס'זיצט צווישן זיי דאָך דער גילדענער האָן.
אינם צעבוואַליעטן, רויטלאַכן פלאַם
רויטלט זיך רויטער זיין גילדענער קאַם.
פייערלאַך, פלעמעלאַך פיל, אָ ווי פיל;
דאַכט זיך אים אַלץ, אַז דאָס איז אַ שפּיל.
גילדענער האָן, אָ גילדענער האָן,
זע, ווי עס צינדט זיך דער טויער שוין אָן.
איבער דיר צאַפּלען זיך קראָקוועס פון דאַך,
באַלד און זיי פאַלן מיט שרעקלאַכן קראַך.
באַלד און אין פייער, אין רויכיקן פלאַם
שוואַרץ וועט זיך שוואַרצן דיין רויטלאַכער קאַם.
גילדנקייט וועט זיך מיט פייער צעמישן,
גילדנקייט וועט זיך פון פייער פאַרווישן.
הערט ניט דער נאַרישער האָן מיינע רייד,
זיצט ווי אַ קעניג צעלייגט און צעשפּרייט.
גילדענער האָן, אָ גילדענער האָן,
זיצסט ווי אַ קעניג צעלייגט אויפן טראָן.
און אַרום דיר, די הענער, די הינער, —
דיינע געטרייע געהאָרכזאַמע דינער.
עקן און פליגל פאַרדרויבערט, צעבלאָזן,
וואָגן זיי דאָך נישט דעם בוידעם פאַרלאָזן.

גילדענער האָן, אַ גילדענער האָן,
שטעלסט דיינע הינער און הענער אין קאָן!
זע, ווי פון שטרויענעם דאַך פון דיין שייער,
האָט זיך דאָס פלאַמיקע פייער
פונקט ווי אַ וויכער אַ טראָג זיך געטאָן, —
דאָרט האָט אַ קעניג פאַרלאָזן דעם טראָן
און ווי אַ בעטלער מיט זאַק אויף דער האַנט
לויפט ער מיט אַלעמען גלייך פונם לאַנד.
אַלטע און יונגע, פרויען און קינדער
לויפן צוזאַמען מיט שאָף און מיט רינדער.
טראָגט זיך אין לופטן אַ ווילדער געשריי,
שרייט אויך דער קעניג צוזאַמען מיט זיי.
דו בלויז אַליין דאָ, גילדענער האָן,
ביזט אין דיין אייגענעם חלום פאַרטאָן.
און ארום דיר — די הענער, די הינער,
דיינע געטרייע, געהאָרכזאַמע דינער, —
עקן און פליגל פאַררויכערט, צעבלאָזן,
וואַגן זיי דאָך נישט דעם בוידעם פאַרלאָזן.
גילדענער האָן, אַ גילדענער האָן,
שטעלסט דיינע הינער און הענער אין קאָן!

אַ אינגעלע

איך קאָן אַ קליינטשיק אינגעלע
מיט ראָזע ווייכע בעקעלאַך.
די הערעלאַך צעפּלאָסענע,
זיי הענגען, ווי די גלעקעלאַך.

צעוויינט זיך ווען דאָס אינגעלע
און טרערט מיט זיינע אייגעלאַך;
דערצייל איך דעם אַ מעשה׳לע
פון בלויע ווייסע פייגעלאַך.

אנטשוויגן ווערט דאָס אינגעלע,
עס ווישט זיך אויס די אייגעלאַך,
און וואַרט, אַז קומען זאָלן באַלד
די בלויע, ווייסע פייגעלאַך.

אין אַ שטרויען וועגעלע

אין אַ שטרויען וועגעלע
שפּילט זיך מיט אַ בייגעלע
עמיצנס אַ קינד.
איבער דעם — אַ פֿייגעלע
וואַרפֿט אַ זשעדנע אייגעלע
צו דעם קינד און בייגעלע
און פֿאַרשווינדט.

שטרעקט דאָס קינד דאָס בייגעלע
צו אַן אַנדער פֿייגעלע —
הע־הע, הי־הי!
הויבט זיך אויף דאָס פֿייגעלע,
שטעלט זיך אויפֿן וועגעלע,
פּיקט און פּיקט דאָס בייגעלע —
פּי־פּי, פּי־פּי!

פאַרוואָס?

נידל־נאָדל, נאָדל־טעשל,
איטע טרינקט פון פלעשל
מ י ל א ך.
ו ו י ל א ך
אויך אזוינס, אזעלאכס.
פרעגט די מאמע: וועלאכס?
ווייז איך אויפן פלעשל.
נידל־נאָדל, נאָדל־טעשל,
הלמאי טרינקט איטע!
שרייט די מאמע: ניטע!
טשעפע נישט דאָס פיצל,
און זי רופט מיך: — היצל!

היצל! היצל! מילא פיצל
ווייס איך, אָבער היצל?
וואָס איז דאָס?
שנאָלט די מאמע מיר אין נאָז
און זי לאכט: — היצל
איז א גראָם צו פיצל!

נידל־נאָדל, נאָדל־טעשל,
איטע טרינקט פון פלעשל
און איך טרינק פון גלאָז,
פ א ר ו ו א ָ ס?

האָדעלע

האָדעלע איז קליין געוויקסיק,
מע זאָגט: — זי איז אַ זיבעלע.
אייגעלאַך — לאָמטערנדלאַך,
און בעקעלע — אַ גריבעלע.

און אַ גרויסע שטיפּערקע
איז אָט די קליינע האָדעלע,
דעם אַ שטעכיק שפּילקעלע
און יענעם מיט אַ נאָדעלע.

האָדעלע, אוי האָדעלע! —
מען הערט נישט אויף צו קלאָגן זיך.
האָדעלע, אוי האָדעלע! —
זי הערט נישט אויף צו שלאָגן זיך.

אַזאַ קליינטשיק מיידעלע,
שטיפּט מערער פון אַ ייִנגעלע.
גיט מען איר אַמאָל אַ שטראָף,
באַווייזט זי גלייך אַ צינגעלע.

לייזער

לייזער האָט אַ מאָדנע טבע,
ענטפערט דיר נישט צו דער זאַך.
האָבן אינם קלאַס די קינדער
אָפט צוליב אים שפּאַס אַ סך.

איינמאָל פרעגט אין קלאַס זיין לערער:
ווער אברהם אבינו איז געוועזן.
כאַפּט זיך לייזער אויף פון בענקל:
כ'האָב אַן עראָפּלאַן געזען!

לאַכן הילכיק אַלע קינדער,
און דער לערער לאַכט אויך מיט.
גוט איז נאָך, וואָס ס'איז דער לערער
גאָר קיין בייזער ניט.

לייזער, לייזער, — פרעגט ער מילד אים —
וואו געפינסטו זיך אצינד?
שמייכלט לייזער און ער ענטפערט: —
ס'פליט אַן עראָפּלאַן געשווינדט!

לאַכן העכער נאָך די קינדער
און דער לערער לאַכט נאָך מער: —
לייזער, לייזער, קומסטו איצטער
אויף אַן עראָפּלאַן אַהער?

אָט אַזאַ מין יונג איז לייזער,
זיצט ער, דאַכט זיך, אַז ער שלאָפט.
וואָלט געוועזן אַן אַנדער לערער,
וואָלט ער אים דערפאַר באַשטראָפט.

פרעגסט אים עפּעס, ענטפערט ער דיר: —
אויפן בוידעם אַ יאַריד!
נאָך אַ גליק, וואָס ס'איז זיין לערער
גאָר קיין בייזער ניט.

מינעלע די דינע

מינדעל'ען

ווי אַ שטענגעלע אַ שלאַנקע,
ווי אַ דראַטעלע, אַ דינע,
הייסט זי טאַקע צווישן קינדער: —
מינעלע די דינע.

האָט די מאַמע שטענדיק צרות
ווען עס קומט צום עסן.
כאָטש זי קאָן מאכלים גרייטן,
ווי פאַר אַ פּרינצעסן.

יאַכלאָך זיינען איר ניט ניחא
און קיין ברויט אודאי,
גיב איר בלויז צוקערקעלאַך,
אייז־קרים, שאָקאָלאַדע.

איידער נאָך זי הויבט אָן עסן,
איז זי שוין אַ זאַטע.
בייזערט זיך אויף איר די מאַמע,
בייז איז אויך דער טאַטע.

וואַרפט זיך מינע אויף איר בענקל
פּונקט ווי אַ שפּרונזשינע: —
ניט אומזיסט האָט זי אַ פּנים,
ווי אַ לימענע, אַ גרינע.

בערל

בערל איז אַ יונג מיט ביינער,
נאָר ער קאָן נישט ציילן.
אַזאַ נאַריש אינגל איז ער,
ס'איז אַ חרפּה צו דערציילן.

וויפל איז אַ דריי און פינף?
גלאָצט ער מיט די אויגן.
בערל, בערל! — ברומט דער טאַטע —
וועסט צו גאָרנישט טויגן!

נעמסט אַרונטער זעקס פון פערצן,
וויפל איז געבליבן?
קראַצט זיך בערל אויפן שטערן
און ער ענטפערט: „זיבן!"

בייזערט זיך אויף אים דער טאַטע: —
בערעלע, בערולע!
דריקט די מאַמע אים צום האַרצן: —
בערל, מיין גדולה!

בייזערט טאַטע זיך אויף מאַמען: —
וואָס וועט פון אים ווערן?
טרייסט די מאַמע זיך מיט האָפנונג: —
זאָל ער מיר נאָר עלטער ווערן!

עלטער־שמעלטער! — ברומט דער טאַטע —
וועט צו גאָרנישט טויגן.
פילט זיך בערל שולדיק, שטייט ער,
גלאָצנדיק די אויגן.

כאַנקע, די ציגאַנקע

באַ דער מאַמען הייסט זי: —
חנה, אָדער כאַנקע,
און באַ חבר׳טאָרנס: —
כאַנקע, די ציגאַנקע.

אויף אַ קינדערשן יום־טוב,
עפּעס אַ הוליאַנקע,
האָב איך אָנגעגענט
כאַנקען די ציגאַנקע.

אייגלאַך — שוואַרץ און גלאַנציק,
ווי צוויי שווערדלאַך בלאַנקע.
קליידל — אַ ציגיינעריש
רויטע סאַראַפאַנקע.

— ווער איז אָט די קליינע?
— ווער איז די ציגאַנקע?
פלוצלונג, אַ פּאָר אייגלאַך,
ווי צוויי שווערדלאַך בלאַנקע.

— כ׳בין אַ אידיש מיידל,
— כ׳בין נישט קיין ציגאַנקע!
און מיין מאַמע רופט מיך: —
חנה, אָדער כאַנקע!

וויל איך מערער וויסן,
איז ניטאָ שוין כאַנקע.
צווישן קינדער שפּרינגט זי,
פריילאַך אום, אַ שלאַנקע.

שמילקע מיט דער פּילקע

בּאַ חברים הייסט ער סאַלי,
בּײַ דער מאַמען: — שמילקע.
רווישיק איז ער, ווי אַ כוואַליע,
שטענדיק מיט דער פּילקע.

שײַנט די זון נאָר דורך די שויבּן,
לויפט אין דרויסן שמילקע.
פּילקעס פליען אום פון אויבּן,
פליט אויך שמילקע׳ס פּילקע.

סאַלי! סאַלי! שטערסט דאָס שפּילן!
בּייזערן זיך די חברים,
נאָר אַז שמילקע׳ן ווילט זיך שפּילן,
זײַ אַ בּריה, שטער אים.

איז אַ קינדישער ליאַרעם
אינם זוניקן נאָכמיטיק.
און די זון שײַנט גילדיק, וואַרעם
צווישן בּוימער גרין און צוויטיק.

צווישן גרין געדיכטע צווײַגן
פליען פּילקעס אום און קנאַלן.
בּוימער קוקן צו און שווײַגן,
ווי די בּלעטלאַך פאַלן.

נאָר נישט שווייגן וויל דער אָטאָ,
וואָס איז פּלוצלינג אָנגעפאָרן.
בלאָזט און רעוועט: טרי־טו! טראָ־טאָ!
מיט זיין בייזן האָרן.

לויפן אַלע פונם בלאָזן,
נאָר עס לויפט נישט שמילקע.
אָטאָ־שמאָטאָ, — נישט פארלאָזן
וועט ער דאָ זיין פילקע.

גוט איז נאָך, וואָס ס'האָט דאָך שמילקע
זיך אינגאַנצן נישט פארלאָרן.
איידער זיך, איז בעסער פילקע
לאָזן איבערפאָרן.

חוה

זיבן יאָר מיט צוויי חדשים
אַלט איז אונזער חוה,
און אַ מיידעלע, אַ ברען,
ממש אַ שטיק לאַווע.

ליידט פון איר אין הויז די מאַמע
און אין שול דער לערער,
און די קינדער איינם דרויסן
ליידן דאָך נאָך מערער.

טענה'עט מען מיט איר זיך אויס,
קוקט זי אומגעדולדיק,
האָט אויף אַלצדינג דיר אַן ענטפער: —
וואָס בין איך דען שולדיק?

טאַקע, טאַקע, אַ רחמנות,
אומגליקלאַכע חוה!
קאָן אַ מיידעלע זיך העלפן,
אַז איר בלוט איז לאַווע?

עטל אין בעטל

קומט אָן דער באַגינען,
שלאָפט עטל שוין ניט;
דורך די גאַרדינען
אַ שטראַל איז צעגליט.

ער מאָלט אינם צימער,
אוזאָר נאָך אוזאָר.
אַ גילדענער שימער
גילדט עטלען די האָר.

ליגט עטל אין בעטל
אַ שעה נאָך אַ שעה.
איז עטל אין בעטל
אי דאָ, אי נישטאָ.

אוזאָרן, אוזאָרן
און גאָלד דער קאָליר;
אַ וואָגן פאַרפאָרן
איז שטיל צו דער טיר.

אַ פעטער פון וויטן
גלעט ווייך אויף איר קאָפּ
און נעמט פון די פּלייצעס
אַ פּעקל אַראָפּ.

און שפּילאַכלאַך, צאַצקעלאַך
פאַרשידנערליי,
זי האָט שוין קיין פּלאַץ ניט
אין צימער פאַר זיי.

אוי, זעט נאָר אַן עלעפאַנט!
אוי זעט נאָר אַ פערד!
אַ פּרינצל מיט שפּאָרן,
ווי גלאַנציק זײַן שווערד!

און אָט איז אַ אינדיק,
אַ קעצל, אַ האָן,
אַ בײַטשל קאַרעלן
טוט עטל זיך אָן.

עס שמייכלט דער טאַטע,
די מאַמע זיך פרייט.
אַזוי חלומ׳ט עטל
אין זיך שטילערהייט.

אַזוי חלומ׳ט עטל
אַ שעה נאָך אַ שעה,
און עטל אין בעטל
איז דאָ און נישטאָ.

אַ קינדער ביכל

אַמאָל איז געווען
אַ האָן מיט אַ הון,
און וואָס איז געשען?
מע ווייסט שוין דערפון!

דער האָן האָט געוועקט
גאַנצפרי מיט אַ קריי,
די הון האָט געלייגט
פאַר קינדער אַן איי.

אַ בלעטל אַ הער,
אַ בלעטל צוריק.
און אָט איז אַ בער,
און אָט איז אַ ציג.

דאָס בערעלע — בו!
דאָס ציגעלע — מע!
און אָט איז אַ קו,
אַ קעלבעלע זע!

אמאָל האָט אַ קו
געבוירן אַ קאַלב —
געבערט ערגיצוואו
אַ קו דען אַ שוואלב?

אַ פינגער, אַ פיר,
אַ בלעטל אַ דריי,
און זאַכן פאַר מיר
פאַרשידנערליי.

א אינדיק, אַ האָן,
א טיגער, אַ קאַץ.
אַ יעגער שטעלט אָן
זײַן ביקסל און — באַץ.

אַ שוועלבעלע פּליט
אַרויף אויף אַ דאַך,
די זון איז צעגליט
מיט שטראַלן אַ סך.

אַ בלעטל אַ הויב,
אַ בלעטל אַ מיש,
און אָט איז אַ טויב,
און אָט איז אַ פֿיש.

אַמאָל איז געווען
אַ מעשה אַזאַ.
אַמאָל איז געווען —
זײַט שטיל און זײַט שאַ!

פרילינג

פרילינג האָט זיך היינט צעבלענדט
אויף מיין קאָפּ און פּנים,
דאכט זיך, כ'וואָלט שוין נישט געקענט
מערער לעבן אָן אים.

דאכט זיך, אַז ס'איז האַלבער טאָג
אין אַ מיטן מאָנטיק,
און דער וואָכנדיקער טאָג
איז דאָ גאָרנישט קאָנטיק.

בוים און גרעזל אויפגעוואַכט,
פרילינג גלעט די צווייגן,
און די שטיבער אויפגעמאַכט
ווי די טירעלאַך פון שטייגן.

קינדערלאַך אויף אַלע שוועלן,
אַנדערע אויף טרעפּלאַך,
אינם פרילינג־טאָג, דעם העלן,
שפּילט מען זיך אין קנעפּלאַך.

ס'האָט מיין הינטל זיך צעבילט,
ווי געשטאָכן פון אַ שפּילקע,
און אַ אינגל לויפט אָן ווילד,
וואַרפנדיק אַ פּילקע.

פרילינג האָט זיך פריי צעהעלט
אין אַ מיטן מאָנטיק,
איז די גאַנצע ברייטע וועלט
איצטער מיין מאָיאָנטיק.

איינס און איינס

איינס און צוויי
איינס און צוויי,
איינס און צוויי איז דריי.
זון באהעלט
אונזער וועלט —
לעבן איז כדאי.

זום־זום־זום?
זום־זום־זום?
פרעגט ביי מיר א פליג.
טרא־לא־לא,
טרא־לא־לא,
ענטפער איך צוריק.

איינס און צוויי
איינס און צוויי,
צוויי און צוויי איז פיר.
ווינטל־בלאז
אויפן גראז,
בלאזט עס אויך אויף מיר.

טרי־לי־לי,
טרי־לי־לי,
זינגט א וואסער־פאל.
בליאסקעט, בלענדט,
גליט און ברענט
איבער אים א שטראל.

דריי און פיר,
דריי און פיר,
פיר און פיר איז אכט.

אויפן קארק
פון א בארג
האט זיך ווער צעלאכט.

כא־כא־כא!
כא־כא־כא!
ווער־זשע לאכט עס דארט?
כא־כא־כא!
כא־כא־כא!
מער דאך ניט קיין ווארט.

פיר און פינף,
פיר און פינף,
פינף און פינף איז צען.
קלינג־קלאנג, קלינגט,
פויגל זינגט,
ווייזט מיר, וואס ער קען.

פויגל פליט,
טייכל ציט,
איך צי אויך מיט זיי.
איינס און איינס,
איינס און איינס,
איינס און איינס איז צוויי!

די האַלבע לבֿנה

ווי אַ קאַשעקל, קוקט אויס די האַלבע לבֿנה, —
פּונקט אַזאַ איז דאָ בײַ אונז אין קיך.
— מאַמע, מאַמע. האָט אויך די לבֿנה
שמעקנדיקע פּרוכט אין זיך?

שמייכלט מאַמע און די פֿינגער נעמען
גליטשן אַזוי ווייך זיך איבער מיר.
— מאַמע, קאָנסטו ניט אַרונטער נעמען
אָט דאָס קאַשעקל פֿאַר מיר?

עפּל, באַרן, פֿלוימען און מאַראַנצן, —
כ׳וואָלט פֿון אַלע איצט פֿאַרזוכט.
— קינד מײַנס, שטערן אויפֿן הימל גלאַנצן
גילדיקער פֿון אַלע פֿרוכט.

— מאַמע, שטערן קאָן מען דאָך ניט עסן,
ווי די פֿרוכט פֿון קאַשעקל אין קיך.
שמייכלט מאַמע און זי נעמט מיך פֿרעסן
אַזוי האַרציק ווייך צו זיך.

קיצל-קעצל

זונשטראַל וויגט זיך אויפֿן דיל
און אין שטוב איז שאַ און שטיל.
זעט דאָס קעצעלע דעם שטראַל,
טוט עס צו דעם שטראַל אַ פּאַל.
קיצל־קעצל: — מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.

זונשטראַל וויגט זיך אויפֿן דיל.
קיצל־קעצל וויל אַ שפּיל.
שמעקט עס, לעקט עס, דרייט דעם עק,
רוקט זיך פֿון אים אָפּ מיט שרעק.
קיצל־קעצל: — מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.

פּלוצלינג שפּרינגט עס אויף אויף גיך,
האָט עס שוין דעם שטראַל אויף זיך.
שפּרינגט עס, טאַנצט עס, טוט אַ פּאַל,
בייסט און שלאָגט זיך מיטן שטראַל.
קיצל־קעצל: — מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.

קיצל־קעצל פּיסל שאַרט —
שלעכטער זונשטראַל, וואַרט נאָר וואַרט!
קוקט אויף שטראַל מיט אָנגסט און שרעק.
טוט אַ נום און טוט אַ שמעק,
קיצל־קעצל: — מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.

קיצל־קעצל הויב און דריי,
וויל פון זונשטראַל מאַכן צוויי.
קיצל־קעצל הויב און פאַל,
אַלץ דער זעלבער איז דער שטראַל.
קיצל־קעצל: — מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.

בלאָזט דאָס קעצל בייז זיך אָן,
שטייט און ווייסט ניט וואָס צו טאָן.
טוט אַ נוס, אַ לעק, אַ שמעק,
רוקט פון שטראַל זיך אָפּ מיט שרעק.
נעמט זיך פּיעסטשען: מיאַ! מיאַ! מיאַ!
און דער זונשטראַל שטיל און שאַ.

אַ געזאַנגל

קאָנט איר יאָ, צי קאָנט איר ניט,
זינגט מיט מיר דאָס לידל מיט: —
טרייליילײ!
מיט אַ גראַם, צי אָן אַ גראַם,
זינגט נאָר, זינגט נאָר מיט אַ טעם
טרייליילײ!

ווערט איך נמאוס טרייליילײ!
זוכט אָן אַנדער וואָרט דערבײַ
אָט אַזוי!
קידוש, אידיש און יאַרידיש
גראַמען זיך אין אונזער אידיש
אָט אַזוי!

תמוז, שאַמעס און שולמית
גראַמען זיך מיט ליבע מאַמעס,
זינגט־זשע מיט,
קאָנט איר יאָ, צי קאָנט איר ניט,
זינגט מיט מיר דאָס לידל מיט.
זינגט־זשע מיט,

ווילט איר אפשר טרעם־בעם־בעם, —
גראַמט זשע אים מיט מערצעשעם,
טרעם־בעם־בעם!
מערצעשעם בלויז אין אַ וואָך
ווערן מיר שוין עלטער דאָך.
טרעם־בעם־בעם!

די ברידער מײַנע

די ברידער מײַנע האָבן שאַף צו שערן,
און איך האָב בלויז אַ שער.
נו, מוז איך דאָך אַ שערער ווערן.
שער זשע, שערל, שער.

די ברידער מײַנע האָבן וואָל אויף קליידער,
און איך אַ וועבמאַשין פֿאַרמאָג.
נו, מוז איך דאָך פֿאַר זיי כּסדר
וועבן טאָג נאָך טאָג.

די ברידער מײַנע האָבן פּײַנע שטאָפֿן,
אַ נאָדל בלויז האָב איך.
דער טאָג איז שוין כּמעט אַנטלאָפֿן.
נו, ניי זשע, נאָדל, גיך.

העי, וועבמאַשינקע, שער און נאָדל,
די ברידער מײַנע האָבן אַלץ.
און איבער שטורעמדיקן ים־הגדול
זוכט אַ מענטש אַ ביסל זאַלץ.

זומער

זומער, זומער, — נישט געווען איז ביז איצט אזוינער!
שפּאַנט אַרום מיט שווערע טריט אַזאַ גילדיק־ברוינער.

שלאָבערדיק זיין יעדער גליד, מידע זיינע בליקן,
הענגט אַ שווערקייט אויף דער שטאָט, ממש צו דערשטיקן.

גוט איז נאָך וואָס אין דער שטאָט זיינען גערטנדלאַך מיט שאָטן,
און דעם גילדיק־ברוינעם יונג איז אַהין פאַרבאָטן.

שפּילן קינדער דאָרט זיך אום אונטער גרינע בוימער,
וואַכט דאָרט יעדער בוים אויף זיי, ווי אַ גוטער שומר.

זשו־זשו־זשו־זשו, — קינדערלאַך, קריכט נישט אין די היצן.
זשו־זשו־זשו־זשו, — אַך ווי גוט איז אין שאָטן זיצן.

פאָלגן קינדער דעם זשו־זשו, רוען אין די גראָזן,
און אַ ווינטל, ווייך און מילד, הערט נישט אויף צו בלאָזן.

נאָר די טאַטעס קאָנען נישט זיך אַזוינס פאַרגינען, —
מוזן פאַר די קינדערלאַך דאָך אויף ברויט פאַרדינען.

פוויזען זיי אין שטאָט אַרום, צי אין די פאַבריקן;
איז אין אָוונט אין דער היים מיד ביי זיי די בליקן.

הערבסט

אומבאמערקט איז אנגעקומען
הערבסט צו מיר אין גארטן.
אפגעריסן און פארנומען
אלץ, וואס איז געוואקסן דארטן.

ערשט ניט לאנג — די צווייגן
ראשיקע, באלעבטע,
איצט אין טיפן שווייגן,
ווי פייגעלאך געקעפטע.

ליגן נאקעט אלע בייטן
און די ביימער הוילע,
פון די אלע שיינע קוויטן —
דא און דארט א פוילע.

הערבסט, א הערבסט, דו ביסט א שלעכטער,
גארנישט דא געלאזן!
קייקלט ער זיך פון געלעכטער
איבער אלע גראזן.

נאר איך וועל אים אלץ פארגעבן,
ווייל ער איז א בראווער,
מערצישעם באריאר מ'עט לעבן
ווער איך מיט אים חבר.

שפאנט אריבער פלויט אן מורא,
שאקלט אפ די ביימער —
אט אזא מין שטיקל סחורה,
שרעקט זיך גארנישט פאר'ן שומר.

גרעזעלאַך

ווייִנען גרעזעלאַך אין וואַלד: —
„אויס דער זומער, האַרבסט שוין באַלד!“

ווייִנט נישט, ווייִנט נישט, גרעזעלאַך;
זומערס זייַנען דאָ אַ סך.

ווייִנען גרעזעלאַך אין וואַלד: —
האַרבסט און ווינטער זייַנען קאַלט!

ווייִנט נישט, ווייִנט נישט, גרעזעלאַך;
זון און הימל אויף דער וואַך.

ווייִנען גרעזעלאַך אין וואַלד: —
זון און ווינטער איז דאָך קאַלט.

ווייִנט זשע, ווייִנט זשע גרעזעלאַך;
לייכטער ווערט פון טרערעלאַך.

העזל אויפן גראָז

הילפלאָז לויפט א האָז
הין און הער.
הילפלאָזער פון האָז,
ווער איז, ווער?

ווינט און קרעכצט דער האָז
אין דער נאַכט: —
העזל אויפן גראָז
אומבאוואַכט.

העזל אויפן גראָז, —
בו, בו, בו.
און דאָס ווינטל־בלאָז, —
הו, הו, הו.

העזל אויפן גראָז,
ניט אַליין, —
אויך דאָס ווינטל־בלאָז
אין געוויין.

ווינטל און דער האָז,
הין און הער, —
הילפלאָזער פון גראָז
ווער איז, ווער?

גרעזל, ווינט און האָז
אין געוויין.
העזל אויפן גראָז
ניט אַליין.

וועווריקלאַך

וואָלקנס בלייענע פון אויבן
זאָגן אָן אויף קעלטן, —
ניט קיין וואונדער, וואָס אין גאָרטן
איז אַ מענטש איצט זעלטן.

בלעטער פאַלן פון די בוימער,
ווערן שיטערער די צווייגן.
און די וועווערקלאַך פון אונטן
קוקן שרעקנדיק און שווייגן.

אויערלאַך פאַרשפּיצטע,
אויפגעשטעלטע עקן,
אונטן שאַרט זיך צווישן ביימער,
ווי אַ בלינדער מיט אַ שטעקן.

צווישן הויפנס בלעטער, —
שאָלאַכץ בלויז פון ניסלאַך,
וועווערקלאַך צעשראָקן
שאַרן מיט די פיסלאַך.

ז. וויינפער

שטורעמס

שטורעמס בושעווען אין דרויסן.
טוליען קינדער זיך צו מאמעס
און אין זייער צער, דעם גרויסן,
טרייסטן מאמעס זיי מיט תמוז.

תמוז איז דעם האריזאנט אריבער
און געלאזן שבט, דעם קאלטן,
האבן קינדער אין די שטיבער
לעבן מאמעס זיך באהאלטן.

גאט אין הימל, — זיפצן מאמעס,
טוליענדיק צו זיך די קינדער —
שיק צוריק דעם ליבן תמוז
גיכער, גיכער און געשווינדער.

הערט דעם רוף דער גוטער תמוז,
איילט ער איבער אלע וועגן
צו די ליבע, גוטע מאמעס,
פאר די קליינע קינדער וועגן.

טרעט ניט אויפן גראָז

טרעט ניט, טרעט ניט אויפן גראָז!
גראָז איז צאַרט און דין,
מיט אַ לייכטן ווינטל־בלאָז
יאָגט זיך אָן אַ בין.

בין און ווינטל — גוט איז זיי,
פֿליען הויך און גרינג.
מיט אַ לייכטן הויב און דריי,
פֿליט און פֿליט אַ שמעטערלינג.

פֿלאַ, פֿלאַ, פֿלאַ און זום, זום, זום!
מישן זיך צונויף.
אין דער גלייך און אין דער קרום
הויבן זיי זיך אויף.

טאַנצן אין דער לופֿט אַ וואַלץ,
דרייען זיך אין ראָד,
און די זון אויף אַלץ און אַלץ
שיינט מיט גרויס גענאָד.

אוי, מיידעלע!

דאָס ליכטיקע מיידעלע מיט אויגלאך האַלב אָפֿן, —
ווער לאָזט ניט דעם ליכטיקן מיידעלע שלאָפֿן?
צווי ליכטלאך צעפלאַמטע מיט הייליקן שימער,
די מאַמע אַריין און אַרויס פֿונם צימער:
אוי, מיידעלע!

דאָס ליכטיקע מיידעלע מיט ליפּלאך פֿאַרקילטע.
דורך אָפֿענע טירן אין שאָטנס געהילטע,
מען גייט און מען קומט, ווי פֿון ווינטן געטראָגן,
און וואָס איז צו ריידן? און וואָס איז צו זאָגן?
אוי, מיידעלע!

אין ווינקל דער טאַטע אין דרייען געבויגן,
מיט פֿינגער פֿאַרשטאַרטע אַרום זיינע אויגן.
די מאַמע, דער טאַטע, — זייט שטילער, זייט שטילער!
דאָס קינד אינעם בעטל ווערט קילער, ווערט קילער:
אוי, מיידעלע!

אַן אייזקאַלטער רייטער פֿון ווייטן, פֿון ווייטן
געקומען אַהער איז אויף אַ שטורעם צו רייטן.
דער רייטער געריטן, געריטן, געקומען
און ליכטיקן קינד אין די אָרעמס גענומען.
אוי, מיידעלע!

ווינטער

איינגעוויגט און איינגעשלאָפן,
ווי אַ יונגער, שיינער צווילינג,
אָטעמט שטיל דער ברוינער זומער
ביי דער זייט פון גריינעם פרילינג.

ווי אַ באָבע וואַכט דער ווינטער
איבער זייער וויגל, —
ווייסע פלאַטערדיקע פייגל
פאָכען מיט מיט די פליגל.

ווייסע פלאַטערדיקע פייגל
מיט שפּיציק־לאַנגע שנאָבלען
הערן זיך נישט אויף צו פּיקן,
הערן זיך נישט אויף צו גראַבלען.

פאַלן פעדערלאַך פון אויבן,
פּוכקענקע און ווייסע,
און דער פראָסט — אַ קנאַקנדיקער
לייענט זיי אַ מעשה.

פון אַ ריז מיט זיבן אויגן
און אַ אינגעלע אַ כוואַטל, —
ס'האָט דער ריז פאַרליבט זיך
אין דעם קליינעם יאַטל.

מעשה, מעשה, מעשה׳לע: —
פֿייגל, הינט און בערן,
און דער פֿרילינג מיטן זומער
ליגן שטיל און הערן.

מעשה, מעשה מעשה׳לע: —
זון, לבנה, שטערן.
איך וואָלט אויך דאָס מעשה׳לע
איצטער וועלן הערן.

זומער, פֿרילינג — שײנער צווילינג,
כ׳וואָלט מיט אײך זיך לײגן;
האָט צו אײך דער קאַלטער ווינטער
טיף פֿאַרשנײט די וועגן.

סוף ווינטער

זיידע פראָסט איז מיד געוואָרן
אויף די גאַסן אומצושפּאַנען,
איז ער זיך אַוועקגעפאָרן
אָן אַ זיי־געזונט פון דאַנען.

האָט די זון דורך אַלע שויבן
אויפגעשיינט היינט אַ צעשטראַלטע, —
ס'איז די זעלבע זון פון אויבן,
נאָר נישט אַזאַ קאַלטע.

אויך דער שניי אויף טראָטואַרן
איז שוין נישט קיין ווייסער מערער.
מיט די לאַפּעטעס צעשאַרן
אים די גאַסן קערער.

קינדערלאַך מיט בלויזע קעפּלאַך,
כאָטש ס'איז נאָך נישט וואַרעם,
שפּילן זיך אין גאַס אין קנעפּלאַך,
מאַכנדיק אַ ליאַרעם.

דאָ און דאָרט בלויז פון אַ דעכל
גלעזלט נאָך פון אייז אַ צעפּל,
טוט די זון צו דעם אַ שמייכל,
פאַלט אַ טראָפּן אויף אַ טרעפּל.

שניי-טאַנץ

ווינטן צעבלאָזן זיך,
ווינטן צע׳כעס׳ן זיך,
שנייעלאַך דרייען זיך,
שנייעלאַך בייסן זיך.

שנייעלאַך-פערדעלאַך,
שיטן זיך, שיטן זיך —
אינגעלאַך, מיידעלאַך
דרויסן נישט היטן זיך.

שנייעלאַך-דימענטלאַך,
שנייעלאַך-גלעזעלאַך,
אינגעלאַך, מיידעלאַך —
רויטענקע נעזעלאַך.

שליטלען זיך, גליטשן זיך,
ווארפט מען זיך קוילאַכלאַך.
שרייען און לאַכן
קינדערשע מיילעכלאַך.

יאָגט מען זיך, שלאָגט מען זיך,
פאַלט מען סכנה׳דיק,
מיטיק-צייט זונעדיק,
אָוונט לבנה׳דיק.

יאָגט מען זיך, שלאָגט מען זיך,
לאַכנדיק, פאַלנדיק —
הויפנס מיט שנייעלאַך
בלענדנדיק, שטראַלנדיק.

הויפנס מיט שנייעלאך —
הויפנס בריליאנטעלאך
שטראלן אויף קינדערשע
היטעלאך, מאנטעלאך.

קינדערלאך יאגן זיך,
קינדערלאך פרייען זיך,
פוכקענקע שנייעלאך
פאלנדיק דרייען זיך.

פלאטערן, פלאטערן,
בלענדנדיק, שטראלנדיק.
קינדערלאך יאגן זיך
לאכנדיק, פאלנדיק.

אַ פּאַסטוכל אַ טרוימער

האָט אַ פּאַסטוכל, אַ טרוימער
ליב געהאַט צום הימל קוקן.
האָבן זיך פֿון הינטער בוימער
װעלף גענומען רוקן.

האָבן ציגעלאַך געמעקעט,
האָבן שעפּסעלאַך געבעקעט,
און דעם פּאַסטוך מיטן שטעקן
נישט געקאָנט דערװעקן.

װען דאָס פּאַסטוכל, דער טרוימער
האָט צום הימל זיך פֿאַרקוקט,
האָבן װעלף פֿון הינטער בוימער
טשערעדע פֿאַרצוקט.

האָבן ציגעלאַך געמעקעט,
האָבן שעפּעלאַך געבעקעט,
און דעם פּאַסטוך מיטן שטעקן
נישט געקאָנט דערװעקן.

װען דאָס פּאַסטוכל, דער טרוימער
האָט אַ היים זיך שױן געקליבן,
זײַנען אונטער אַלע בוימער
בײנדלאַך בלויז געבליבן.

קײנער האָט שױן נישט געמעקעט,
קײנער האָט שױן נישט געבעקעט —
אַזאַ פּאַסטוך מיט אַ שטעקן
מעג די ערד פֿאַרדעקן!

די מעשה פונם נעגערל און שלעגערל

אזוי־אַ לייענט זיך די מעשה
פונם נעגערל און שלעגערל.
די הויט פון שלעגערל — אַ ווייסע,
און אַ שוואַרצע ביי דעם נעגערל.

אַמאָל איז געווען אַ נעגערל
מיט צוויי טרויעריקע אויגן.
אַמאָל איז געווען אַ שלעגערל
מיט אַ שאַרפן עלנבויגן.

האָט ליב געהאַט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
אַ שטורכע טאָן דעם נעגערל
אין די גרויסע, שוואַרצע אויגן.

וואָס זשע האָט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
געהאַט צום גוטן נעגערל
מיט די טרויעריקע אויגן?

גאָרניט האָט דאָס שלעגערל
מיטן שאַרפן עלנבויגן
געהאַט צום גוטן נעגערל
מיט די טרויעריקע אויגן.

די הויט פון שלעגערל — אַ ווייסע
און אַ שוואַרצע ביי דעם נעגערל, —
אַ טרויעריקע איז די מעשה
פונם נעגערל און שלעגערל.

ז. וויינפער

צוויי ברידער

יעקב גלאַטשטיינ׳ען

וואוינען ערגיץ אין אַ הויז צוויי ברידער,
איינער אין דער הויך, דער צווייטער אין דער נידער,
שפּילן זיי זיך קיינמאָל נישט אין קידער־ווידער.

גייט גאַנצפרי די זון אויף רויט, ווי צונטער,
שיינט זי אין דער הויך און אויך אַרונטער,
זינגט דער ערשטער, העלפט דער צווייטער אונטער.

נעמט די זון די ברייטע וועלט פאַרלאָזן
און עס גליען אַלע ישובן אויף מיט גאָלד און ראָזן,
פילן ביידע אוונט־קילקייט האָט זיך וואו צעבלאָזן.

זיצן זיי זיך, דער פון אויבן, יענער אינם קעלער,
וואַרפן שטיקלאַך האַלץ אין אויוון, אַז ס׳זאָל ברענען העלער,
עסן וועטשערע באַזונדער, יעדער פון זיין טעלער.

זיצן זיי זיך, ווי אין טויבנשלאַג, די טויבן,
יעדערער ביי זיך אין הויז און מיט אַ טיפן גלויבן,
הערן זיי נישט אויף באַזונדער יעדערער זיין גאָט צו לויבן.

גייען ווערטער אויף געלייטערטע, ווי גלאָקן־קלאַנגען,
מישן זיך צוזאַמען אין געזאַנגען,
ווינן זיך, ווי אויף אַ זומער־פעלד די זאַנגען.

תפילות פון דער הויך און תפילות פון דער נידער,
כאָטש זיי קומען נישט פון זעלבן סידור,
זיינען זיי דאָך תפילות פון צוויי ברידער.

קוקורייקו

קוקורייקו! קוקורייקו!
קרייט מיט גדלות אוים דער האָן.
קוקורייקו! קוקורייקו!
קומט אהער און קוקט מיך אָן,
און די הינער: טיו־טיו־טיו!
קומען פון די ווינקלען אָן.

איינע מיט א געלן פלעק
רוקט זיך נאָענט צו אים צו.
דרייט חניפה׳דיק דעם עק
און זי רעדט: טיו־טיו! —
„טייערענקער, שיינער האָן,
כ׳האָב א קאָרן, נעם אים צו.
פאַר דעם פיינעם, שיינעם טאָן
און דיין קרייען, שרייען,
קומט דיר דאָך א קרוין, א טראָן
און א טאָפּ מיט קלייען.“

הערט דער האָן צו איר זיך צו
און ער הויבט צו קרייען אָן: —
קוקורייקו; קוקורייקו! —
„פאַר דעם פיינעם, שיינעם טאָן
און מיין קרייען, שרייען,
קומט מיר דאָך א קרוין, א טראָן
און א טאָפּ מיט קלייען.“

און די הינער גיבער־גיך
מיט די פּיס אַ שאַר, אַ קער,
שאַרן הויפנס אַרום זיך: —
„ליבער האָן, אַ קום אַהער!“
און דער גדלות'דיקער האָן
פרעגט נישט מער קיין שאלה,
בלאָזט זיך, ווי אַ אינדיק אָן,
עסט די קערנער אויף ביי אַלע,
און די הינער — טיו־טיו־טיו!
קוקן מיט פאַרגאַפונג אָן
און זיי קוואַקען גליקלאַך צו
צו דעם פרעסערל, דעם האָן.

קעניג ווינטער

אויף אַ הויכן באַרג זיבן ווייסע הענער
האַלטן אין די שנאָבלען פּלאַטערדיקע פענער.
הויבן זיי אין לופטן אָן צו ווייען און צו קרייען,
מיינט עס, אַז דער קעניג האָט באַפוילן: שנייען!

קומט אַ שטורעם אויף אַ בעזעם פייפנדיק צו רייטן,
און נאָך אים וווייסע פייגל ציען פון דער ווייטן.
פייגל, — אַזוינע און אַזעלכע,
וואָס מאַכט עס אויס אַ וועלכע?

נעמען זיי די ווייסע פעדערלאַך צעשיטן
און דער שטורעם כאַפּט אַ טענצל צווישן זיי אינמיטן.
הוליעט שטורעם אויף אַ בעזעם בליציק, ווי אַ וויכער,
און די ווייסע שנייעלאַך טאַנצן גיך און גיכער.

איבער גאַסן, איבער דעכער,
אונטן, אויבן און נאָך העכער.
אָט אַזוי־אַ איז דער שטורעם שטענדיק אונטערטעניק
צו דעם מעכטיק־שטאַרקן ווינטער־קעניג.

אויף אַ באַרג אַ הויכן זיבן ווייסע הענער
האַלטן אין די שנאָבלען פּלאַטערדיקע פענער.
טוט דער קעניג בלויז אַ פּיפּס, קרייען זיי און ווייען.
טוט דער קעניג בלויז אַ בליק, הויבט עס גלייך אָן שנייען.

איז דעם שניי דעם קעניק ניט גענוג,
טוט ער מיטן קאלטן מויל א „הוך"!
ווייסט שוין יעדער זיין באפעל,
קומט דאס פרעסטל בליציק־שנעל.

פון די ווייטע ווייטן
אויף א ווינט צו רייטן.
פרעסטל, גלי! פרעסטל, ברען!
ווייזט דאס פרעסטל, וואס עס קען.

צווישן שטורעם אינם שניי,
טוט עס זיך אויף גיך א דריי
מיט א ווינטיק ווי און בלאז
פרירט עס יעדן אפ די נאז.

און דאס ווייסע, לייכטע שנייען
הערט ניט אויף צו דרייען, ווייען,
ווי א ווילדער קאראהאר
אויף דעם קעניג'ס שטרענג געבאט.

ער אליין איז טיף אין טאל,
אין א פאלאץ פון קריסטאל.

דורכזיכטיק און קלאר,
מיט זיין ווייסע בארד און האר,
אין א פעלצל שנייאיק ווייס,
אויף א טראגשטול, — שניי און אייז.

זעט ער אלץ דורך זיינע ווענט,
און האט הנאה פונם בלענד.
זעט און קוועלט און קוועלט
פון דער גרויסער, ווייסער וועלט.

און פון זיך אליין נאך מער.
— ווינטל, פרעסטל קומט אהער
וועל איך אייך באלוינען
מיט צוקערקעס און מיט קרוינען
און מיט נאך אזוינע זאכן,
שארן זיי זיך צו און לאכן
און דער קעניג צעלאכט זיך אויך,
זיך האלטנדיק באם בויך.
כע־כע! כע־כע! איך בין קעניג.
ווינטער איז מיר אונטערטעניק.

ז. װײנפּער

גרױסשטאָט

אין גרויס נויאָרק

אין גרויסנויאָרק פֿאַרבליבן זײַנען מיר פּראָווינציאַלן.
אין שכנות מיט די וואָלקנקראַצערס ווערן ביסלאַכווײַז צעפֿאַלן
די היימען אונזערע. שוין איצטער זײַנען מיר דאָ, ווי די פֿלעקן
אויף ווענטס אויבערפֿלאַכן מעקערס שאַרן זיך און מעקן.

דער טייל, וואָס האָט אויף ברייטע, רײַכע גאַסן זיך פֿאַרקליבן,
צערינט זיך אין דער פֿרעמד, שוין באַלד קיין סימן נישט געבליבן.
און דער, וואָס איז נאָך דאָ, צעלייגט איז אינ׳ם הינטער־געסל
און אַוועק, ווי דאָס מיסט פֿאַר יעדנס הויז, אין פֿעסל.

איז וואָס זשע איז דער חידוש, וואָס וואָרט איז דאָ נישט קיין געלייטערטס?
אַז טרעפֿט אַמאָל אַזוינס, איז דאָס אַזאַ דערהווייטערטס! —
די הינטער־געסלאַך קאָנען אונזער וואָרט קיין רעזאָנאַנס נישט געבן,
איז גייט עס אויס נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבן לעבן.

נישט איינמאָל האָבן מיר געפּרואווט דאָ ווערן גאַסנקערער,
נאָר פֿיל מען קערט — דאָס מיסט ווערט מער, דער בעזים שווערער.
אַזאַ שפּע דאָ אויף שטויב! אַ מידקייט נעמט אַרום די גלידער!
דער בעזים פֿאַלט פֿון גאַסנקערערס האַנט צו דר׳ערד אַנידער.

און דאָרט באַ די אַנטלאָפֿענע? אַ דאָרטן איז מען דאָך לאַקייען!
מען שפּיגלט זיך אין אָפּשײַן פֿון די קנעפּ אויף די ליווערייען,
וואָס בלויז אַ דינער ווייסט זײ, ווי אַזוי צו טראָגן.
אַביסל האָב און גוטס? — צו דעם האָט מען זיך נישט דערשלאָגן!

איז פרעמדקייט דאָרט, און דאָ באַ אונז איז מיסטיק, קויטיק.
און אָט אַזעלאַכע, ווי מיר, זיינען קיינעם דאָ נישט נויטיק, —
דאָס גרויסנויאָרק, וואָס שטופּט זיך מיטן קאָפּ אַזש צו די כמאַרעס,
איז אָפּט פאַר אונז אַ תּפיסה בלויז מיט האַרטע נאַרעס.

איז וואָס־זשע איז דער חידוש, וואָס מיר שפּאַנען אום צעשטויבטע,
ווי מענטשן פון איייגן האָב און גוטס באַנומענע, באַרויבטע, —
מיר נערן זיך מיט האַס צו די, וואָס האָבן ערגיץ אַנדערש זיך פאַרקליבן,
מיר נערן זיך מיט שטויב פון די, וואָס זיינען דאָ פאַרבליבן.

און דאָך ווערט אונזער קול נאָך אַלץ דאָ נישט אַנטשוויגן,
צווישן פרעמדן גלאַנץ און אייגן מיסט גייט אויף דאָ אונזער ניגון,
וואָס ציקלט זיך מיט צער און אָפּטמאָל מיט דערהויבונג, —
צעווישן פרעמדן גלאַנץ און אייגן מיסט זינגען מיר דאָ גלויביק.

אין וואָס? און ווען? מיר ווייסן נישט אליין. — מיר זינגען!
אין אונזערע טיפע טיפענישן הערן מיר אָפּט גלעקער קלינגען,
וואָס זאָגן אָן אַ בשורה פון א נס, וואָס וועט געשעען
און אויף די טורעמס איבער גרויסנויאָרק וועט מען אונז דערזעען.

אַביסל זונשײַן

פרימאָרגן האָט געבראַכט אַביסל זונשײַן צו מײַן בעט
און אויף מײַן ברוינלאַכן טאַפּעט,
נאָר קעגנאיבער ביי מײַן פענצטער איז אַ ציגאַר־פאַבריק,
זע איך דאָרט שאָטנס זיך וויגן אַהין און צוריק, —
אַ בלאַט אין אַ בלאַט אַ וויקל, אַ קייקל, אַ שאַר,
און ציגאַר אויף ציגאַר, און ציגאַר אויף ציגאַר, —
עס וואַקסן די בערגלאַך ציגאַרן אַרויף אין דער הויך
און הויך איבער זיי, ווי אַן אויג דורך אַ גרויל־אַכן רויך,
אַן עלעקטריק־לאָמפּ מיט אַ קאָלפּאַק פון גרויען קאָליר,
קוקט מיט אַ פאָרוואורף אויף מיר.

געוועזן איז דער זייגער אַביסל שפּעטער פון נײַן,
און אַזוי פריש האָט געקוקט די מאָרגנדיקע שײַן, —
ערגעצוואו האָט אַ מענטש אָפּגעפּרישטיקט און רויכערט אַ ציגאַר,
און איך, — סאַראַ נאַר, סאַראַ נאַר,
האָב איינמאָל פאַרגליכן מײַן פרייד און מײַן צער
צו ציגאַרן־רויך,
וואָס צעגייט זיך אין דער הויך.

געוועזן איז דער זייגער שוין שפּעטער פון נײַן,
אַרום מיר האָט אַלץ נאָך געציטערט די פרימאָרגנדיקע שײַן,

דער זוניקער פלעק האָט אַלץ נאָך געגליט אויף מײַן בעט,
אויף מײַן ברוינעם טאַפּעט, —
מײַן האַנט האָט אַ צי זיך געטאָן צו אַ בוך פון אַ יונגן פּאָעט,
און איך האָב געלייענט אַ ליד אָט אַזאַ: —

„אין פּאַרק איז שטיל און שאַ, —
די נאַכט ליגט צעלייגט
און שטיל אומבאַוועגט
אַן ער און אַ זי.“

אַן ער און אַ זי?
דער דיכטער מסתּם נישט פון הי!

אַ מאָנומענט

אינמיטן שטאָט, אויף ברייטן סקווער
אַ בראָנזנדיקער מאָנומענט.
אַ שטאָלצער, אַ באַיאָרטער הער
האַלט אויסגעשטרעקט די הענט.

די אויגן אָפענע, דער בליק —
צו אַלע ווייטקייטן געווענדט,
דאָס גרויסע וואָרט פון מענטשלאַך גליק
אויף זיינע הענט גליט אום און בלענדט.

נאָר וועלט איז בלינד, נאָר וועלט איז טויב,
זי קוקט און הערט זיך גאָרניט צו.
בלויז ווען ניט ווען אַ ווייסע טויב
קרייזט איבער מאָנומענט און רו.

די ווייסע טויב דערזעט, דערהערט
און וואָרקעט שטיל דאָס וואָרט אויך מיט.
נאָר טויבן־וואָרקע ווערט פאַרצערט
פון וועלט׳ס צודזשאַזעדיקן ליד.

ביי טאָג, ביי נאַכט פון דאָ און דאָרט,
איילט וועלט פאַרביי דעם מאָנומענט
און הערט גאָרניט דאָס העלע וואָרט,
וואָס איז צו איר געווענדט.

נאָך גוט, וואָס בראָנזנדיקער הער
ווערט פון דער וואָרטעניש ניט קראַנק.
שטייט ער זיך דאָ אינמיטן סקווער
געדולדיק אַזוי יאָרן לאַנג.

דער זומער רעגן אויף די הענט
און ווינטער איבער זיי דער שניי,
נאָר וואָרט צעגליט זיך און צעבלענדט
אַלץ העלער איבער זיי.

דאָס אויג און קול פון גאָט

דוד בערגלסאָנ'ען

אינמיטן פון דער גרויסער, רוישנדיקער שטאָט,
דערפיל איך אָפט אויף זיך דאָס אויג פון גאָט.
און ניט דאָס אויג פון בערדלדיקן קריסטוס-גאָט, —
אַזעלכע, ווי ער, באַגעגנט מען אויף יעדן טראָט,
אַזאַ, ווי ער, בין איך דאָך היינט אַליין, —
קומט אַלע נויטבאַדערפטיקע צו מיר צוגיין!

אַמאָל האָב איך געהערט גאָט'ס קול אין אַ פאַבריק,
געריערט האָט עס צו מיר דורך האַמער-קלאַפּ און וואַלצנוויג,
דורך דעם עלעקטרישן מאָטאָר און קוימענדיקן ברום,
דורך לעדער-פאַס צעיאָגטן, זשומעדיקן זום.
פאַר וועמען אָט דאָס קול געמיינט האָט גאָלד געקלאַנג,
פאַר מיר איז קול פון גאָט געווען אין ראָד'ס געזאַנג.

גאָט'ס אויג בייט אָפטמאָל דעם קאָליר,
גאָט'ס קול רעדט אַנדערש אַלע מאָל צו מיר.
זיין אויג, זיין קול אין טאָלן און אויף בערג,
אויף שטילער גאַס, אויף רוישנדיקע מערק.
ער האָט ווי איך אויך ליב דאָס שפּיל
פון ווינטל בלאָז און שטאָטיקן געבריל.

היינט פרי האָט ער אַריינגעקוקט צו מיר דורך שויב
און פון געלעגער מיך געטאָן צו זיך אַ הויב.
פון אונטן האָט מיט דזשאַזעדיקן ווילדן טראָט
געשפּאַנט אַ שיכור'ע די רוישנדיקע שטאָט
און ניט געזען, ווי איבער איר איז אויסגעשפּרייט
גאָט'ס אויג מיט שטילער, שטראַלנדיקער פרייד.

און איצט איז ער אין ציטערדיקן שטראַל אויף מיין דיל,
און איך קאָן בעטן אַלצדינג וואָס איך וויל,
נאָר וואָס-זשע מערער וויל איך דען,
ווי אים צו הערן, פילן אים און זען?
גאָט'ס אויג, גאָט'ס קול מיט מיר איז דאָ
און גוט און וואויל איז מיר אין אָט דער שעה.

גאָט׳ס צאָרן איז אַנטשוויגן

אַ דרימלדיקער גאָט
האָט אויפגעוואַכט מיט צאָרן.
די לעדער־פּאַסן אויף דער ראָד —
פאַרגליווערט געוואָרן.
און קיל געוואָרן איז דער דראָט,
וואָס טרייבט די שטאָט־מאָטאָרן.

אַ פייערדיקער בליץ
אַ בלענד געטאָן האָט פאַר די אויגן.
די לופט איז שווער געווען מיט היץ,
ווי לאַווע וואָלטן זיך אַהער געצויגן.
און מענטשן מיט עקשנות׳דיקן ציין־געקריץ
און פלאַמענדיקע אויגן.

דער אומרו האָט זיך ווילד צעשפּאַנט
אויף גאַסן און אויף סקווערן.
אין יעדער האַרטער וואַנט
אַ נביא האָט געקלאַפּט זיין שטערן.
געוואָלט האָט גאָט דאַן מיט זיין האַנט
די וועלט צעשטערן.

צוקנוילט זיך האָבן מענטשן אין אַ רויך
געקלונגען האָבן מעסערס און געקלונגען.
און פּלוצלונג האָט זיך אין דער הויך
אַ קול, אַ גלעטנדיקס צוזונגען.
און באַלד נאָכדעם אַי ברייט, אַי הויך
האָט זיך אַ גלאָק צעקלונגען.

קלינג־קלאַנג! קלינג־קלאַנג!
ניט אויפגעהערט האָט זיך צו וויגן;
צעמישט זיך האָט דער קלאַנג
מיט שטילן, זינגנדיקן נגון.
און אין דעם וויגנדיקן קלאַנג
גאָט׳ס צאָרן איז אַנטשוויגן.

מעדיטאַציע

לאָמפּן האַלב שוין אויסגעברענטע שײַנען האָך נאָך אַלץ.
אַז נישטאָ קיין מאַרצעפּאַנעס, עסט מען ברויט מיט זאַלץ.
אָבער, אַז קיין ברויט מיט זאַלץ איז אויך נישטאָ,
איז וואָס זשע טוט מיט זיך אַ מענטש אָט דאָ?
ער שפּאַנט אום איבער גאַסן און ער שטרעקט אַ האַנט
און אָפּטמאָל שײַנט די זון נאָך שענער אויף אַ ראַנד.

פאַר פלאַטערל אַ ביסל זון פאַר וואָרעם זאַפט פון דר'ערד,
פאַר הערש און העלעפאַנט — וואָס איז אין וואַלד באַשערט,
און מענטש? — ער איינער בלויז מוז האָבן אָפּט אַ ביסל יויך,
נאָר פאַר ברייטן, בלויען, אויסגעשפּרייטן הויך, —
דער וואָרעם און דער העלעפאַנט, ווי דו און איך און ער,
בלויז פינטעלאַך באַוועגלאַכע, — נישט מער.

הײַנט פרי האָט מיך אַן עלעווייטער געטאָן אַ טראָג
און איצטער קוק איך דורך אַ פענצטער פון אַ הויכן שטאָק
אויף אויסגעשפּרייטער שטאָט, וואָס הייסט נויאָרק, —
דער קרייזלער־טורעם וויגט זיך, ווי אַ מיידל אויפן קאָרק
און אונטער אים ביים זייט אַ הויז, ווי אַ קאַרליק אָן אַ האַלדז, —
אַז נישטאָ קיין מאַרצעפּאַנעס, עסט מען ברויט מיט זאַלץ.

אָבער, אַז קיין ברויט מיט זאַלץ איז אויך נישטאָ, איז אָך און ווײ,
פון אונטן רייסט זיך אין דער לופט אַ ווילד געשריי,
פינטעלאַך באַוועגלאַכע יאָגן הין און הער זיך אום
און אַנדערע שטרעקן צו פאַרבייגייער די הענט אויס שטום, —
אַ מענטש האָט הײַנט אַ נייעם דימענט אין זײַן רינג אַרײַנגעזעצט,
אַ מענטש האָט הײַנט זײַן האַלדז נאָך נישט באַנעצט.

לאָמפּן האַלב שוין אויסגעברענטע, שיינען דאָך נאָך אַלץ,
אויך אַלטע פּים צעוויגן זיך צו שטראוס'ם אַ וואַלץ
און עסן מוז דאָס מינדסטע ווערימל דאָך אויך, —
איך שטיי און קוק אויף שטאָט — צעשפּרייטער פון דער הויך, —
טורעם־שפּיצן פון די מויערן שפּיגלען אום זיך אין דער זון, —
נאָר וואָס זשע האָבן אונטן דען די פינטעלאַך באַוועגלאַכע דערפון?

אַ מיידל האָט היינט אין טראַמוויי מיר געשענקט אַ בליק,
האָב איך דעם בליק פאַרגעסן אָפּצוגעבן אויף צוריק,
הענגט ער, אַט דער בליק אויף מיר איצט, ווי אַ חוב, —
פון אונטן פינטעלאַך באַוועגלאַכע אין אַ ווילד געלויף,
רייסט אַן איינגעשפּאַרטער ווילן זיך צו הויכער הויך, —
לאָמפּן ווילן שיינען, ווען צו ברענען איז נישטאָ קיין כח.

כלאָ - כלאָ - האָ!

די בענק אין סאָבווײ — ליידיקע און לאַנגע,
אַ כראָפּענדיקער נעגער און איך — די פּאַסאַזשירן.
גרינקייט, רויטקייט בליצט פאַרביי די שויבן,
און ער, דעם קאָפּ אויפגעהויבן,
שנאָרכעט אונטער.

די ברייטע ליפּן אויפגעמאַכטע,
ווי ברוינע ציטעריקע בלעטער,
און צווישן זיי, זיין צונג —
אַ רויטער פּאָמאַדאָר.
ציטערן צוויי ברוינע בלעטער
אַרום אַ רויטן פּאָמאַדאָר.

די בענק אין סאָבווײ — ליידיקע און לאַנגע,
און איך, אַן אויסגעמאַטערטער,
פאַרשפּיל זיך מיטן ליד פון לויפנדיקע רעדער.
כלאָ - כלאָ - האָ!
אוי, ווײ, האָ!
אַ וועלט פון ברוינע בלעטער
און רויטע פּאָמאַדאָרן
און טאַנצנדיקע נעגערס
צעזינגען זיך אין כאָרן:
כלאָ, כלאָ, האָ!
אוי, ווײ, האָ!

שניי-קערער

רב משה מיט דער לאנגער, ווייסער באָרד
און זשאַן מיט קיי־טאָבעקאָ אין זיין מויל,
מאַרקאָני, קייענדיק אַ שטיקל טאָרט,
וואסילי, ציענדיק די גלידער פויל.

זיי אַלע מיט די רידלען אין די הענט
און בערגלאך שניי צעוואקסן זיך אין ריי, —
די רידלען האָבן זיי אָט דאָ באַקענט
און ברודערשאַפט געשאַפן צווישן זיי.

עס פאָרן אָן צוויי ברוינע, שווערע פערד
און בלייבן מיטן וואָגן צוגעשמידט צום אָרט, —
די בערגלאך שניי פון דאָ און דאָרט
פון רידלען ווערן גלייך פאַרצערט.

דו מאָזעס, ביסט אַ בראַווער מאַן, —
צעשמייכלט זיך מאַרקאָני אין דער ברייט,
וואסיליע שמייכלט אויך, און זשאַן
איז מיט זיין קיי־טאָבעקאָ זיך צו טיילן גרייט.

און אַז די זון פאַרגייט שוין איבער זיי,
צעזעגנט מען זיך אַלע מיט אַ גוטע נאַכט.
געלויבט איז גאָט, — עס האָבן מענטשן בא דעם שניי
אַ טאָג אין פריינטשאַפט דאָ פאַרבראַכט.

געריש

גערויש.
צעווילדעטער גערויש.
גערויש שלינגט איין גערויש
און ברעקלט זיך אויף קלענערע גערוישן.
טוישן זיי זיך, טוישן,
צאַפּלען אום
מיט אַ געברום
פון גאַס צום טראָטואַר
און גלייך צוריק אין אַ ווירוואַר,
ווי שדים וואָלטן זיך דאָ ראַנגלען, —
ערגיץ אויף אַ טורעם איז אַ ריז געפאַנגען,
רייסט ער זיינע קייטן פון די הענט
און שלאָגט מיט קאָפּ און אַקסלען אָן די ווענט.

גערויש,
קאָנוואולסעדיק גערויש, —
רוישנדיקע, ברויזנדיקע וואַלן
הויבן זיך און פאַלן
אין אַ ים אַ ווילדן,
צאַפּלען זיך עלעקטרישע שילדן, —
לעשן זיך און צינדן זיך,
לעשן זיך און צינדן זיך.
טאַנצנדיקע,
גלאַנצנדיקע,
צעבייסן זיך,
צערייסן זיך
אומצייליקע קאָלירן, —
דער ריז וועט זיין געדולד פאַרלירן.

גערויש,
צעברעקלטער גערויש —
א גערויש־געוויטער, —
ערגיץ האָט די ערד געטאָן א ציטער,
מישן גאַסן זיך און מערק,
מישן טאָלן זיך און בערג, —
באַלד וועט איינם שטורעם
צעפאַלן ווערן דאָ דער טורעם, —
דער ריז פאַרלירן וועט דעם זינען
און שפּאַנען איבער די רואינען.

דזשאַז

אינ׳ם קליינעם נאַכטקאַפיי —
ווער מיר קאַווע, וואָס מיר טיי!
באַס, באַנדזשאָ און סאַקסאַפאָן
זיינען אין אַ קריג פאַרטאָן
און די פאָרלאָך בויג און דריי
אין דעם קליינעם נאַכטקאַפיי.

טיר און טויער, — ברייטער, ברייטער,
צו דער הויך, — נישטאָ קיין לייטער, —
ווי צו שטערנס, די פאַרקלערטע,
ערדיש, פערדיש, דאָס באַשערטע,
יונגע הענט דעם הימל ווילן,
רייסן זיך די פיס פון דילן,
אָבער פאַלן אויף צוריק,
ווי געצויגענע פון שטריק. —

קלאַפט און דרימדזשעט דער באַנדזשאָ —
האַפי־וואופי! וויאָקאַ־וויאָ!
און צום לייכטן סאַקסאַפאָן
טאַנצט אַ יעדער, ווער עס קאָן.
האַפי־וואופי! שאָקל־וויקל!
ווי אַ ווילד צעלאָזן ביקל
אָפגעריסן זיך פון שטריקל —
האַפי־וואופי! שאָקל־וויקל!

זקנים ווישן זיך די פּליכלאַך
מיט די פייכטע טאַשנטיכלאַך,
ווילן זיך ניט אונטערגעבן, —
לעבן! לעבן! לעבן! לעבן!
אַלטע ליפּן, אַלטע אויגן
גליִען, ציִען, זופּן, זויגן
נאָך אַ רגע, נאָך אַ שעה,
וואָס געבליבן איז נאָך דאָ.

און צוויי לאַפּעס אויף דער פּיאַנע
רוישן, ליאַרמען מיט אַ טענה, —
קלעמביי, קלעמביי, קלעמביי־באָ,
און דער עולם — כאָ־כאָ־כאָ!
אינם קליינעם נאַכטקאַפּיי
וויקל־שאָקל, בויג און דריי.

ר׳ שייע

א פארגעסענע צייטונג אין לויפיקן סאַבוויי,
פארגעס איך דעם טעגלאַכן קאַפּדריי
און בלאַנדזשע אויף איר מיט די אויגן —

„דער הייליקער צדיק ר׳ שייע זכרונו לברכה
איז נפטר געוואָרן ביום השלישי בבוקר,
אַלע חסידים און לאַנדסלייט דאַרפן זיין ביי דער לויה“.

פארגעס איך דעם טעגלאַכן קאַפּדריי
און טראַכט אינם לויפיקן סאַבוויי,
אַז דער הייליקער צדיק ר׳ שייע,
וואָס איז נפטר געוואָרן ביום השלישי בבוקר,
האָט פונקט ווי מיין זיידע מסתמא
געהאַט אויך אַ קליינטשינקן הויקער
פון שטענדיקן זיצן ביים ספר געבויגן.
און פונקט ווי מיין זיידע, האָט ער אויך מיט גוטסקייט
אַזאַ אין די אויגן
געקוקט אַ פארגאַפטער אויף יעדער יצירה,
און גלייך איז געווען אַלץ, ווי אַ שטריך פון אַ ווירע.

ר׳ שייע! ר׳ שייע!
זאַרגפולע מענטשן מיט טעגלאַכן קאַפּדריי
וועלן זיך באַלד פונם סאַבוויי
אריבער אַלערליי טרעפּן,
צי זיך אין די היימען פארשלעפּן, —
דער אירלענדער און איטאַליענער,
דער איד און דער דייטש און דער נעגער,
און ווי די געשרייען פון הענער
און גרעגער,
וועט שרייען דאָס לעבן ביי פענצטער און טירן,
בלויז איך וועל אין טומל צום זיידן אין הויז
זיך לאָזן פארפירן, —

ער אין אַ ספר פאַרטיפט און פאַרגעסן,
פאַרגעסט, אַז מען דאַרף נאָך היינט וועטשערע עסן,
און איך באַ די ביכלאַך פון פרץ'ן, פאַ'ען און אַש'ן
רייס שטיקלאַך פון ברויט און עס אומגעוואַשן.
נאָר אָט הויבט ער אויף זיינע אויגן
און גלעט זיך דאָס בערדל:
— אוי פערדל, אוי פערדל,
וואָס וויסן די שרייבערלאַך דיינע פון גאָט ברוך־הוא?

ר' שייע! ר' שייע!
פלעגסט פונקט ווי מיין זיידע
מסתמא זיך גלעטן דאָס בערדל
און שמייכלען צו וועמען:
— אוי פערדל, אוי פערדל.
און פונקט ווי מיין זיידע
פלעגסטו איבער ספרים זיך וויגן, —
איצט ביסטו אויף אייביק אַנטשוויגן.

אַ פאַרגעסענע צייטונג אין סאַבוויי,
פאַרגעס איך דעם טעגלאַכן קאָפּדריי, —
אַ מאָרד און אַ זעלבסטמאָרד,
דאָס בילד פונם צדיק מיט פאות און באָרד,
אַן אויפשטאַנד, אַ שׂרפה,
אַ סטרייק, אַ מגפה, —
דער צדיק ר' שייע
פאַרדינט דאָך אַ שיינע לויה.

ז. וויינפער

האָריזאָנטן

פון באַקאַנטן צו דעם אומבאַקאַנטן מעסט איך היינט די האָריזאָנטן, —
מאָרגן וועלן מעוועס מיך באַגריסן פון אַ ברעג, אַ נאָענטן,
אָבער היינט, שווימט מיין שיף אין מיט פון בלוי־מעשופּיקע געוועלבן,
דאַכט זיך מיר, אַז זי בייט דאָס זעלבע אויפן זעלבן.

ים און הימל, — בלוי און גרוי און ווייטער גאָרנישט מערער,
ערגיץ האָט דער ווינט אַ בוים אַ טראָג געטאָן אין אַ וועלט, אַ לערער,
טראָגט דער בוים זיך אין דער לופט און בענקט צום גאָרטן, צו דעם ליבן, —
נעכטן האָב איך אין אַ בריוו צו עמיצן אַזוי פיל ערדישעס געשריבן.

ערד? — איך פיל זי איצטער, ווי אַ שאַרפן נאָכקלאַנג פון אַ מעשה,
ערגיץ איז אַ שטאָט פאַראַן מיט גאַסן העל־צעצונדענע און ווייסע,
שאָטנט זיך מיין שאָטן דאָרט, אויף טראָטוארן צייכנס נאָך פון מיינע זוילן,
קאָן די לערקייט דאַאיקע די שאָטנס פון די אויגן מיינע נישט פאַרהוילן.

ים און הימל האָבן אין מיין האַרצן אויפגעוועקט גאָר נייע גאַמען,
אָבער אויף דער שיף האַלטן פרעמדע מענטשן, ווי אַיין ערדה זיך צוזאַמען,
זינגען זיי דאָס ליד פון גרויסשטאָט אויס איבער אַלע דעקן, איבער אַלע זאַלן
ווערן אינם ריטעם פונם שטאָט־געזאַנג די נייע גאַמען אויך אָט דאָ פאַרפאַלן.

אָט אַזוי אָ. מיר איז שוין באַשערט דאָס ליד פון גרויסשטאָט בלויז צו הערן,
ליד פון שטיין און אייזן וועט שוין דאָס געזאַנג פון רויער ערד פאַרצערן.
אינם ים־געטומל הער איך רויש פון שטעט או לויפנדיקע באַנען, —
דאָרטן, וואו מיין פוס האָט נאָך נישט אומגעשפּאַנט, וועט ער זיך
באַלד צעשפּאַנען.

ים און הימל, — דורך די טעג — די זון און דורך די אָוונטן — לבנה.
כוואַליעס שלאָגן זיך און שלינגען איינע איין די צווייטע אָן אַ שום כונה
און די שיף פון עמיצן געפירט, שלינגט, פאַרשלינגט די האָריזאָנטן,
מאָרגן וועט אַ מעווע מיך באַגריסן פון אַ ברעג אַן אומבאַקאַנטן.

אין אַ נעץ פון ליכטיקייט

אינמיטן טאָג. אינמיטן שטאָט־גערויש
האָט פּלוצלונג זיך אַ גלאָק צעקלונגען.
אינמיטן טאָג. אינמיטן שטאָט־גערויש
האָט אין די הערצער טיף אַריינגעדרונגען
דער קלאַנג, וואָס האָט זיך אין דער לופט צעקלונגען.

די הויכע שטיינער־הייזער זיינען אין דער הויך
נאָך אויסגעוואַקסן העכער, העכער.
און מענטשן — איינגעשמירט אין ליים, און רויך —
אַ שאָט געטאָן זיך האָבן פון די קעלערס און די לעכער
און אָנגעפילט די גאַסן, פענסטער און די דעכער.

טראַמווייען, אויטאָס האָבן זיך געשטעלט
און ניט געקאָנט פאַר זיך אַ וועג דורכשלאָגן —
פאַרוואַנדלט האָט די שטאָט זיך אין אַ פעלד,
וואו פערד־טאַבונען האָבן זיך צעטראָגן
און ווילן איינער זיך דעם צווייטן איבעריאָגן.

דערנאָך האָט זיך די זון מיט גרויס גענאָד
צעשיינט אויף שטיינער און אויף שויבן
און איבער אַלעמען האָסטו זיך, ווי אַ גאָט
אַ שיינענדער, אַ בלענדנדער אַרויפגעהויבן
און נייע וועלטן בויען אָנגעהויבן.

אינמיטן טאָג. אינמיטן שטאָט־גערויש
האָט פּלוצלונג זיך אַ גלאָק צעקלונגען
אינמיטן טאָג. אינמיטן שטאָט־גערויש
האָט אַלץ אַרום זיך ברייט צעזונגען
צום קלאַנג, וואָס האָט זיך אין דער לופט צעקלונגען.

און אויף אַ טורעם ביי דער קייט,
האָסטו דעם גרויסן גלאָק געצויגן —
און אַזאַ זינגנדיקע פרייד
געשיינט געבלענדעט האָט האָן אין דיינע אויגן
און אין אַ נעץ פון ליכט האָסטו אונז אַלעמען פאַרצויגן.

קלינג-קלאַנג!

קלינג-קלאַנג!
קלינג-קלאַנג!
ווער האָט אַ ריר געטאָן דעם שווייגנדיקן גלאָק?
פון יעדן קעלער און פון יעדן ראָג
באַווייזן זיך די קאַליעקעס און שלעפּער
און פון די ענגע איינגעשמוצטע שעפּער
און רויכיקע פאַבריקן
געדיכטע מענטש-כוואַליעס נעמען דריקן זיך און דריקן.
אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע.
אַ כוואַליע אין אַ כוואַליע.
אָט ווערט פון אַלע כוואַליעס איינע —
צום אָנהויב וואַקלט זי זיך, ווי אַ זקנה,
וואָס שלעפּט זיך קוים אָן אָנגעשפּאַרטע אויף אַ שטעקן
און באַלד צעגיסט זי זיך אויף ברייטע שטרעקן.
און אַלע איינגעשמירט אין ליים און רויך.
און אַלע בליקן צו דער הויך.
הענט קאָנוואַולסנדיק געצויגן
און ליכט ביי יעדן אין די אויגן
און אַזאַ תּפילה'דיקער קלאַנג: —
קלינג-קלאַנג!
קלינג-קלאַנג!

האָט שוין אַ שלאָג געטאָן די שעה

האָט שוין די שעה
געטאָן א שלאָג,
און דו ביסט דאָ
מיט מאָס און וואָג?

אויף בארג און טאָל
מיט שנעלע טריט —
איז דאָס דיין קול?
איז דאָס דיין ליד?

און אין דער לופט
צעשטראַלט, צעשיינט —
מען זינגט און רופט:
דער טאָג איז היינט!

דו האָסט פארשפּרייט
אויף אונז דיין האַנט —
און ווייסע פרייד
האָט זיך צעשפּאַנט.

אויף וועג און שליאַך,
אויף שטאָט און לאַנד,
איז אויף דער וואַך
אצינד דיין האַנט?

אויף וועג און שטעג
זאָגט אָן דער גלאָק —
פון אלע טעג
איז היינט דער טאָג!

ראש השנה אין נויאָרק

אין דער היים, דער אַלטער, —
אין דרויסן שפּאַנט דער ראש השנה אַ צעשטראַלטער,
צניעה׳דיקע ליכט שײַנען דורך בית־מדרש שויבן
און צום בית־מדרש, — אַטלעסנע קאַפּאָטעס און קאַלירטע הויבן,
אויסגעוואַשענע און ריינע, יונג און אַלט, קינד און קייט
אין שול אַריין מען גייט און גייט,
און טריט אַזעלכע פרומע, שטילע, —
יעדער טראָט אַ תפילה.

און דאָ אין אונזער היים, דער נייער, אין נויאָרק, —
דער יום־טוב ראש השנה אויפן טאָרג, —
יאַרמעלדיקע חזנים איבער אַלע צייטונגס־שפּאַלטן,
שופר׳ס און טליתים איבער אַלע ווענט,
איבער אַלע טויערן
און מויערן, —
קוים וואָס מען דערקענט
דעם אַלטן ראש השנה.

אין אַלע אויערן, — אַ ווילד געשריי
פון קולות אַלערליי, —
אַ חזן מיט אַ שטימע הויך,
ווי אַ וואָלקנקראַצער,
אַ שופר־בלאָזער, אַ בעל כוח
און אַ גוטער אויגנגלאָצער, —
קויף דיר אַ בילעטל, — און ריין ביסטו פון זינד,
ווי אַ ניי־געבוירן קינד.

פאַראיאָרן האָט זיך ראש השנה
אין אַ וואָדעוויל פאַרקליבן,
האָט דאָרט אַ מויד, אַן אויסגעטאָנע,
שפּאַס פון אים געטריבן :

„אוי ראש השנה,
איך בין אן אלמנה
גאנצע דרייצן יאָר,
זאָל ישע גאָט דערהערן
און אַ מאַן באַשערן
מיר צום נייעם יאָר!“

אזוי האָט דאָרט די מויד, די אויסגעטאָנע,
געטענצלט און געכריפּעט צו דעם ראש השנה,
און ער, — מיט צוגעקלעפּטן ווייסן בערדל,
ווי אַ יונג צעראַספּאַלאָשעט פערדל,
האָט מיט דער מויד געטענצלט און געאייגלט,
און דער עולם האָט פון נחת זיך געפרעגלט.

שופר'ס און טליתים, — עס טענצלט ראָש השנה
אויף דער בינע מיט אַ מויד, אַן אויסגעטאָנע,
און דער דירעקטאָר פון טעאַטער,
אַ יונג אַ בלאַטער,
רייבט די הענט צופרידן
און ביביקעט:
— אידן, ליבע אידן,
קויפט אַ טיקעט!

בײַ מיר אין לאַנד

בײַ מיר אין לאַנד איז נאָך לעת עתה
די ראָד אין קרעמער'ס האַנט;
ער פּירט זי, ווי עס פּירט אַ פּרוי אַ בלאַטע
דעם קונה צו דעם הויז פון שאַנד.

אויף אַלע וועגן פון מײַן מעכטיקער מדינה,
צעטראָגן טאָג נאָך טאָג זיך קולות אַלערלײ;
דער האַמער שרײַט, עס שרײַט אויך די מאַשינע,
נאָר העכער איז דאָס גאָלד־מינץ קול פון זײ.

אודאי איז דער האַמער־קלאַנג דער עיקר,
איך ווייס עס גוט און שוין פון לאַנג;
נאָר האַנט, וואָס האַמערט, איז אויך שיכור
בײַ אונז אין לאַנד נאָך גאָלד־מינץ קלאַנג.

די גאָלד־מינץ קלאַנגען זײַנען שטילע, דינע,
נאָר שרײַען איבער אַלעמענס געשרײ, —
ס'איז נישט אַזוי די פעלדער גרינע,
ווי וויפיל געלט מען קריגט פאַר זײ.

נו וואָס, אַז אויף די ברייטע סקווערן
בײַלט ווער נישט ווער אַ פויסט צונויף, —
דערלאַנג אים ברויט גענוג זיך צו דערנערן
און ווי אַ הונט איז ער געטרײַ דעם הויף.

אנומלטן האָט מיך אַ האַנט געשלאָגן,
אַ האַנט פון אַרבעט מוסקוליאַרנע, שווער,
הלמאי איך האָב געוואַגט צו זאָגן,
אַז באַלעבאָס פון וועלט איז ער.

און אַז אַביסל שפּעטער האָט ער זיך פאַרקליבן
אין די פּאָר צימערן ביי אים אין הויז,
האָט ער מסתמא ברעקלאַך בלויז געקליבן,
אַזוי ווי אין אַ קיך עס קלויבט די מויז.

דערנאָך האָט ער שטודירט די בירזשע
אין זיין בלאַט־צייטונג פאַר דריי סענט,
און ווי אַ פערד געטאָן זיך אַ צעהירזשע,
ווען פאַר די אויגן האָט זיך גאָלד צעבלענדט.

די אייביקייט — די איינזאַמקייט

אַז סע ווערט דיר ענג אין אייגן הויז
און גייסט אין גאַס אַרויס,
און פילסט, אַז אין דעם גאַסיקן געדרענג
איז אויך דיר ענג,
איז וואָס-זשע טוסטו? —
גאָרנישט טוסטו!
פילסט, ווי איבער דיר וואָלט זיך אַ טענק אַרויפגערוקט
און דו ביסט ווייכע ערד, וואָס קוקט
און ווערט אונטער אים געקנאָטן און געפּרעסט.
די צייט בלייבט שטיין אַנטבלויזט און הויל
און מיט איר פרעסערישן מויל
עסט זי און צעפרעסט
אַלץ וואָס גלייך און אַלץ וואָס קרום: —
די שטעכעלקע, די בלום,
דעם דאָרן און צעבליטן בוים, —
בלויז אומבאַרירבאַר איז דער רוים, —
דאָרט וואוינט די אייביקייט,
די איינזאַמקייט.

אין גאַס, ווי אין דיין הויז, איז ענג, —
אַט שפּאַן איך אויף אַ גאַס, — איר לענג
איז פול מיט מענטשן אַלערליי, —
די מענטשן, — ווער זשע זיינען זיי?
ווי דו, ווי ער, ווי איך,
נאָר יעדערער פאַר זיך, מיט זיך.
מען שפּאַנט, מען איילט, פּאַמעלאַך און געשווינד,
ווי כוואַליעס אינם ים פון ווינט, —
צו וואָס? צו ווען?
צי ווייסט מען דען?

ארום זיי און אריבער זיי
שפילצייג אלערליי, —
קינאָס, וואָדעווילן
האלטן אין פארשפילן
אויף א ווייל,
און מענטשן אין געאייל
אהער, אהין, —
וואוהין?

מויערן מיט שפּיצן צו דעם הימל, הויך,
דערציילן פון אן אימפּעטיקן כוח,
וואָס איז אין זיי פאַראַנען.
זשומענדיקע עראָפּלאַנען
הויבן נייגעריקע בליקן צו זיך אויף,
נאָר העכער דאָרט ארויף, ארויף, —
די אייביקייט,
די איינזאַמקייט.

איז וואָס זשע טוסטו פאָרט? —
דו שפּאנסט און טראכסט, אז קיין אָרט
איז אויף דער גאנצער ערד פאר דיר נישטאָ,
און גאָרנישט.
און אז די רגע ווערט פאר דיר א שעה
און פון דער שעה א יאָר,
איז ווידער גאָרנישט.
— דאָס גאָר? דאָס גאָר? —
פרעגסטו זיך אויף אלץ, וואָס זעסט און הערסט,
און פלוצלינג באפאלט אויף דיר א טרייסט,
ווייל דו ווייסט,
אז נאָך אביסל און דו ווערסט
א טייל פון אייביקייט,
פון איינזאַמקייט.

אַ טאָג איבער ניו יאָרק

אַ יונג מיט בלויע אויגן און מיט בלאָנדע קוטשעראַווע האָר,
וואָס טראָגט נאָך גרינג אויף זיך די דורכגעלעבטע יאָר,
איז היינט אַרויס אויף גאַסן פון ניו יאָרק מיט טאַנצנדיקע טריט.
דער אָטעם פון דער שטאָט האָט זיך געוואָרגן צווישן אייזן און גראַניט.
אָט האָט ער זיך צעקרעכצט, ווי אינם ים אַן אויפגעפּוישטער וואַל
און אָט צעצאַפּלט זיך, ווי חיות פון אַ פּלוצלונגדיקן איבערפאַל.
געהאַכט האָט זיך דעם יונג, אַז נאָענט אַרום אים, גייט אָן אַ שלאַכט,
עס קעמפן ריזן צווישן זיך, פאַר הערשאַפט און פאַר מאַכט.
און ער, וואָס איז, אָט ערשט אַרויס פון הויז, מיט טאַנצנדיקע טריט,
איז צווישן באַמבע־וואָרפערס דאָ, אַ צילברעט אין דער מיט.
אויף טורעמס און אויף פענצטער האָט די זון געציטערט מיט איר שיין —
אוי, ווער וועט וועמען אין דער גרויסער שלאַכט דאָ מנצח זיין?

נאָר אָט זעצט ער זיך אויף אַ באַנק אינמיטן ברייטן און באַבוימטן סקווער,
וואָס האָט געגלאַנצט מיט זון. דער ליאַרעם האָט דערגרייכט אַהער
בלויז, ווי אַ דורכגעזיפּטער עכאָ פון אַ טומלדיקער ווייט.
אַ קאָפּטע יונגוואַרג האָט זיך אומגעיאָגט מיט פּנים׳לאַך פאַרשייט, —
ווער שלאַכט! וואָס שלאַכט! — דאָס טאַנצט דער מוסקוליאַרנער גאַט
זיין אימפּעטיקן טאַנץ אויף עווניוס, און גאַסן פון דער שטאָט.
אָט דזשיגעט ער צום ברויז פון דזשאַז. אָט וויגט ער אום זיך אין אַ וואַלץ,
און טאַנצנדיק, וואַרפט ער מיט געטלאַכקייט אויף אַלעמען און אַלץ: —
די שאָטנס פאַר די געסלאַך און דעם זונשיין פאַרן סקווער,
דעם אימפּעט פאַר די מענטשעלאַך, וואָס איילן הין און הער,
דעם טומל פאַר די אויטאָס, טראַמווייס, סאָבוועיס, און דעם „על״,
די איינזאַמקייט פאַר בעטלער, וואָס שנאָרכעט אויף אַ פרעמדער שוועל.

געוואָרן איז דאָס האַרץ פון יונג, ווי פידל אונטער סמיק,
צעצאַפּלט האָט עס זיך פון יעדן פרעמדנס אַ באַריר און בליק.
די בליקן און באַריר! — ווי לייכטע ווינטלאַך יאָגן זיי פאַרביי, —
וועט איינער כאָטש פון זיי זיך אומקערן צו אים אויפסניי?
אַ טראָט קלינגט אויף, דער טראָט פאַרביי, באַלד נאָך אים אַן אַנדער טראָט,
אַזוי־אָ וועט זיך אייביק אומטרייבן דער אימפּעט פון דער שטאָט.

און ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס ער איז ווידער אויף די פיס?
דער אימפעט האָט אים פלוצלונג פון דער באַנק געטאָן אַ ריס
און ווידער עוועניוס און גאַסן, אײַזנשטאַנגען און גראַניט.
דער טומל וויגט זיך, וואַרגט זיך, נאָר עס אַרט אים מער שוין ניט

ער איז אַ שפּילציַיג איצט ביים מוסקוליאַרנעם טאַנצנדיקן גאָט,
וואָס שאַרט אים מיט זיין טראָט אויף גאַסן פון דער שטאָט.
אויף פייערלייטערס הענגען פרויען אויס דאָס וועש און אונטערוועש,
אויף טראָטואַרן, וועגעלאַך מיט ברוכוואַרג — זילבער, קופּער, מעש,
אַ קטורת־לעמפּל פון אַ קלויסטער און אַ מנורה פון אַ שול באַם זייט,
אַ ניגער דזשיגעט פריילאַך אויס אַ טענצל אויפן מיטן גאַס פאַרשייט: —
„אַ מאַן איז ווי אַן וואַלד דער יעגער! אַ פרוי איז ווי אַן פעלד דער האָז!“..
און זינגענדיק צעפלעצלט זיך אויף אים זיין ברוינע, גלאַנצנדיקע נאָז.
אַ ברוינער, וואַנצלדיקער איטאַליענער באַ אַ שטופּ־וועגעלע מיט פיש
צעבייזערט זיך אויף עמיצן: — „אַ סעניאָריטאַ, יו נאָ אינגעליש קאַפּיש?“
אַ כאַפּטע קינדער שפּילן „דיים“, אין אַפּפאַל־קענדלעך רויען זיך די קעץ.
אַ שוויַיגנדיקער קערט דער גאַסנקערער אין קאַנאַל אַריין די נעץ.
די לופט איז אָנגעפילט מיט זויער־ראָסל, גרינצייַג און מיט פרוכט,
אַ שכור שלעפּט זיך אום אַ וואַקלענדיקער, רעדט צו זיך און פלוכט.

און אָט איז אָרטשאַרד סטריט. ער בלייבט אַ רגע צוגעשמידט צום אָרט,—
אַ זקן מיט צוויי פאות, און אַ ברייטע לאַנגע ווייסע באָרד, —
אַזוי־אַ קוקט זיין זיידע אויס פון וואַנט אין גילדן ראַמל אײַנגעראַמט, —
די בליקן וואַרעמע, די ברייטע לאַנגע ווייסע באָרד צעקאַמט,
אַ רגע פילט ער, ווי אַ פרעג טאָן: — זיידעשי, ווי קומט איר דאָס אַהער?
נאָר אָט צעשאָקלט זיך דער זקן ביי זיין וועגעלע מיט פרוכט אַהין, אַהער
און שאָקלענדיק צעזינגט ער זיך מיט דאַוונדיקן קול: —„פרישינקע
פאַרזוכט!“
האָט ער ביים זקן פאַרן לעצטן געלט געקויפט פאַר זיך אַ פרוכט.
און קויפנדיק אַ וויצל זיך געטאָן: — ווען ווערן מיר פון גלות אויסגעלייזט?
נאָר, ווען דער זקן האָט זיך שטיל באַקלאָגט: —„וויַיניק הייַנט געלייזט“,
האָט ער פאַרגעסן אָן דער פרוכט אין האַנט, און ווייטער זיך צעשפּאַנט
ביז אויף אַן אַנדער גאַס האָט אים אַ טרעמפּ אָן איר דערמאָנט.

— אַ יונג אַזאַ... כע־כע... מיט באָר אין האַנט גייט אום פּאַרטראַכט...
האָט ער אַ קול דערהערט, און באַלד האָט זיך דאָס קול צעלאַכט
און דאָס געלעכטער האָט זיך אַ שאָט געטאָן, ווי האָגל אויף זיין לייב:—
— אַ יונג אַזאַ... כע־כע... מסתמא צרות פון דער ווייב...
נאָר פּלוצלונג האָט דער טרעמפּ פאַר אים זיך טיף פאַרנייגט: —
— איך וויים מיין האַר.. איך האָב אַמאָל צו בעסערס אויך געטויגט...
געהאַט אַ ווייב... אַ קינד... אַ היים... און איבער קאָפּ אַ דאַך...—
פון אויבן האָט זיך אַנגעיאָגט דער על מיט אַזאַ דונערדיקן קראַך
און אַ פאַרשלונג געטאָן אין זיך די שטילע רייד פון טרעמפּ,
אַ רגע האָט דער יונג געקוקט אויף אים מיט פּנים קאַלט און טעמפּ,
נאָר, אַז ער האָט דערהערט פון אים אויפסניי: — מיין האַר, מיין האַר,
האָט ער אויף גיך אַריינגעלייגט צו אים אין האַנט אַריין די באָר

דער מוסקוליאַרנער גאָט האָט נאָך זיין אימפּעט דאָ ניט אויסגעטאַנצט,
די פיס ווי פון מאָטאָרן אומגעטריבן, דער קאָפּ באַקראַנצט
מיט אייזנשטאַנגען, עלעקטריק־לעמפּלאַך, שטיינער און צעמענט,
און ער, דער יונג, וואָס האָט געשפּאַנט איצט אָן דער באַר אין זיינע הענט
האָט צו דעם גאָט פון שטאָט דעם אומרו פון זיין בלוט אַרויסגעשיקט.
דער טאָג האָט זיך גערוקט. דער ליאַרעם האָט נאָך שווערער זיך צעוויגט
אויף עוועניום און גאַסן צווישן שווערע שטיינערדיקע ווענט.
אַ ברודער האָט אין אימפּעטיק געיעג זיין ברודער ניט דערקענט.
ווי כוואַליעס רויך פון קוימענס אויסגעשפּיגענע צום אונטערגאַנג פון טאָג,
צעכוואַליעט האָט די מענטשנמאַסע זיך אויף יעדן גאַס און ראָג.
אויף פייערלייטערס און צעהאַנגען אונטערוועש האָט זיך די זון געזעצט,
נאָר אויף די טורעמס האָט דאָס גאָלד ניט אויסגעברענט נאָך ביז צום לעצט.

און ווי אַזוי איז דאָס יונג אַריינגעפאַלן אויף אַן עוועניו פון פּוסט און פּאַס?
די עוועניו האָט, ווי אַן אויסגעפּוצטע און צעלאָזענע מרשעת
אַ צי געטאָן צו אים די דעליקאַטע באַדימענטענע הענט.
אויף טורעמשפּיצן האָט די זון נאָך אומגעבלענדט
און אויפגעוועקט אין אים אַ שאַרפן, ברוזנדיקן רוף,
וואָס האָט אַ דורשטיקער צעוועקט זיך אין זיין גוף,
האָט ער צוזאַמען מיטן גאַנצן אויסגעפּוצטן פּוסט און פּאַס
געלאָזט זיך גיין ביים זייט פון דער מרשעת:

— מיין הארנטע, דיין קנעכט האָט אַ געזונטן גוף און קוטשעראַווע האָר,
צוויי הענט, וואָס זיינען גיריק דיך אַ גלעט צו טאָן
און אויך אַ האַרץ, וואָס פלאַטערט איצט, ווי אין דער לופט אַ פאָן!
האָט זי זיך פרעך צעלאַכט און בייז אַ קוק געטאָן אויף אים: — דאָס גאָר?

דאָס גאָר? דאָס גאָר? דאָס גאָר? געלאַכט האָט יעדער איינער פונם פּוסט און פּאַס
און ער, דער יונג? — אָ פרעכע, אָנגעפּודערטע, צעלאָזענע מרשעת,
וואָס האָסטו צום געזונטן יונג מיט קוטשעראַווע האָר געטאָן?
גאַנצפרי האָט ער די קליידער זיינע, זינגענדיק זיך אָנגעטאָן —
די שיך פאַרשנורעוועט, זיך אויסגעבונדן גלאַט און נעט דעם שניפּס,
גערופן פונם העלן מאָרגנס פּיפּידיקן פּיפּס
האָט ער דורך גאַסן זיך געלאָזט, ווי אַ טענצער צו אַ טאַנץ.
זיין אויסקוקן איז געווען אַ פריידיק בלאַט צום גרויסן קראַנץ
פון מוסקוליאַרנעם טאַנצנדיקן גאַט אַריבער טורעמס פון דער שטאָט,
און איצט?... אַזוי־אָ גראַבלט זיך אין אונטערערדישקייט דער קראָט,
אַזוי־אָ צאַפּלט זיך אַ מענטש געטראָפן פון אַ הפקר־יונג'ס אַ שטיין,
אַזוי־אָ גוסס'ט דאָך די זון, וואָס האַלט שוין בא דעם אונטערגיין.

דער גאַנג האָט ברייט געמאַכט אויף זיינע מידע פיס, די שיך.
דער אָוונט האָט אים אָנגעטראָפן אויף אַ געסל, ריידנדיק צו זיך.
ווי עפּל איבערצייטיקע, וואָס פאַלן צו דער ערד פון צווייג,
ווי פייגל פון אַ פלוצלונג אויפגעפראַלטער שטייג,
געפאַלן און געהויבן האָבן זיינע ווערטער זיך פון צונג.
עס האָבן מענטשן אים באַטראַכט, נאָר ניט געאַרט האָט עס דעם יונג.
געשפּאַנט האָט ער מיט ציטערנדיקע טריט אַ שיכור'ער פון פּיין,
פון פענצטער און פון ווענט האָט זון שוין אָפּגעטאָן דאָס לעצטע ביסל שיין.
און מיט קאָלירנדיקע אויגן האָט דער אָוונט אומעטום שוין אויפגעבליט
און הייס די מידע טריט פון יונג געברענט, געבריט,
און איבער טורעם־שפּיצן פון דער אָוונטדיקער שטאָט
האָט אַלץ צעטאַנצט זיך צו דעם מוסקוליאַרנעם גאָט.

אַ מיליאָן מיט דריי פּערטל

אַ מיליאָן מיט דריי פערטל

פּערזאָנען:

עלטערער	מאַלערין
יונגערער	לץ
קריטיקער	אָפּטימיסט

קיבעצאַרניע. אין אַ ווינקל בײַ אַ טישל זיצט דער לץ און רויכערט אַ ליולקע. בײַ אַן אַנדער טישל זיצן צוויי שריפטשטעלער, — אַן עלטערער און אַ יונגערער, און שפּילן אין שאַך. אַנטקעגן זיצט אַ יונגע מאַלערין מיט אַ קריטיקער, זי רויכערט מיט אַ לאַנג־ווייליקער מינע אַ סיגאַרעטל. בײַ דער קאַסע לעבן אַרײַנגאַנג זיצט די באַלעבאָסטע אַ שלעפעריקע און געניצט.

צײַט — ווען איר ווילט.

עלטערער שריפטשטעלער

(ווען דער יונגערער האָט חרטה אויף אַ גאַנג.)

אַ מענטש גייט אַ גאַנג, און עס וואַקלט אַ שכור.

יונגערער שריפטשטעלער

(איז מסכים.)

אַ גאַנג מיינט פאָראויס גיין און ניט קיין צוריקקער.

קריטיקער

(צו דער מאַלערין.)

אין קונסט איז דאָס לעבן דער עיקר.

מאַלערין

(לאָזט פּויל אַרויס אַ רינגעלע רויך.)

דער זין פונם לעבן איז אויף דעם בית־עולם.

לץ

(מיט דער כונה צו פאראינטריגירן דער מאלערין.)

דער חכם איז היינטיקע צייטן, דער גולם.

מאלערין

(צום קינסטלער אויפן חשבון פונם לץ.)

דאס לעצ׳ל! איך קאן שוין פון לאנג אט דאס לעצ׳ל!

ער קיצלט און בייסט, ווי א קרעצל,

אונטער דעם ארעם.

עלטערער שריפטשטעלער

(גייענדיק א גאנג.)

א מענטש גייט א גאנג, און עס פויזעט דער ווארעם.

קריטיקער

(אויפן חשבון פון לץ.)

א מענטש איז געגאנגען, געגאנגען,

און איז צו דעם אפגרונט דערגאנגען.

צו וואס איז אזעלכער געגליכן?

יונגערער שריפטשטעלער

(אויפגערעגט.)

נו גייט שוין! צו וואס זשע דאס קריכן?

א גאנג מיינט פאראויסגיין און ניט קיין צוריקקער!

עלטערער שריפטשטעלער

(איז מסכים.)

א גאנג איז... א... עס וואקלט דער שכור.

קריטיקער

אין קונסט איז פאראויסגיין, דער עיקר!

באלעבאסטע

(טוט א געניץ.)

הא־א־א־הא!

עלטערער שריפטשטעלער

(אויפגערעגט.)

ששששא־א־ששששא־א!

אפטימיסט

(פאלט אריין מיט א צייטונג אין האנט.)

אר־ווא־א־א־א!

עלטערער שריפטשטעלער
(געשטערט.)
וואָס איז דאָ, אַ טאָרג?

אָפּטימיסט
(גליקלאַך.)
אַט איז די סטאַטיסטיק! דער איד אין נויאָרק
אַ גאַנצער מיליאָן מיט דריי פערטל.

קריטיקער
(צופרידן.)
דער איד אין נויאָרק, — ס'אַרא ווערטל!

לץ
(בייסיק.)
אַ שפּריץ אינם ים פון אַ קווערטל!
עס פּליושקעט זיך אום און פאַרמישט זיך.
עס פּליושקעט זיך אום און פאַרווישט זיך.
כאַ־כאַ! אַ מיליאָן מיט דריי פערטל!

אָפּטימיסט
(זעצט זיך אַנטקעגן אים.)
און דו האָסט פאַר אַלצדינג אַ ווערטל!

באַלעבאָסטע
(גענעצט.)
האַ־אַ־אַ־האַ!

עלטערער שריפטשטעלער
(אויפגערעגט.)
ששששאַ־אַ־אַ־ששששאַ!

לץ
(שפּאַסיק.)
ניט שטערט די האַרמאָניע פון געניץ!

אָפּטימיסט
(צום לץ.)
נו, אַלץ מוז דאָך האָבן אַ גרעניץ!
(צו דער באַלעבאָסטע.)
אַ שטיקעלע קוכן, און טיי.

לץ

נו, מאכט עס שוין צוויי!

(די באַלעבאָסטע גייט אַ געניצדיקע אָפּ אין קיך.)

עלטערער שריפטשטעלער

(דרייט אויס דעם קאָפּ.)

צוליב אייער טומל פאַרליר איך אַ צוג.

לץ

(צום אָפּטימיסט אויפן חשבון פון עלטערן שריפטשטעלער.)

זיין פּעליטאָן אין היינטיקן דרוק

איז אויך אַ פאַרלוירענער צוג.

אָפּטימיסט

(לאַכנדיק.)

גענוג שוין, גענוג!

מאַלערין

(צום קריטיקער אויפן חשבון פון לץ.)

ווי בייסיק ער איז, און ווי קלוג.

קריטיקער

אין קונסט איז די חכמה דער עיקר.

לץ

(פאַר'חלומ'ט.)

אָט איצטער אַ גלעזעלע ליקער

געווען וואָלט ניט שלעכט.

עלטערער שריפטשטעלער

(ביים שאַך.)

אויף מיר אַזאַ יאָר, ווי גערעכט!

(די באַלעבאָסטע ברענגט צו צוויי גלעזער טיי מיט קוכן און זעצט זיך אַוועק אויף איר אָרט.)

אָפּטימיסט

(מישט מיטן לעפעלע און קוקט מיט שיינענדיקע אויגן אין דער צייטונג.)

דאָס אידישע פאָלק, — ס'אַ וווערטל!

אַ גאַנצער מיליאָן מיט דריי פערטל,

מיט אייגנס גאַנץ היבש, גאָר פאַרמעגלאַך,

פיר אידישע צייטונגען טעגלאַך.

פאַר אינטעליגענץ, און די מאַסן.

טעאַטער און קינאָס אויף גאַסן
פון בראָנזוויל, און בראָנקס, און מאַנהעטן.

לץ

(שלאָגט אים שפּאָסיק איבער.)
זינגט, זינגט מײַנע אידישע ברידער פּאָעטן!
גייט אויף אין אַ יובל פּראָצעסיע,
און אויפקלינגען זאָל אייער וואָרט דאָ בפרהסיה,
ווי קינדער געשריי, וואָס מען פּאַטשט אין געזעסלאַך,
ווי קעצישער מיאו אַרום אַשיקע פּעסלאַך!

באַלעבאָסטע

(געניצט.)
האַ־אַ־אַ־האַ!

עלטערער שריפטשטעלער

שששאַ־אַ־שששאַ־אַ!
איר שטערט דאָך דאָס שפּילן!

אָפּטימיסט

און אַז עס וועט אויפגיין דער ווילן
פון גאַנצן מיליאָן מיט דריי פערטל.

לץ

אַ קראָט פון אונטערערדישן ערטל
הויבט אויך אויף אַ בערגעלע ערד איבער זיך,
און קומען די פיס אין געקאָוועטע שיך
און טרעטן, צעטרעטן, פאַרטרעטן.

אָפּטימיסט

(שלאָגט אים איבער.)
זינגט, זינגט מײַנע אידישע ברידער פּאָעטן!
צעווייעט די פאָנען, הויבט אויף די פּלאַקאַטן,
דער זון וועט די פּוסטריט פון מאַמען און טאַטן
ניט לאָזן פאַרמעקן!

לץ

ניט מעקן, נאָר ווייט איבערדעקן.

אָפּטימיסט

(אויפגערעגט.)
אַ גאַנצן מיליאָן מיט דריי פערטל
איז דאָך ניט קיין שפּריץ אינם ים פון אַ קווערטל.

מאַלערין
(צום קריטיקער אויפן חשבון פון אָפּטימיסט.)
זיין פּנים באַשיינט איז מיט גלויבן!
קריטיקער
אַ קונסטווערק מוז דיך דערהויבן,
ווען אונטער דעם גייט אויף דער גלויבן,
ווי זוניקער אויפגאַנג, מיט פלאַקער.
לץ
(טרויעריק.)
צי זעט דען דער פּויער אין פעלד ביי דעם אַקער
דעם זונבלענד אויף אַקערשן שאַרף?
ער טוט מיט זיין בליק איבער אַ פעלד אַ פאַרוואַרף
און שניידנדיק טיף מיטן אַקער די ערד
פאַרגעסט ער, אַז אונטן אַ קראַט ווערט פאַרצערט.
אָפּטימיסט
(פּראָטעסטירט.)
אַ מיליאָן מיט דריי פערטל,
איז דאָך ניט קיין ווערטל!
לץ
(עקשנות׳דיק.)
אַ קראַט אין אונטערערדישן ערטל
פאַרוויגט זיך דאָרט אויך מיט אַ צערטל,
אַז מיט זיין עקשנות׳דיק רויען
וועט ער זיך די אייביקייט בויען.
מאַלערין
(אויפן חשבון פון לץ.)
ס׳אַראַ ביטערער מענטש, אָט דער איז!
קריטיקער
(פילאָזאָפיש.)
אַ מענטש האָט צום הימל געטאָן זיך אַ ריס
און איז אינם אָפּגרונט געבליבן.
מאַלערין
(צערטלאַך.)
מיר דאַכט אַז איך וועל אין אים זיך פאַרליבן.

באַלעבאָסטע

(גענעצט.)

האַ־אַ־אַ־האַ !

עלטערער שריפטשטעלער

(בייז.)

שששאַ־אַ־שששאַ־אַ !

איר שטערט דאָך דאָס שפּילן !

אָפּטימיסט

(פאַרטיפט אין דער צייטונג.)

און אַז עס וועט אויפגיין דער ווילן !

יונגערער שריפטשטעלער

(זינגענדיק.)

אַ פּויער האָט קינדער, וואָס שרייען נאָך ברויט, —

וואָס אַרט עס דעם פּויער, אַ חיה'לעם טויט !

אָפּטימיסט

(פאַרצווייפלט.)

אַ מיליאָן מיט דריי פערטל !

לץ

(קאַלטבלוטיק.)

וויל אפשר גאָר עמיצער כאַפּן אַ קערטל ?

מאַלערין

(פאַראינטריגירט.)

אַ פּינאַקל, פּויקער, צי אפשר גאָר באַנק ?

לץ

(באַגייסטערט.)

דאָס לעצטע ! אַ וואוילער געדאַנק !

מאַלערין

(פריילאַך.)

אַרויס אויפן טיש מיט פּאַרמעגן.

לץ

איך שטעל איין דעם שטויב פון די וועגן.

מאַלערין

(קאָקעטיש.)

איך האָב פיינט מיט שטויב זיך צו שפּילן.

לץ

(מעלאָדראַמאַטיש.)

דער שטויב וועט אונז אַלע פאַרהילן!

מאַלערין

נו גוט. איר מיטן שטויב און איך מיט מיין טרויער.

קריטיקער

די קונסט איז ברייטער צעעפנטער טויער...

באַלעבאָסטע

(שלאָגט אים איבער מיט אַ געניץ.)

האַ־אַ־אַ־האַ!

עלטערער שריפטשטעלער

(בייז.)

ששששאַ־אַ־ששששאַ־אַ!

לץ

(גייט צו צום טיש פון דער מאַלערין און נעמט אַרויס אַ טעשל קאָרטן.)

אַ קערטל, איז אַ קערטל!

אָפּטימיסט

(פאַרטיפט אין זיין ציטונג, עקשנות'דיק.)

אַ מיליאָן מיט דריי פערטל!

איינגס

קאַפּיטל איינס

א

ווי אַזוי האָט דאָס געטראָפֿן? — איז ניט שווער צו טרעפֿן.
אַז דער חודש סיון רירט אַ קליאַמקע, טוט זיך טיר אַליין אַן עפֿן,
ווי אַ שטייגער — נאָר צו וואָס די אַלע מעטאַפֿאָרן? —
הירש האָט הערנער, בוים האָט צווייגן, פֿאַרטשעפּעט צווייג אַ האָרן.

ווער איז שולדיק, צווייג צי האָרן? ביידע גאָרניט שולדיק.
צווייג פֿון ווינט און הירש פֿון יעגער, — ביידע אומגעדולדיק.
זיך צעוויגט און זיך צעיאָגט, נו טרעפֿט זיך, ווי עס טרעפֿט זיך,
הירש צום צווייג איז אָנגעלאָפֿן, זיך פֿאַרטשעפּעט און באַהעפֿט זיך.

איבער בערג צעגליטע קוקן איבער זיך קאַליריקע האָטעלן,
שפּילט די סיון־זון זיך איבער אויסגעשפּרייטע אַקוואַרעלן,
וועקן זיך די שלעפֿעריקע טעג אויף, ווי פֿון צאַרטער האַנט'ס אַ טאָרקע,
ציען זיך די שעה'ען מיטן וואַסערפֿאַל־געזאַנג און טויבנוואָרקע.

סיון־צייט, רופֿט גרינע ערד דיך, ווי אַ מיידלש אויגנפֿינטל,
טראָגסט זיך איבער איר אַ לייכטער, ווי אַריבער דיר, דאָס ווינטל, —
הוליע־קוליע, אָן אַ סיבה, גלאַט אַזוי דאָס האַרץ דערפֿרייט זיך,
אויג אין אויג פֿאַרשלינגט זיך, בליק מיט בליק פֿאַרשטייט זיך.

ווערן גרעניצן פֿאַרווישטע, ברעכן אויס זיך אַלע צאַמען,
פֿלירט מיט קעלנער־יונג אַ טעכטערל פֿון רייכע טאַטע־מאַמען, —
ער האָט גרויסע, שוואַרצע אויגן און אַ הויט, ווי פֿון אָליוון,
זי אַ ליכטיק־בלאָנדע, ווי די זון אין חודש סיון.

עסנצייט באַדינט ער זי צוגלייך מיט אַלעמען ביי טישן,
נאָכן עסן העלפֿט זי לאַכנדיק אים דאָס געשיר צעווישן.
מערקט זיך — ברוינע ערד האָט זיך מיט סיונ'דיקער זון געטראָפֿן,
פֿילט זיך: — הירש איז אין אַ צווייגנדיקן בוים אַריינגעלאָפֿן.

ב

וואַנצלדיקע יונגעלייטלאַך שפּילן פלינק אין גאַלף און טעניס.
איז דאָך יעדער אַן אַפּאָלאָ, טרוימט אַפּאָלאָ פון אַ ווענוס, —
ווער־זשע אויב ניט רייטשל קאָן זיך דאָ צו ווענוס'ן פאַרגלייכן?
פּרוּווט דאָס מזל יעדער איינער ביי דעם טעכטערל, דעם רייכן.

וואַנצלדיקע יונגעלייטלאַך ריידן צו איר פיין און איידל,
שמייכלט רייטשל, גלעטנדיק אַ פעלדל אויף איר קליידל.
פלוצלונג, אומבאַמערקט פאַר יעדן, גאַר אינמיטן דרינען,
ווערט פאַרשוואונדן רייטשל, און מען קאָן זי ניט געפינען.

שפּעטער טרעפט מען זי אין דרויסן, פלאַפּלענדיק צום קעלנער,
שפּאַנט מען זיי פאַרביי מיט בריסט פאָראויס, ווי די מושטירטע זעלנער.
שמייכלט צו זיך דוד: וואַנצעלאַך מיט גלאַט פאַרקאַמטע קעפּלאַך!
קרימט זיך רייטשל: קעפּלאַך? ניין, דאָס זיינען לערע טעפּלאַך!

וואַנצלדיקע יונגעלייטלאַך האָבן דאָך אַזעלכע איידעלע מאַניערן, —
וואו אַ צווייטער, וועט אַ דריטער קיינמאָל אים ניט פּרוּוון שטערן.
לאָזט מען דוד'ן אויף דער וועראַנדע איבער מיט דער ווענוס
און מען לאָזט זיך שפּאַנען צו דעם פעלד שפּילן טעניס.

שפּילט מאַראַנצנגאָלד אויף בערג און זון נעמט שטיל זיך זעצן,
זשומען פליקעס הין־צוריק און שלאָגן אָן זיך אָן די טעניס־נעצן.
באַלד קומט אָן די נאַכט און הערצער טוען ברייט זיך אַ צעעפן,
שמייכלט רייטשל: דייווי, וואו־זשע וועט מען זיך אין אָוונט טרעפן?

סטאַטנע דאַמען פאָרשן פון וועראַנדע פאָרל מיט די בליקן,
שטילערהייט באַשליסט מען אַנאָנים נאָך טאַטע־מאַמע שיקן,
נאָר מען שיקט ניט, — זומער־ליבע וועט זיך סיי־ווי גיך פאַרווישן,
קיינער וויל דעם אייגן לעפל אין אַ פרעמדן טאָפּ ניט מישן.

אָבער ריידן, רעדט מען צווישן זיך און יעדעס מאָל מיט חידוש:
— וואָס האָט זי דערזען אין קעלנער־יונג, וואָס רעדט בלויז אידיש?
אָוונט שפּרייט שוין פון די בערג די שאָטנדיקע פאָלעס,
וואַנצלדיקע יונגעלייטלאַך קערן זיך פון פעלד אום, ווי אַפּאָלאָס.

ג

שווינדן טעג פון סיון, קומען שענערע מיט חודש תמוז,
פילט זיך רייטשל אין די בערג, ווי אינם שוים דער מאַמעס.
טעג, ווי זשוואַוועדיקע הירשן, אַוונטן, ווי שטילע ציגן,
דוד פירט איר אין אַ פּאַלאַץ איבער ווייך־געבעטע שטיגן.

מאָדנע, רייטשל שפּאַנט צום ערשטן מאָל אין אָט די ברייטע זאַלן,
און עס דאַכט זיך איר, אַז ערגיץ הינטער טונקעלע וואַוואַלן
האָט זי זיי געזען שוין. וואו און ווען? זי קאָן זיך ניט דערמאָנען,
אָבער אייגן איז איר דאָ דער דיל, די ווענט, און די קאָלאָנען.

דער, אָט דאָרט, מיט הויכן שטערן אין דעם ווייסן ציגנבערדל,
שלעפּט זיך איבער וועג אין בויד און פּאָכעט בייטשל איבער פערדל.
רייטשל קוקט און קוקט, און בלויער ווערן אירע בלויע אויגן, —
דוד שיינט אויף, ווי אַ הימל אין קאָליר פון רעגנבויגן.

גוט איז איר, וואָס דייווי איז אַן אייניקל פון יענעם אַלטן,
וויפיל אוצרות זיינען אין דעם אַלטן זיידנ׳ס בויד באַהאַלטן, —
דייווי איז אַ יורש, וועט ער די ירושה מיט איר טיילן,
רייטשל שפּאַנט, און דוד הערט ניט אויף דערציילן:

און אָט יענער איז דער טאַטע — ווייזט איר דוד מיט אַ פינגער. —
איז געווען אין דער משפחה אונזער שענצטער זינגער.
תמוז־זון דורך פענצטער, שפּילט זיך גאָלד אום איבער אַלע זאַלן,
ווערן דין און דינער די געוועבן פון די טונקעלע וואַוואַלן.

גוטע פעטערס, ווי די דעמבעס, שלאַנקע ברידער, ווי קאָלאָנען,
רייטשל חידוש׳ט זיך און עפּעס הויבט זיך אָן איר צו דערמאָנען.
אָרום איר — וואַזאָנע־שפּראָצן. דייווי איז אויך אַ וואַזאָנע, —
אָוונט שפּרייט אוים איבער זיי דאָס ליכט פון זילבערנער לבנה.

ד

נאָר ניט שטענדיק גייט מיט שיף אויף דעם שטילסטן ים אויך אַלץ כשורה,
אָפּטמאָל האָט זיך אויך אַ ריס דערהערט אין זייער ליבעס־אַוואַנטורע, —

אַוונט. די וועראַנדע פול מיט מענטשן, האַלבע און אין גאַנצע קרייזן,
אַלע אויפן קול, די שפּראַכן פיל און יעדע שפּראַך מיט גרייזן.
דוד שווייגט און לאָמפּנשיין שפּילט אום אויף דימענטן און פליכעס.
פלוצלינג וואַכט ער אויף און טוט אַ בייזן זאָג: — צו אַלדי רוחות!

קוקט אים רייטשל אָן מיט אויגן ברייט צעעפנטע און חידוש:
— ליבער, איך פאַרשטיי נאָך ניט קיין שווערן אידיש.
ווערט ער שטעכיק, זאָגט, עס פּאַסט איר ניט דאָס שטערנקנייטשל,
און ער רייצט איר: — רחל, רחל, רחל׳ע. — אַבי ניט רייטשל!

ווערט זי אָנגעבלאָזן און פאַרבייסט אַ ברוגז׳ע די ליפּלאַך,
ווערט די גאַנצע לופט ארום אַ ביימוול־קנויל מיט שווערע קניפּלאַך,
ביידע ווילן אויפקניפּן, נאָר נאָך שווערער ווערט דער פּלאָנטער, —
ווער עס האָט אַמאָל געליבט, איז אים דער פּלאָנטער אַ באַקאַנטער.

מיט דער ליכטיקער וועראַנדע קוקט אַ הויכער באַרג זיך איבער,
ווינטל וויגט זיך, וואַרפט אַריין די ביימער אין אַ שטילן פיבער.
פיבערט דוד׳ס האַרץ אויך אויף, נעמט ער צעטרלען רייטשל׳ס פינגער:
— רחל, מיר איז פלוצלינג שווער געוואָרן. איצטער איז מיר גרינגער.

— רחל, — זאָגט ער, — דאָ אויף דער וועראַנדע איז אַזוי יאַרידיש.
פינקלט רייטשל׳ס פּנים, ווי אַ בעכער ווייַן פון שבת׳דיקן קידוש,
פינקלט אויף, צעמיניעט זיך אַזוי, אַז עס שוימט אַריבער.
— יאָ, ס׳איז רווישיק, — זאָגט זי, — אָבער רעד אויף ענגליש, ליבער.

ה

זיינען העלע זומערדיקע טעג, ווי הירשן זיך צעלאָפן,
ווינטלאַך האָבן שוין דעם שפּעטן האַרבסט אין וועג געטראָפן

און מיט בייזער זיך צעווייגט אויף פענצטער און אויף שוועלן,
האָבן ביסלאַכווייז גענומען בייטן זיך די אַקוואַרעלן.

האַרבסט איז פאַר דעם בוים און גראָז, ווי פאַר די שאָף דער שערער,
וועלקט דאָס גראָז און צווייגן אויף די ביימער ווערן שיטערער און לערער.
פייכטע וואָלקנס ווערן אָן די שפּיצן פון די בערג צעשלאָגן,
טראָט פון מענטש ווערט שווערער און דאָס האַרץ נעמט נאָגן.

איינמאָל איז אַ רעגנדיקער טאָג פון הינטער בערג געקומען,
און פאַרנאַכט־צו ביים אוועקגיין לעצטן מענטש מיט זיך פאַרנומען.
האָט דערנאָכדעם האַרבסט קאַטאָוועסלאַך גענומען טרייבן
און מיט רויטן גאָלד גענומען איבער בערג און טאָלן שרייבן.

טרעפן זיך אויף סטעזשקעלאַך די באַלעבאַטים פון האָטעלן,
שאָקלען מיט די קעפּ: וואָס זאָגט איר אויף דעם זומער, אויף דעם שנעלן?
ווי להכעיס וואַרפט מיט בונטן גאָלד דער האַרבסט אויף טייך, דעם ריינעם,
נאָר דאָס בונטע גאָלד ווערט ניט באַוואונדערט איצט פון קיינעם.

וואו איז דוד? ער וואָלט היינט דאָך אָנגעטאָן דעם האַרבסט אַ כבוד!
נאָר אַז רחל איז אין שטאָט שוין, איז אויך דאָרטן דוד.
גילדיק איז דער האַרבסט, נאָר גילדיקער איז כביכול
איצט פאַר דוד׳ן אין שטאָט דאָס בלאָנדע מיידל רחל.

מאָלט דער האַרבסט פאַר זיך אַליין, איז זיין פּנים רויט ווי צונטער,
הירשן לאָזן פריי איצט פון די בערג אין טאָלן זיך אַרונטער.
זיצן אָבל׳דיקע באַלעבאַטים אויף וועראַנדע־שוועלן;
נעמען ביסלאַכווייז פאַרשליסן זיך די טירן פון האָטעלן.

ו

רייטשל וואוינט מיט טאַטע־מאַמען, איז דאָרט שבת אין דער וואָכן,
דוד איז ביי פרעמדע מענטשן אין אַ צימערל אַ שכן.
רייטשל׳ס אומרו שטיקט זיך צווישן ווענט און פענצטער מיט גאַרדינען.
דוד וועבט אים איין אין ראָנדאָס, אין סאָנעטן און טערצינען.

קומען בריוולאַך, קליינע, גרויסע, קלינגען אָפט די טעלעפאָנען, —
הונגעריקע קינדער כאַפּן פון די טעלער, וואָס זיי קאָנען!
בייזערט זיך די מאַמע, ברומט דער טאַטע שטיל פאַרדריסלאַך, —
הונגעריקע קינדער ווערן דאָך ניט זאַט פון בלויזע ביסלאַך!

גרויסשטאָט איז אַ גוטע גוידערדיקע מומע, פעט און בייכיק,
שלעפּט זי הוסטנדיק איר זאַק און אָטעמט שווער און פרייכיק.
גוטע גוידערדיקע מומע וויל די איריקע דאָך ניט צעשיידן,
לאָזט זי איילנדיקע באַנען לויפן דורך די אינגעווייידן.

זעט מען זיך אין אָונט, לויפן שעה'ען, ווי מינוטן.
רייטשל'ס טאַטע־מאַמע וויסן, נאָר זיי טייטשן ניט צום גוטן.
קלאָגט זיך רייטשל: „טאַטע־מאַמע לאַכן אָפּ פון נאָמען דוד".
שמייכלט דוד: — „טאַקע, טאַקע, ס'איז פאַר זיי אַ קנאַפּער כבוד!"

ציען געסלאַך זייטיקע מיט הייזקעס קליינע, שטילע,
דאָ און דאָרט אַ ביימל שוואַרצט זיך, ווי אַ נאָנע אין איר תּפילה.
פלאָפּלט דוד פון אַ יונגנמאַנטשיקל מיט אַ דענטיסט־דיפּלאָמע:
— טאַטע־מאַמע וועלן נאָך אין דיר דערלעבן אַ נחמה.

שמייכלט רייטשל אים אַנטקעגן, ווייזנדיק די ווייסע ציינדלאַך,
דאַכט זיך דוד'ן, אַז פינגער שוועבן אום אויף פּיאַנע־ביינדלאַך.
זינגט דאָס האַרץ, צעזינגען טריט זיך איבער האַרטע טראָטואַרן,
פילט מען שוין ניט ווי מען שפּאַנט אַריין אין רוישיקע ווירוואַרן.

דאָ איז גרויסשטאָט ניט קיין מומע מערער, נאָר אַן אוזורפּאַטאָר,
זיצט אַ שטאָלצער אויף זיין פערד אַן אויסגעכאַליעטער, אַ זאַטער.
וואַרפט מען פייערווערק לכּבוד, קלינגט מען אין די גרויסע טאַצן:
— אונזער הערשער! — קלינגען מיט די גלעקלאַך די פּאַיאַצן.

בייכיק־פּליכוואַטע בירגער פילן אַן מיט אַלדאָס גוטס די זעקלאַך,
שלעפּן זיך דערהנאָך הכנעה'דיק צום אוזורפּאַטאָר מיט די פּעקלאַך.
נעמט ער גרויסמוטיק זיי אָן און שמייכלט, ווי אַ געטשקע צום מזבח,
גייט פון יעדן ווינקל אויף דאָ אַ קרבנות'דיקער ריח.

דאַכט זיך דוד'ן, אַז אים און רייטשל'ען שלעפּט מען אויך אין זעקל,
צווישן אַלע שווערע פּעקלאַך זיינען זיי אויך מער ניט, ווי אַ פּעקל.
באַלד וועט עמיצער אויף זיי אַ רויטן פּייער־פּלאַם צעצינדן,
ער מיט רחל'ען וועלן אינם רויטן פּייער־פּלאַם פאַרשווינדן.

דריקט ער רייטשל'ס האַנט ביז ווייטיק, איילט דער טראָט אַוועק פון דאַנען,—
ערגעצוואו ניט ווייט פון דאַנען, איז אַ רואיק אָרט פאַראַנען,
זייטיק־שטילע געסלאַך, בענק אוןביימער אויף די שמאָלע סקווערן,
גרייכט דער פּייער־פּלאַם אַהין ניט, וועט ער זיי דאָרט ניט פאַרצערן.

קאַפּיטל צוויי

א

ווינטער אָוונט. אין אַ ווינקל פֿונם צימער זינגט דער ראַדיאַטאָר,
גוט איז איצט צו זיצן אין אַ שטול און טראַכטן, אַז מען איז אַן אוויאַטאָר.
טראָגט אַן עראָפּלאַן דיך אין דער הויך אין שיין פֿון דער לבנה,
אָדער גאָר די אויגן לאָזן הענגען איבער אָט דער גרינלאַכער וואַזאָנע,
וואָס באַם אָנגעפּראָרן פֿענצטער מיט די אויסגענייטע ראָזעווע גאַרדינען.
אָבער אָט אַזוינע זאַכן קאָנען קומען בלויז אַזאַ מין יונג, ווי דוד'ן אין זינען.

רייטשל'ס פֿאָטער איז אַ פּראַקטישער, טראַכט פֿון משוגעת אויף ראָז'ן,
וואָס די מאָדע האָט אַהער געבראַכט. זיצט און הערט ניט אויף צו בלאָזן
רעדלאַך רויך פֿון דעם ציגאַר. טונקלען זיך די לאָמפּן,
וואָס אין אַלע ווינקלען פֿונם צימער, ווי די אויסגעפּוצטע גלאָמפּן.
שטייט פֿאַר אים דאָס ניט דערטרונקען טעפּעלע מיט קאַפּע,
און די מוטער ליגט אַנטקעגן אויסגעצויגן אויף דער זאָפֿע,
צערטלט זיך אין פּעניואַר, שפּילט זיך מיט אַ דימענט אויף אַ פֿינגער,
טראַכט מיט אומעט: „מע ווערט עלטער און ניט יונגער!“
פּלוצלונג וועקט איר פּאַפּאַ'ס קול: — וואו איז רייטשל?
ענטפֿערט זי ניט. קוקט ער אויף איר שטערנקנייטשל.
מורמלט: — כ'האָב געמיינט אַ שפּיל, צום סוף איז דאָס גאָר כראָניש.
זיפֿצט די מאַמע. קלאָגט זיך, אַז די טאָכטער איז עקשנ'יש:
— וואָס דאַרפֿסטו מער? זי לערנט זיך דאָך אידיש!
שווייגט דער פּאַפּאַ, נאָר זיין פּנים מיניעט זיך פֿון חידוש:
— אַזוי גאָר? — נעמט ווידער רעדלאַך רויך צו בלאָזן,
רעדט פֿון שאַפֿ און פֿון דעם מאָדנעם משוגעת מיט ראָז'ן:
— מענטשן אין די קליינע ביזנעס וועלן היינטיקס יאָר זיך רואינירן.
ווייסט די מאַמע, אַז ניט דאָס איז אויף זיין האַרצן, העלפֿט זי פֿירן
דעם געשפּרעך — אפשר וועט דערפֿון אים גרינגער ווערן.
פּלוצלינג נעמען פֿונ'ם קאָרידאָר זיך יונגע, לייכטע טריט דערהערן.
רייטשל פֿאַלט אַריין און קושט דעם טאַטן און דער מאַמען:
— ניט געמיינט זיך אַזוי לאַנג היינט צו פֿאַרזאַמען! —

רעדט און לאַכט: — אַ, ס׳אַרא שניי אין דרויסן אָנגעשאָטן! —
זי און דוד האָבן לאַכנדיקע איבער אים געשפּרונגען און געטראָטן, —
און די בלויע אויגן לייכטן מיט אַ בליק אַזאַ דערפרייטן,
גייט די פרייד אויף ווי פון אַ גאָרטן אַ פאַרזייטן.

— טאַכטער, — זאָגט די מאַמע, — האָסט נאָך היינט אין מויל דיינס ניט גענומען!
ציט דער טאַטע דעם ציגאַר און הערט אַ ברוגז׳ער ניט אויף צו ברומען:
— לויפט אַרום אַ גאַנצן אָוונט, ווייסט דער גוטער יאָר מיט וועמען!
חנ׳דלט רייטשל זיך ברוגז: — פּאַפּאַ, כ׳וועל דיך ניט פאַרשעמען!
און דער אויסרוף קלינגט אויף, ווי אַ שווערד צום קאַמף געצויגן,
זעט מען איין, אַז בייזע ווערטער וועלן דאָ צו גאָרניט טויגן.

שפּעטער בליקט די מוטער אויף די דימענט־רינגען
און דער ראַדיאַטאָר הערט ניט אויף דאָס לידעלע צו זינגען.
פּלוצלינג פרעגט זי: טראַכסטו איבערפאַרבן דעם רעזערוו אויף ראָז׳ן?
נאָר דער פּאַפּאַ שווייגט, און ווערט ניט מיד דעם רויך צו בלאָזן,
בלאָזט און קוקט, ווי רעדלאָך קײַלעכדיקע הויבן זיך און דרייען,
דרייען זיך, צעגייען זיך, פּאַמעלאַך אין דער לופטן און פאַרגייען.

שאַרט די שטילקייט זיך אין צימער, ווי אויף מײַזלדיקע פיסלאַך,
פּאַפּאַ׳ס אויגן קוקן שטאַר, נאָר פּנים רינצלט זיך פאַרדריסלאַך:
— דוד... — בלויז דער נאָמען ברענגט צו אים דעם ריח פון זיין שטעטל!
אָט־אָ זעט ער עס. אַן איינגעפאַלנס: ביי דער גרעבליע אויף אַ ברעטל
איז פאַרצייכנט: „עפּעס מער פון הונדערט אידן" — ער איז איינער
פון זיי אַלע —
פּרייטיק באַקט די מאַמע אינם אויוון פרישן ברויט און חלה,
נאָר אינמיטן וואָך איז אָפט קיין שטיקל ברויט שוין ניט פאַראַנען.
טאַטע אויף די דערפער, האַנדלט מיט איוואַנ׳ען און סטעפּאַנ׳ען: —
חזיר־האָר און פעלאַכלאַך, האָניק־וואַקס און הינער, הענער.
גאָט צו דאַנקען. כאָטש אַ פרומער, אָבער גוי׳איש ריידן קען ער.
נו, פאַרדינט זיך אָפט אויף שבת, אָבער זעלטן ווען אויף מאַנטיק,
איז דאָס דחקות אויף די פּנים׳ער ניט איינמאָל קאַנטיק.
שבת אין בית־מדרש לעבן טאַטן אין זיין טלית און עטרה

זאָגט ער איבער זינגענדיק פאַר אים דעם שיעור פון „שור שנגח את הפרה“,
זינגט און שאָקלט זיך געשמאַק, און קראַצט דאָס קעפל דורכן היטל: —
וויפיל האָט ער דאָרט געלעבט? ער חשבונ׳ט אויף די יאָרן—פונקט אַ דריטל!
— דריטל! דריטל! הענגסט מיר ווי אַן הויקער אויף די פּלייצעס.
רייטשל׳ס טאַטע זעצט זיך אויף אַ פור, דער בעל־עגלה נעמט די לייצעס,
מאַמע בליפּעט אויפן קול, דער טאַטע שווייגט און לאָזט אַ טרער אין בערדל:
— פאַר געזונט און שרייב אַ . . . פּלוצלינג ציטערט אויף דאָס דאַרע פערדל,
מאַרק און שטיבער דרייען זיך אוועק און אויס איז מיטן ברעטל.
פערדל טראָגט זיך איבער בריק, און אויס איז מיטן שטעטל.

ב

יענע נאַכט האָט ער שוין אויסגעהערט דעם זייגער אַלע שעה׳ען שלאָגן. —
שיפן איבער שטורעמדיקע ים׳ען האָבן זיך אַן פעלזן אָנגעשלאָגן,
שטייען אויף אַן אינדזל הילפלאָזע, די קוים־געראַטעוועטע פּאַסאַזשירן, —
שיפן דאָ צעשלאָגענע, — ווער־זשע וועט אונז הילפלאָזע צו ברעגן פירן?
ברוויזנדיקע כוואַליעס וואַרפן זיך צום אינדזל, רייסן שטיקער שטיינער:
— מאַמע! רייטשל! אַרום אים איז פּוסטקייט, און ניטאָ איז קיינער.
קראַכנדיקע דונערן צעקייקלען זיך און בליצן, בליצן, בליצן;
— מאַמע! רייטשל! — ער איז פּאַפּאַ, דאַרף ער דאָך באַשיצן.
פּלוצלינג מאַכט ער אויף די אויגן,—זייגער שלאָגט די שעה׳ען מאָנאָטאָנע,—
וואויל איז אים, — ווייב און טאָכטער זייַנען דאָך ניט אין קיין שום סכנה.
מאַמע וועקט זיך, פּרוּווט אַ שלעפעריקע עפּעס צו אים זאָגן
און דערזאָגט ניט, — און דער זייגער הערט נים אויף די שעה׳ען שלאָגן.
טיק־טאַק־טיק.—רייטשל׳ס פּאַפּאַ דרייט זיך אום אַהער, אַהין אויף אַלע זייטן.
אויטאָס יאָגן זיך אין גאַס, לויפט אַן אויטאָ אויף אַ אינגל, אַ פאַרשייטן!
ווידער אָבער עפנט ער די אויגן, — וואָס האָט דען האָט מיט אים געטראָפן?
רואיק איז אין צימער, ווייב איז ביי זיין זייט נאָך פעסטער איינגעשלאָפן,
און אין צווייטן צימער איז אויך רואיק,—שלאָפט די טאָכטער אויך מסתמא:
—גוטע קינדער,—טראַכט ער,—טאָכטערל איז פונקט, ווי איר נאַאיווע מאַמע.
דורכן פענצטער שיינט אַריין דער דרויסנדיקער נאַכט־לאַמטערן,
נעמען אַלטע בילדער אינם ציטנערדיקן שיין אויפגעלעבטע ווערן.

ג

לעמפּעלאַך קאַלירטע בײַ דעם אומבאַקאַנטן ברעג צעווײגן זיך, ווי אויגן,
און אַ נאַכט אַן אומבאַקאַנטע איז אויף אים און שיף פֿאַרצויגן,
ניט קײן האָן־געקריי, נאָר עפּעס פֿרעמדע קולות רעווען, ברומען,
מענטשן שרעקנדיקע, פּונקט ווי ער, וואונדערן זיך: — טאַקע שוין געקומען?
אויף אַ הויכן פּעדעסטאַל אַ גרויסע בראָנזענע נקבה
וואַרפֿט אַ ליכט אויף זײער שיף, ווי די פֿלוצלונגדיקע זון אויף נח׳ס תּיבה.
פֿילט מען, — דופֿט פֿון ערד און ריחות פֿון צעגרינטע שפּראָצן,
שיף ציט רואיק און פּאַמעלאַך זיך אַרײַן אין אויסגעשפּרײטן האַדסאָן.

פֿלוצלינג פֿילט מען — הינטער זיך איז נעכטיק־אַלטער גאָט געשטאָרבן,
נײַער גאָט פֿון אומבאַקאַנטן לאַנד שטרעקט אויס די הענט און וויל אַ קרבן.
שליסט מען ציטעריק די קעסטלאַך אויף, צעעפֿנט מען די פּעקלאַך,
פֿאַלן אויף דעם נײַעם גאָט׳ס מזבח טלית־קטנס און געהעפֿטע תּפֿילין־זעקלאַך.
און דערנאָך, די שבת־יום־טוב׳דיקע טעג, ווי טעג פֿון אײַנדערוואַכן. —
לעדערפּאַסן יאָגן, יאָגן, רעדער לויפֿן, קעסלען זידן אום און קאָכן,
ער איז צווישן זײ, — די הענט און פּנים אײַנגעשמירט, ווי בײַ אַ רוח׳ל,
נאָר פֿון בוזים טראָגט זיך טרײסט פֿון אַ פֿאַרשמאָלצטן ביכל, —
ביכל, ביכעלע, — גרעסער און געדיכטער ווערן דאָרט די ציפֿער,
אָפּטמאָל פֿאַלט אים אײַן, אַז אָט דאָס ביכל איז אַ שפּיצל פֿון לוציפֿער,
דעמאָלט וויגט ער זיך, ווי צווײַגל אין אַ שטורעם, פֿול מיט אימה, —
שד מיט הערנער טאַנצט אום צווישן לעדער־פּאַסן מיט די פֿיס פֿון אַ בהמה.

ד

ציען שעה׳ען זיך נאָך שעה׳ען, דרײט ער זיך אין בעט אויף אַלע זײַטן,
נאָר ווי אויף אַ קינאָ־לײַוונט בילדער הערן זיך ניט אויף צו בײַטן, —
אָט איז ער אַ באָסל שוין פֿון אַ קלײנעם קלײדער־שעפּל,
זיצט בײַ אים אין אָפּיסל אַ מײדל מיט אַ בלאָנד געלאָקטן קעפּל,
זיצט און קלאַפּט אַ גאַנצן טאָג מיט פֿינגער אויף דער שרײַב־מאַשינע;
מערי איז אַמעריקאַניש און זי קוקט אַרונטער אויף די גרינע.
צאַפּלט ער זיך יעדן טאָג אַרום איר, ווי אַ הײמיש, צוגעבונדן הינטל,
טראָגט אַ דימענט צוליב איר און קעמט די האָר זיך מיט אַ שרינטל:

— מערי, אונזער אַפּיס איז אַ קליינער, — זאָגט ער כּלומרשט דיפּלאָמאַטיש.
קוקט אים מערי אָן און קייט דאָס שטיקל „גאָם" אין מויל אַפּאַטיש.
— מערי, זע נאָר ס'אַרא קליידעלע, דאָס האָב איך דיך געהאַט אין זינען
דאַנקט זי קיל און שמייכלט קילער: — נו, צו וואָס אינמיטן דרינען?
נאָר אַז ער האָט שפּעטער זיך אין גרויסן שאַפּ אַריינגעצויגן,
האָט זי ביסלאַכווייז גענומען גלעטן אים מיט אירע בלויע אויגן:
— מיסטער ראָמי,—זאָגט זי אַפּט,—אייער ענגליש בעסערט זיך צוביסלאַך.
הערט ער און פאַרשטייט און... קוקט דערביי אויף אירע שלאַנקע פּיסלאַך.
— מיסטער ראָמי, — שמייכלט זי,—איר האַלט זיך אַזוי עכט־אַמעריקאַניש.
הערט ער און פאַרשטייט... און פּילט, ווי עפּעס זידט אין אים וואולקאַניש.
איינמאָל האָט ער זי געפירט אַהיים און האָט איר וואָס געזאָגט און זיך
דערביי געשוואָרן:
— מערי... מערי... — מערי איז אויף מאָרגן מיסעס ראָמי שוין געוואָרן.
און דערנאָך? נו, יאָ, וואָס איז געווען דערנאָך? — טעג ווי
זשומענדיקע בינען, —
אָט אין אָפּיס, אָט אין שאַפּ אַרום די רוישיקע מאַשינען
און אין אָוונט? — מערי ליגט אָן אויסגעבלייכטע אויף דער ווייכער סאָפע.
ער ביים טיש אַליין, פאַרענדיקט שנעל דאָס עסן, זופּנדיק די קאַפע:
— מערי, וואָס־זשע איז דיר? — מערי פּילט זיך מיד און שווערלאַך,
נאָר דער דאָקטאָר שמייכלט: — גאָרנישט... גאָרנישט... ניט געפערלאַך...

בלייבט זיך ציטערדיקער שיין אין צימער פונם דרויסנדיקן נאַכטלאַמטערן.
בילדער שטאַרבן אָפּ און נייע בילדער נעמען זיך פאַר אים געבערן.
דריבנער רויש אין דרויסן, פאַר זיין הויז בלייבט שטיין אַ וואָגן,
קלינגען פלעשער, — מילך אודאי... זייגער האָט שוין פיר געשלאָגן.
ווידער, אָבער שליסט און עפנט מיסטער ראָמי זיינע אויגנדעקלאַך. —
רייטשל יאָגט זיך אום אין הויז, עס ציטערן אויף איר די בלאָנדע לעקלאַך,
רייטשל מאָזלט, רייטשל פּאָקט און רייטשל האָט די שקאַרלעטינע.
מערי בייזערט זיך און רופט זיין אַלטער מאַמען: „גרינע",
נעמען צוליב דעם זיך וואָלקנדלאַך אין הויז גאַנץ אָפט צעהענגען,
פאַלט אים איין, אַז אפשר ניט געדאַרפט די מאַמען פונם שטעטל ברענגען,
אָבער רייטשל האָט די באָבען ליב, זי רעדט מיט איר אויף אידיש אַזוי קאָמיש.
וויגט זיך אום דאָס אידיש וואָרט אין הויז אַזוי נקמה'יש, —

איצט איז זי ניטאָ, די מאַמע זיינע, רייטשל'ס „גרענדמאַ", מערער,
טראַכט ער ווען אַמאָל פון איר, וואַקסט איר פּנים אויס קלאָר און קלערער.

—מאַמע,—נעמט ער פּלאַפּלען,—וויפיל יאָרן אַז דו ביסט אַוועק פון דאַנען?
שמייכלט מאַמע: — „ערגיץ איז, מיין קינד, אַ וועלדערלע פאַראַנען".
אַט אַזוי אַ פלעגט די „גרענדמאַ" רייטשל'ען מעשה'לאַך דערציילן.
רייטשל גלאָצט די בלויע אויגלאַך, שפּאַנט מיט באָבען איבער היילן, —
וואָלקעלאַקלאַך מאַכן קונצן און אַ ריז מיט זיבן פייערדיקע אויגן.
מערי'ס פּנים קנייטשט זיך און אַ וואָלקן ווערט אין ישטוב פאַרצויגן.
— מאַמאַ, — בעט ער זיך ביי איר, — שוין צייט דעם קינד אין בעטל,
אָבער רייטשל קרימט זיך, זי וויל הערן פונם פּיפּערנאָטער און דעם שרעטל.
קוקט אַ שולדיקע די אַלטע זיך מיט אים און מערי'ן איבער:
— וואָס־זשע זאָל מען פּאַרט טאָן מיט דער קליינער רייטשעלע'ן, דער ליבער?
וויגט דער אַלטער'ס קול זיך ווייטער און אויך ער און מערי נעמען הערן,
נעמט דער וואָלקן אין דער לופטן בּיסלאַכווייז פאַרשוואונדן ווערן.

דרויסנדיקער נאַכט־לאַמטערן איז פּאַרלאָשן אומבאַמערקט געוואָרן,
פון אַ שכנ'יש הויז לאָזט אַן אויטאָ הערן דעם מאָטאָר און האָרן,
און דער זייגער:—טיק און טאַק, באַלד וועט זיך צעגרויען שוין דער מאָרגן.
מיסטער ראַמי דרייט זיך מיד אין בעט און פּרוּוועט אין קישן קאָפּ פאַרבאָרגן,
נאָר דער שלאָף איז היינט פון אים אין אַזאַ ווייטן לאַנד אַוועקגעריטן,
אומרו האָט זיך מיט דער רו היינט אין זיין האַרצן פּלעצער אויסגעביטן.
ליגט ער און ער טראַכט: — היינט האָט דער מאָטאָר זיך אָפּגעשטעלט
אין שאַפּ אינמיטן דרינען, —
גוט איז נאָך, וואָס מענטשן אַרבעטן אויף שטיק,—און פּלוצלינג אויפן זינען
קומט אים דוד: — ווער איז דוד? רייטשל זאָגט, ער איז אַ דיכטער. —
איינמאָל האָט ער אַזאַ יונג מיט אַ טשופרינע אַ געדיכטער,
ברייטן שניפּס און שיך צעקרימטע אויף אַ בילד פון וויצבלאַט אָנגעטראָפן,
איז קיין חידוש ניט, וואָס ער איז היינט אַ גאַנצע נאַכט ניט איינגעשלאָפן:
רייטשל איז זיין אויג אין קאָפּ, און קאָן ער זי אַזוינעם אָנפאַרטרויען?
מיסטער ראַמי ליגט און טראַכט, און מאָרגן נעמט זיך דורך אַ שויב צעגרויען.

יענעם מאָרגן איז אין הויז דער פרישטיק שווייגנדיק אַריבער.
רייטשל'ס פּנים בלויז געווען איז אַזאַ שיינענדיקער, און אַ ליבער.

זונשיין האָט זיך אומגעשפּילט אויף די כינעזיש דינע טעלער,
רייטשל׳ס העלע אויגן האָבן אין דער מאָרגנזון געשיינט נאָך העלער,
נאָר דער פּאָטער האָט געגעסן שווייגנדיק און זיך געבלאָזן,
מאַמע האָט געפּרואווט אַ רעד טאָן וועגן אומגליק מיט ראָזען,
און דערביי צעזיפצלט זיך: — „קליינע שעפער וועט עס רואינירן"...
נאָר דער פּאַפּאַ האָט זיך אין אַ שמועס ניט געלאָזט פאַרפירן.
דינסט אין ווייסן פאַרטוכל האָט שווייגנדיק פון טיש פאַרנומען,
פּאַפּאַ האָט זיך אויפגעהויבן און דעם ראָק און הוט גענומען,
נאָר ביים שוועל געבליבן שטיין, ווי ער וואָלט זיך אָן וואָס דערמאָנען,
און פלוצלינג זאָגט ער: — טאָכטער, ווען וועסטו באַקאָנען
טאַטע־מאַמע מיט . . . — און רייטשל׳ס בלויע אויגן ווערן בלויער.
פלוצלינג ווערט איר קלאָר דעם טאַטנס אומרו, טאַטנס טרויער:
— פּאַפּאַ, זע, דער קאָלנער פון דיין אויבער־ראָק האָט זיך פאַרבויגן.
מאַמע קוקט אויףביידן מיט אַ מאָדנעם גלאַנץ אין אירע אויגן:
— וואָס־זשע איז אַזוינס מיט אייך דאָ ערשט געשען?
רייטשל לאַכט און צערטלט טאַטע־מאַמען:—איר וועט זען! איר וועט זען!

קאַפּיטל דרײַ

מאָרגנזון אויף דוד'ס טיש און מאָרגנדיק קוקט אױס אויך דוד,
כאָטש ער האָט שוין הײַנט פֿרימאָרגן בײַ זײַן צײַטונג־אַרבעט גע'מחשבה'ט
וועגן נײַעם פּאָליצמײַסטער, וואָס וועט באַלד דעם אַלטנס פּלאַץ פֿאַרנעמען;
דוד בלאָזט זיך: „אַז פֿאַר מײַנע קלײנע לידער און פּאָעמען
וויל מען מיר קײן וואַרעם בעט ניט געבן און קײן ברויט קײן שטיקל,
ווער איך אַ פּאַיאַץ און טענצל טענצלאַך אויף אַ שטריקל.“

זונשײַן אויפֿן טישל, דוד זעט פֿאַר זײַנע אויגן דעם רעדאַקטאָר, —
ברילן אויף דער נאָז און אויגן נערוועזע און זשוואַווע, ווי בײַ אַ קאָנטראַקטאָר
פֿון אַ קלײנעם קלײדער־שאַפּ. נאָדלען און מאַשינען יאָגן זיך,
ווי זאַמד אין וויכער,
און די בליקן זײַנע מאָנען בײַ די פּאָרלײַט: — גיכער, גיכער, גיכער!
דוד טראַכט זיך: — גוט איז כאָטש, וואָס ער האָט דאָרט קײן דעסקל
ניט געקראָגן,
פֿילט ער ניט רעדאַקטאָר'ס בײַטש אויף זיך און איז דאָרט נישט
קײן פֿערד אין וואָגן.
צוויי אַרטיקלען דורך דער וואָך: צי וועגן פּאָליצמײַסטער אָדער
וועגן גאַנגסטערס...
און דערנאָך איז ער אַ דיכטער בלויז, אַ דיכטער און ניט מערער.

זונשײַן דורכן פֿענצטער. דוד זעט איר, שמײכלט ער צו איר אַפּאָלאָגעטיש:
— וואַרעם בעט און ברויט, — צי בין איך שולדיק, וואָס זײ זײַנען אויך
בײַ מיר אַ פֿעטיש?
הערט די זון און שמײכלט זיך פֿאַנאַנדער מיט אַ בינטל שטראַלן,
פּלוצלינג פֿילט ער, ווי אַן אויפֿגעוואַכטער כעס נעמט אים באַפֿאַלן:
— צײַטונגס־אַרבעט? נו, איז וואָס־זשע? — רעדער דרײען זיך און לויפֿן,
ער איז אויך ניט מערער, ווי אַ ראָד אַרײַנגעדרײט אויף שרויפֿן,
מענטשן ווילן צײַטונגען, נו ווערן זײ, ווי שיך פֿאַר דעם געברויך באַשאַפֿן.
און צי איז דען ניט די צײַטונג אין אַ גוטגעמײנטע האַנט אַמאָל אַ וואָפֿן?

— גוטגעמיינטע האַנט? דוד קוקט אויף זיינער, וואָס האָט ערשט געשריבן.
— האָט זי גוט געמיינט? צי איז זי פון רעדאַקטאָר'ס האַנט געטריבן?
מילא, נו. דעם לייענער ווילט זיך דוקא וויסן וועגן פּאָליצמייסטער. —
לייענער? ווער איז ער? ווי קוקט ער אויס? ווי הייסט ער?

אויפן טיש זיין בוך פּאָעמען. דוד נעמט עס און ער מישט די בלעטער,—
אין דער מיט פון רוישנדיקער שטאָט שפּאַנט אַ מענטש און רעדט. —
צו וועמען רעדט ער?
גרויסע רוישנדיקע שטאָט איז אין געאייל.—ווער קאָן זי דען אַריבערשרייען!
און אַריבעריאָגן! מענטשן זיפּן אויס די זעמל-מעל און לאָזן
אין דער זיפּ די קלייען,
אָבער לויטער וואָרט פון דיכטער בלאָנדזשעט אום אין מאַרק-געטומל
אַ פאַרלוירנס.
דוד צערטלט שטיל זיין בוך און דאָס לעבן קומט אים אויס, ווי אַשטיקל
טייג צעווירנס,
ליגט און וואַרט אין מולטער אויף די הענט, וואָס זאָלן קנעטן, איבערקנעטן,
און ווער־זשע זיינען אָט די איבערקנעטער, אויב ניט טרוימער און פּאָעטן?

זונשיין דורכן פענצטער. גילדן אויפן טיש זיך אום די צאַפּלענדיקע שטראַלן.
דוד בלעטערט נייגעריק די זייטן פון די ערשט־דערהאַלטענע זשורנאַלן: —
ווייטע אומבאַקאַנטע מענטשן, און דאָך נאָענטע, ווי ברידער.
— וואָס־זשע טוען אָט די ברידער אויסער זייער דיכטן שיינע לידער?
קעלנערן זיי אונטער, פונקט ווי ער, דורך זומערדיקע טעג אין בערג־האָטעלן?
נעמען זיי, ווי ער, אין ווינטערדיקע טעג פון אַ רעדאַקטאָר'ס מוילן באַפעלן?
און אויך דאָ, — אַ וויפיל פּנימ'ער ביים האָדסאָן און יעדערער באַזונדער
איבער גאָר דער ערד, ביי אַלע ברעגן שפּראָצן זיי, ווי העלע וואונדער.

ער ביים האָדסאָן? דוד זעט די הויכע מויערן ביי האָדסאָנ'ס ביידע זייטן,
שניידן רעוועגדיקע שיפן זיינע וואַסערן, — שיפן פון די ווייטע־ווייטן,
מישט זיך שיפגעברום מיט טומל פון ניויאָרקער אויבער און די אונטערבאַנען,—
זאַפּט ער איין דעם רויש אין זיך און לייטערט אים. נאָר הערט אים
עמיצער פון דאַנען?

דוד שמײכלט: רײטשל קומט אים אויפן זינען, פילט ער איבער זיך
דעם גלעט פון פינגער, —
דינע, לאַנגע פינגער פון אַ מײדל װעקן לידער אויף און האַרץ פון זינגער,
זינגט זײן האַרץ אויף און פאַר זײנע אויגן װאַקסט אים אויס זײן טאַטע,
דער בעל־תפילה, —
גאָר קײן קול ניט, נאָר אין בית־המדרש דאַװנט ער פאַר אידן פילע:
— קדוש, קדוש, — זינגט זײן טאַטע מיט התלהבות בײ דעם עמוד.
— קדוש, קדוש, קדוש, — זינגט די גאַנצע עדה און עס זינגט אויך
דער נר־תמיד.

אָבער ער? פאַר װעמען זינגט ער דאָ זײן ליד בײם ברעג פון דעם
נויאָרקער האָדסן? —
פון אַ פרעמדער ערד האָט װינט אַ יאָג געטאָן אַהער מיט זאָמען
און מיט שפּראָצן,
איז די ערד אַ האַרטע, קאָנען זײ זיך ניט פאַרװאָרצלען און געדײען,
רײסט מען האַרטע ערד מיט צײן און נעגל, װײל מען מוז דאָך
פאָרט פאַרזײען, —
ער איז אײנער פון די אַקערער! ער איז אײנער פון די זײער! —
זון איז זון, װי דאָרט אויך דאָ, און װינט, — דער אײביק־פאָכנדיקער װײער,
װײט אויך דאָ, — נו ברענגט ער װאָלקנס, נעצט די ערד זיך דורך מיט רעגן.
פלוצלינג, זע אַ נס, — עס גײען שפּראָצן אויף אויך דאָ צום אויג אַנטקעגן.
דוד'ס האַרץ האָט אויפגעזונגען, און זינגענדיק איז פלינק די פען געלאָפן.
דרויסן איז די גרויסע שטאָט נויאָרק אײלנדיק מיט אימפּעט אומגעלאָפן
הער און הין, נאָר דוד האָט געװאוסט, אַז אויך אין אימפּעטיקן לויפן
װעט זיך דאָ און דאָרט אַ מענטש אַ קער טאָן און צום שײער'ס טיר דערלויפן:
— עפּעס נויטיק? קען איך מיט מײן האַנט אויך העלפן שײער
אונזערן פאַרפולן?
דוד שמײכלט, אויפן זינען קומען אים די אידישע נאָכמיטיק־שולן.
איבער זײ די פרעמדקײט מיט אַן אָפן מויל פון אַ פאַרצערער.
נאָר, װי שומרים אַרום זײ, די טאַטע־מאַמעס און די עקשנות'דיקע לערער.—
װער־זשע זײנען זײ, אויב ניט די זײער הײליקע, די אײנגעשפּאַרטע —
בליט, װי דורך אַ נס אויף האַרטסטער שטעקן, װאַקסן פרוכטן אויף די
ריטלאַך אויסגעדאַרטע.
זונשײן דורכן פענצטער. דוד שמײכלט צו דעם גרויסן װאונדער, —
ער איז אויך מיט זײ און, פונקט װי זײ, איז ער פאַר זיך באַזונדער.

יענעם מאָרגן איז ווי שטענדיק דוד ביי זיין טיש נאָך לאַנג פאַרבליבן. —
אויף אַ גרין באַגראָזטן באַרג האָט רייטשל בלימעלאַך געקליבן,
און אַ שמייכלענדיקע, זיי צום פּנים זיינעם צוגעטראָגן.
זון האָט גילדיקער אויף אירע בלאָנדע האָר זיך אָפּגעשלאָגן:
— רייטשל, וואָס־זשע איז עס, וואָס עס זינגט אַזוי פון דיינע גלידער?
דיינע פּיס, ווי ביי אַ הירשן און די הענט... אָ, ליד פון מיינע לידער! —
טאַטע־מאַמע אומרואיק, וואָס טאָכטער האָט זיך אויף אַ פרעמדן וועג
פאַרנומען, —
פרעמדער וועג? דוד טראַכט: אַ יונג, ווי ער, מוז זיין פאַר זיי,
ווי ריצנאַייל צום גומען.
אויפן טיש אַן איינלאַדונג אויף היינט נאָכמיטיק, צערטלט ער דאָס דין
קאָנווערטל,
קוקט אויף דעם, און פלוצלונג וועקט אַן אומרו: —
אַ שעה בלויז מיט אַ פּערטל!
באַלד וועט ער אַ קלונג טאָן, — די טיר? ער קען זי פון די אונטשטונדן.
וויפיל איז ער דאָרט געשטאַנען, — שטונדן זיינען, ווי די רגע׳ס דאָרט
פאַרשוואונדן.

קאפיטל פיר

ווי אזוי די ראַמיס האָבן אויפגענומען דוד'ן איז איצט ניט וויכטיק. שפּעטער האָבן זיי גאַנץ אָפּט גערעדט, אַז אינם הויז ווערט ליכטיק יעדעס מאָל, ווען זייער דוד שפּאַנט די שוועל אַריבער.
רייטשל'ס האַרץ האָט אומגעפּלאַטערט, ווי האַרץ אין הויכן גראַד פון פיבער.
— מאַמע, דוד קומט אויף מיטיק, — און די בלויע אויגן אירע גלאַנצן, פּלוצלינג כאַפּט זי מאַמען און צו דער מוזיק פון ראַדיאָ נעמען טאַנצן, מאַמע מיט דער טאָכטער, —ביידע יונגע, בלאָנדע. — שמייכלט טאַטע, פילט זיך אינם הויז אַ וויכקייט, ווי מען וואָלט געשפּאַנט אויף וואַטע.

זונטיק. שאַפּ איז צוגעמאַכט. קאָן מען רואיק אינם הויז פאַרבלייבן. שפּעטער פאָרן אויטאָס צו, עס נעמען געסט פון דער משפחה זיך פאַרקלייבן.
קושט מען און מען גריסט זיך: האַלאָ אָנקל, האַלאָ טאַנטע. —
זעצט מען זיך אין גרויסן זאַל אויס און מען שמועסט פון באַקאַנטע און פון וועטער. קומט די דינסט, פּינקלט ווייַן אויף אין אַ פלעשל.
אָנקל אייזיק שלעפּט פון בוזים-טאַש אַרויס אַ קאָרטנטעשל,
שמייכלט מיסטער ראַמי: — ניין, היינט וועט קיינער דאָ ניט שפּילן.
וואַרפט אים רייטשל צו מיט בליק: אַ שיינעם דאַנק אַ שטילן, —
רייטשל פילט, אַז פּאַפּאַ האָט דוד'ן אין זין און בלויז פאַר זיינעט וועגן זאָגט ער אָפּ זיך פונם „פּויקער". ווערט ער איצט איר אַזוי אייגן:
— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, — נעמט זי צערטלאַך פּלאַפּלען גאָר אינמיטן דרינען, פּרואווט פאַר זיין פאַרלאַשענעם ציגאַר אַ שוועבעלע געפינען.
און אַז רעדלאַך רויך צעדרייען זיך שוין אין דער לופט פון טאַטנס ליפּן, טרעט זי אַלץ ניט אָפּ, קושט זיין באַק, פּרואווט זיין שניפּס פאַרקניפּן, זעט עס מאַמע, שמייכלט זי מיט אירע געסט זיך איבער, —
— נו, וואָס זאָגט איר ניט צו אונזער רייטשעלע'ן, דער ליבער?

פּלוצלינג גלייכט זיך רייטשל אויס: גלעקל האָט זיך ביי דער טיר צעקלונגען. שוין ניט איינמאָל האָט איר האַרץ פון אָט דעם גלעקל-קלאַנג אויפגעקלונגען. איצטער פּאַסט ניט. געסט אין הויז, נו מוז מען דאָך זיין האַלטן באַלעבאַטיש. גייט זי כלומרשט רואיק צו דער טיר, אַנטשולדיקט זיך פאַר יעדן דיפּלאָמאַטיש.

אָבער אירע אויגן אויפגעשיינטע האָבן דאָך פאַר קיינעם גאָרניט אויסבאַהאַלטן.
און ווען זי קערט זיך אום מיט דוד'ן, איז איר שווערלאָך זיך צו האַלטן.
טאַטע־מאַמע קומען שנעל צו־הילף: דוד, — רייטשל'ס אַ באַקאַנטער, —
שטעלן זיי אים פאָר. דוד נויגט זיך העפלאַך, ווי עס נויגט זיך אַ געזאַנדטער,
וואָס פאַרטרעט מיט זיך אַ פאָלק פון אַ גאַנטע מעכטיקע מדינה.
מיסטער ראָמי טראַכט, אַז גוט איז כאָטש, וואָס דוד האָט ניט קיין טשאָפּרינע,
ווי דער דיכטער, וואָס איז אָפּטמאָל אויסגעמאָלן אינם וויצנבלעטל.
ווייבער סוד'ען זיך און שמייכלען. טאַנטע נעטי סוד'עט זיך מיט טאַנטע עטל:
— זע, ווי שיין און שלאַנק... נאָר קבצנים זיינען זיי, די שרייבער...
מיסטער ראָמי כאַפּט עס אויף און שמייכלט: — ווייבער בלייבן ווייבער!

שפּעטער אַרום טיש צעוואַקסט דער חידוש זיך ביי יעדערן נאָך גרעסער.
דוד האַלט זיך ווירדיק, ווייסט ווי אָנצוגיין מיט גאָפּל־מעסער,
כאָטש זיין שפּראַך איז מאַמע־לשון. און נאָך גרעסער איז דער חידוש,
וואָס אויך רייטשל ביי זיין זייט הערט ניט אויף צו ריידן אידיש.
— וואָס־זשע, זיינען מיר אין יוראָפּ? — פרעגט אַ טאַנטע האַלב־איראָניש.
דוד וואַרפט אויף איר אַ שמייכל, אָבער רייטשל ענטפערט אָפּ לאַקאָניש:
— אידיש איז די שפּראַך פון אידן! —
אָנקל אייזיק הויבט אָן, ווי אַ סאַמאָוואַר צו זידן,
אַז די קאָמוניסטן און די אידישיסטן
וועלן נאָך אַמאָל די גאַנצע וועלט צעשטערן און פאַרוויסטן.
קוקט אים מיסעס ראָמי אָן פאַרוואונדערט: —וואָס־זשע, דוד אַ צעשטערער?
לאַכט דער אָנקל אייזיק און ער זאָגט אַ וואָרט ניט מערער.

איינמאָל איז ביי מיטיק אויך געווען דער ראַבאַי כינקאָוו,
פון דער „קאָנגרעגיישאָן אנשי יאַרמאָלינקאָוו“.
ראַבאַי כינקאָוו מיט די וואָנצעס און דעם בערדל ווי אַ קאָמעץ
זיפצלט, וואָס אין רוסלאַנד מוזן פּסח פרומע אידן עסן חמץ.
פרואווט זיך מיסטער ראָמי וויצלען: „נו, און חמץ איז פאַראַנען?“
קאָכט זיך ראַבאַי כינקאָוו, וואָס די פירער האָבן נישט פאַרשטאַנען
אַז דאָס רוסיש פאָלק איז גראָב און צו קיין פרייהייט ניט דערוואָקסן.
לייגט דער אָנקל אייזיק צו: אַ לאַנד פון פויערים און אָקסן,
ווילן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט די גאולה ברענגען.

נעמען איבער פּנים׳ער זיך וואָלקנדלאַך צעהענגען.
נאָר דער שווערסטער וואָלקן הענגט אויף דוד׳ן, — טראַכט, אַז ווי אַ גולם,
זיצט ער דאָ אָפּ יעדן זונטיק צווישן אָט דעם עולם.
פילט עס רייטשל, נעמט זי אים אַריבער שיקן
בלויע ליכטיקייט פון אירע שמייכלענדיקע בליקן.
שײַנט די זון אויף דורך די פענצטער העל און העלער.
שפּילט אַ שטראַל אויף איבער גלעזער און כינעזיש דינע טעלער.

ראַבאַי כינקאָוו רעדט מיט פּאַטאָס פון אַמעריקע:
— דאָ האָט יעדערער אַ "טשענס„ און יעדער קריגט דאָ דאָס געהעריקע.
האָט דען „לאָיער" מיטשל ניט געאַרבעט אין אַ שאַפּ פון אײַזן?
שאָקלען טאַנטעס מיט די קעפּ, און אָנקל אײַזיק נעמט באַווײַזן,
אַז די קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און די אידישיסטן
וועלן גאַנץ אַמעריקע פאַרוויסטן.
קאָן שוין מיסטער ראָמי ניט פאַרליידן און ער שלאָגט אים איבער:
— קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן — מילא, אָבער אידישיסטן, אָנקל ליבער?
ראַבאַי כינקאָוו איז מיט אָנקל אײַזיק אויך ניט מסכים גאָר אינגאַנצן,
רעדט פון „דזשודאַאיזם" און פון „קאָלטשור" און די אויגן זײַנע גלאַנצן:
— „זשאַרזאָן" האָט קיין סך ניט אויפגעטאָן, אָבער פאַר די ווײַבער
און דעם פּראָסטן עולם האָבן עפּעס דאָך געטאָן די „זשאַרגאָן" שרײַבער.
איצטער אָבער,—זיפצט דער ראַבאַי,—ווילן זיי די „שפּראַכע פון די אָבות
אויף „זשאַרגאָן" פאַרבײַטן.—שמייכלט דוד און פרעגט אים אויף קאַטאָוועס:
הלמאי האָט ראַבאַי כינקאָוו שטריימל אויף אַ קאַפּעליוש פאַרביטן.
האָט די פראַגע, אַ געלעכטער אין דער לופט אַרײַנגעשניטן.
דער ראַבאַי רויטלט זיך: — אַ שטריימל איז דאָך ניט אַמעריקאַניש.
רעגט זיך דוד און ער רעדט שוין איצט מיט פּאַטאָס און וואולקאַניש.
מישט זיך ראָמי שוין אַרײַן, און „אידיש" ווערט ביים טיש די טעמע.
פלוצלינג שלאָגט זיי רייטשל איבער: — דוד האָט דאָך וועגן „אידיש"
אַ פּאָעמע.
שמייכלט ראַבאַי כינקאָוו גלעטנדיק דאָס בערדל:—יעס? נו, זאָל ער לייענען.
זאָגט זיך דוד אָפּ: — ראַבאַי כינקאָוו וועט זי סיי־ווי־סיי פאַרניינען.
ווערט שוין ראַבאַי כינקאָוו ערנסט: „פאַרניינען וועט ער בלויז די שפּראַכע,
אָבער ניט די דיכטונג. גוטע פּאָעזי איז גאָר אַן אַנדער זאַכע,

ער אליין האט איינגלוויז געדיכטעט, נו פארשטייט זיך, אויף העברייאיש.
איצטער דיכטעט ער נישט מערער, ניט דער קאפ דערבײַ, דערצו
איז ער נערוויאיש."
מיסטער ראמי לייגט אויך צו א ווארט: — לייען טאקע וואס אונז איבער.
און די מיסעס ראמי גלעט מיט אירע בלויע אויגן אים פון קעגנאיבער.
טראכט זיך דוד: — מאדנע מענטשן, אידישע און דאך ניט אייגן.
פלוצלינג פילט ער רייטשל'ס בליק: —א דייווי, לייען־זשע פאר מיינעטוועגן!
דאכט זיך אים: א זונשטראל האט דורך גרויען טאג זיך דורכגעשניטן.
עפנט זיך זיין מויל און שורות גייען אויף, ווי יונגע בליטן.

דוד האט געענדיקט און א בראווא פאטשעריי האט זיך צעשאטן.
מיסטער ראמי האט אים א ציגאר גאר פריינטלאך אנגעבאטן.
אנקל אייזיק האט א שמייכלענדיקער אנגעקוקט דעם ראבאי בינקאוו,
און געזאגט: אזא אידיש האט ער ניט געהערט אפילו אויך
אין יארמאלינקאוו.
מיסעס ראמי האט באמערקט, אז דוד מוז דאך דורשטיק זיין אודאי,
און דער ראבאי בינקאוו האט גאר איידל זיך צעזיפצלט: „שאדע, שאדע,
וואס אזא מין „דזשיניוס" דיכטעט אויף דער „זשארגאן" שפראכע,
און דערבײַ גלייך צוגעגעבן, אז „העברייאיש איז אן אנדער זאכע".

יענעם זונטיק האבן זיך פאר דוד'ן די שעה'ן לאנג געצויגן.
ראבאי בינקאוו האט ניט אויפגעהערט אים מעסטן מיט די אויגן,
און דערבײַ מיט מיסטער ראמי'ן זיך פון צייט צו צייט גע'סוד'עט.
מיסטער ראמי האט פארטראכט אויף יא דעם קאפ געהוידעט,
און דערבײַ אויף דוד'ן און רייטשל'ען אלע ווײַלע אנגעשטעלט די בליקן.
דוד האט דערפילט א שווערקייט, ווי עמיצער וואלט אים גענומען שטיקן.
גוט איז, וואס אין אט דער זעלבער רגע איז דער מיסעס ראמי איינגעפאלן
סערווירן קאפע אין אן אנדער צימער. דורך די פענצטער האבן שוין
ניט מער קיין שטראלן
דורכגעלויכטן. ווינטערדיקער טאג האט געגרויט זיך דורך די שויבן.
בענקלאך האבן זיך צערוקט און מען האט זיך פויל געהויבן,
און נאך פוילער זיך געלאזט אין צווייטן צימער שפאנען:
— רייטשל, — האט דוד שטיל א רוף געטאן, און רייטשל האט פארשטאנען

און געענטפֿערט מיט אַ בליק אַזאַ און חנ'עוודיקן קנײטשל מיט די ברעמען,
וואָס אַ פֿאַרליבטער בלויז קאָן אויפֿכאַפּן, פֿאַרשטײן און באַלד באַנעמען.

אינם צווייטן צימער בײַ דער קאַפֿע האָט מען זיך צערעדט פֿון „מעות חיטים",
וואָס איז בײַ די „אַנשי יאַרמאָלינקאָוו" שוין אַ מנהג, און זי היט אים
אָפּ פֿון יאָרן. ראַבאַי כינקאָוו איז דער פּרעזידענט און מיסטער ראָמי —
דער קאַסירער.
טרינקט מען שמעקנדיקע קאַפֿע און מען רעדט פֿון די מאַרטירער,
וואָס האָבן אונטער דער סאָוועט־רעגירונג האָב און גוטס פֿאַרלאָרן.
אָנקל אײַזיק ווײַצלט זיך, אַז טראָצקי האָט די באַלעבאַטים אָפּגעשאָרן,
ווי דער שערער שערט די שאָף. שמייכלט מען, טרינקענדיק די קאַפֿע.
מיסעס ראָמי און די טאַנטעס אויף דער קעגנאיבערדיקער זאָפֿע
פּלאַנעווען אַ „ברידזש־געים", וואָס זאָל עפּעס פֿאַר די מעות חיטים ברענגען.
און די מענער פּלאַנעווען וואָס אַנדערש, נעמען זיך אײַן לופֿט צעהענגען
וואָלקנדלעך מיט רויך, ווי דינע ייִדענע גאַרדינען פֿון דופּטיקע ציגאַרן.
באַמערקט מען ניט, ווי רייטשל ווינקט צו דוד'ן פֿון צימער זיך אַרויסצושאַרן.

דורך די גרויסע „פֿאַרלאָר" פֿענצטער קוקט אַרײַן דער שפּעטלאַכער נאָכמיטיק.
אויף דעם ווײַכן טעפּיך צאַפּלען זיך צוויי בײַמלעך גרין און צוויטיק.
רייטשל שפּאַרט איר בלאָנד געשוירן קעפּל אָן אויף דוד'ס שולטער:
— דײַווי. — גלעט איר דוד און ער קושט איר, ווי אַ קושער אַ געשולטער.
שפּעטער בײַ דער פּיאַנע, צאַפּלען זיך פֿון אונטער אירע פֿינגער אויף די גאַמען.
דוד טראַכט פֿון בריוו, וואָס ער האָט ניט לאַנג געקראָגן פֿון דער מאַמען: —
פֿעדערן געפּליקטע וואַרטן שוין אין דער היים פֿאַר קישנס אָנגעגרייטע.
מאַמע וועט זיי שיקן, ווען זי וועט דערהערן בלויז די בשורה די דערפֿרייטע. —
דוד שמייכלט: פֿעדערן פֿון גענדז. — רייטשל שפּילט אַ בעטהאָווען סאָנאַטע,
וואַקסט פֿאַר דוד'ן אַרויס אַ לאָנקע, ווײַסע גענדז און בריסטן שיקסעוואַטע.

קאפיטל פינף

שרייבעריש קאפעהויז! ווער האט שוין אין דיינע שויבן
שטיינער ניט געווארפן? פרעמדע, קומען זיי און קלויבן
איבערבלייבאכצן, וואס פאלן רחבות׳דיק פון דיינע טישן,
אבער בוימל לאזט פון וואסער קיינמאל דאך זיך ניט צעמישן.
דוד איז אין קאפעהויז דורך יארן שעה׳ענווייז געזעסן,
איצטער קאן ער אט די שעה׳ען ניט פארגעסן.
טעג, ווי דריבלדיקער רויש פון איילנדיקע שטעפ־מאשינען.
אוונטן, ווי זאטע קעפסבווייבער אין בעטן, אונטער באלדאכינען.
פילט זיך דוד שווער פון פעטקייט, וואס צעוואקסט זיך איבער זיינע גלידער.
אפטמאל רייסן זיך פארביי זיין אויער ניט געבערטע לידער:
— דוד, זינג פון רוקנס איינגעבויגענע ביי רושיקע מאשינען!
— דוד, זינג דאס ליד פון סטייעס זשומענדיקע בינען,
וואס זאמלען האניק אין די בינשטאקן פאר פרעמדע וועגן.
הערט אוים דוד און... פלוצלינג שמייכלט אים דער שווער אנטקעגן:
— דוד, סוחרים אינם מוסטער־צימער. — יונגע בויגיקע מאדעלן
בייטן זייד און סאמעט אויף די לייבער און באמיען זיך אליין אויך צו געפעלן
מיט דינע אויגנלענצלאך און די אויסגעטאקטע טאליעס:
— דוד, זינג פון לייב געקויפטן און פון ווילדע וואקכאנאליעס!
אבער גארנישט ווערט פון דוד׳ס מידן הארץ געבוירן.
כישוף׳דיקע דלילה האט אים מיט א גילדן שערעלע די לאקן אפגעשוירן,
איז ער מאכטלאז, ווי א גבור הענט און פים געבונדן.
פלוצלינג ווערט פאר זיינע אויגן וואו א פלעמל אנגעצונדן;
שרייבעריש קאפעהויז, — כהנים ביי מזבחות,
גייט א פלאם פון זיי און שפרייט מיט שיכור׳דיקע ריחות,
ציט ער זיך צום פלאם, ווי א וואנדערער פון וועג פארמאטערט, —
גרויע ווענט, נאר פנים׳ער, ווי פאנען פון א ווינט צעפלאטערט;
טונקל ליכט, נאר העלע בליצנדיקע אויגן פול מיט גלויבן.
גרויסשטאט שרייט איר רוישנדיק געשריי אהער אויך דורך די שויבן.

נאָר דאָ צאַפּלט עס און דריבלט זיך אויף גאַמען,
שוועבן זיי, די גאַמען, שלאָגן אָן זיך און באַהעפטן זיך צוזאַמען,
ווערן שורות דאָ געבוירן און פון שורות ווערן לידער.
צאַפּלט דוד׳ס האַרץ זיך און די ליפּן מורמלען: — „ברידער, מײַנע ברידער“.

שרײַבעריש קאַפּעהויז, שטענדיק רויכיק איז דײַן לופט פון סיגאַרעטן,
אָבער אַרום דײַנע טישן ליכטיקן זיך פּנים׳ער און אויגן פון פּאָעטן.
וועלטן ווערן חרוב, נײַע וועלטן שטײַגן אויף דורך זייער כּישוף.
זייער וואָרט איז ווי ציגײַנערישער שײַטערפלאַם פאַר שויבן פון אַ זאַטן ישוב.
גילדט ער אום זיך דורך די נעכט און לאָזט די זאַטקייט אָפּט ניט שלאָפן, —
שײַטערפלאַם, אַ שײַטערפלאַם, עס ווערט אָפּט דוד׳ס האַרץ געטראָפן
פון דײַן פלאַם אויך אין די העלע טעג אינמיטן שאַפּגעפּילדער,
שטעפּמאַשינען רויש, דאַכט זיך אים ער איז דאָ אויף אָן אַרגיע אַ ווילדער.
מיידלאַך אויסגעבלייכטע, פאַרלייט אין כאַלאַטן און יונגע בויגיקע מאָדעלן, —
אַלע אייַלן זיך און דרייען זיך אין וואַקכאַנאַליע־טאַנץ אַ שנעלן, —
ווער־זשע איז דער גער, פאַר וועמען אַלע טאַנצן דאָ מה־יפית און הקפות, —
ער? אָ, ניין! דוד וואַרפט אַ בליק צום גרויסן דעסק, וואָס שטייט אין אָפּיס.
מיסטער ראָמי הערט ניט אויף פון זײַן ציגאַר דעם רויך צו בלאָזן.
— דוד, — רופט ער אים און זאָגט, — איך מוז נויאָרק פאַרלאָזן
אויף אַ ווײַל, געשעפט פאַרלאַנגט עס. וועסטו דאָ זײַן די וואַכטיקע אויגן.
דוד׳ס האַרץ טוט שטיל אַ צאַפּל, אַזאַ אומרו ווערט אויף אים פאַרצויגן.
שמייכלט מיסטער ראָמי. טראַכט, אַז דוד פילט זיך שטאָלץ
מיט אָט דער מיסיע.
לייגט ער ווייך זײַן האַנט אויף דוד׳ס אַקסל: — קינד מײַנס,
סײַ־ווי וועל איך אין דעמיסיע
גאָר אינגיכן אָנגעבן. ווער־זשע, אַז ניט דו, וועט אָט די שטול פאַרנעמען?
דוד׳ס האַרץ צעצאַפּלט זיך נאָך מערער: — הייסט עס, אָט פאַר וועמען
אַלץ אָט דאָ אַרום וועט טאַנצן. — פּאַפּאַ, — פרעגט ער, — מעג איך
אויף אַ ווײַל דעם שאַפּ פאַרלאָזן?
— זיכער, — ענטפערט מיסטער ראָמי. — און ער נעמט אַ רואיקער
דעם רויך פון זײַן ציגאַר צעבלאָזן.

אויפן קאַלענדאַר איז מערץ, נאָר סיון׳דיק אין דרויסן, טראַכט זיך דוד׳ן
פון בערג־האָטעלן, —

לעצטן יאָר אין אַט די טעג האָט ער געזוכט פֿאַר זיך שטעלע צו באַשטעלן:
— אַ פּאָר שעה אין טאָג צו קעלנערן, און דערנאָך מיט טינט און פֿעדער
אין אַ ווינקל!
וואָלט אַזוי געווען, ווי גוט וואָלט אים געווען. נאָר פּלוצלינג האָט געטאָן
פֿאַר אים אַ פֿינקל,
ווי אַ ליד אַ שיינס. — רייטשל, ליד פֿון מיינע לידער!
האָט ער אַמאָל געזאָגט און איצט אויך חזר'ט ער עס איבער ווידער־ווידער.
פּלוצלינג ווערט אים קלאָר, אַז ליד ווערט ליד, ווען עס קומט אַרויס פֿון פֿעדער.
גרויסשטאָט יאָגט פֿאַרביי אים, וואַרפֿנדיק מיט רויש פֿון אונטער רעדער:
— רויש־גערויש, אַוואו ביסטו געווען, איידער גרויסשטאָט
איז אויף רעדער אַנגעלאָפֿן?
לאַכט דאָס רויש־גערויש און ענטפֿערט: — איך בין אינם שוים
פֿון טויט געשלאָפֿן.

יענעם רעשט פֿון טאָג איז ער דערזעסן צווישן די קאָלעגן.
קיינער האָט זיך ניט פֿאַר'חידוש'ט, און קיינעם איז ניט איינגעפֿאַלן פֿרעגן
וועגן אומרו אויף זיין פּנים. נאָכמיטיק האָט זיך אינם רויך פֿון סיגאַרעטן
דאָ פֿאַרלוירן. נאָר דער רויך האָט ווי אַ פֿרויען־האַנט נישט אויפֿגעהערט
צו גלעטן.
אויף די ווענט אַן אויסשטעלונג פֿון יונגע מאָלער,
ניט חלילה צו פֿאַרקויפֿן, נאָר גלאַט אַזוי, אַ דיכטער קומט, טאָ זאָל ער
קוקן און באַטראַכטן. נו, מיניען זיך קאָלירן פֿון קינסטלער־הענט באַלעבטע
דורכן סיגאַרעטן־רויך אויף ווענט מיט ביליקן שפּאַליר באַקלעפּטע.
דוד שווייגט. דער גאַנצער עולם קומט אים פֿאַר, ווי אַ טאַבון ציגיינער.
ער איז צווישן זיי. געווען פֿאַרפֿרעמדט און איצט צוריק ביי זיינער.
פֿלאַקערן די שייטערהויפֿנס, ציען פֿלאַמען זיך און רויכן קנוילן זיך געדיכטער.
דוד פֿילט, אַז יעדער נערוו אין אים איז איצט צוריק אַ דיכטער.

אָוונט. דוד איז אַהיים געגאַנגען מיט ניט־איילנדיקע שפּאַנען.
אויפֿן ברייטן סקווער איז אויף אַ פּעדעסטאַל אַ הויכער מאָנומענט געשטאַנען
און געקוקט אויף גרויסשטאָט, וואָס האָט מיט ליכט זיך אָנגעצונדן,
נאָר גרויסשטאָט האָט אים ניט געזען, ווי ווער וואָלט איר די אויגן
מיט אַ טוך פֿאַרבונדן.
אינם רויש־גערויש האָבן שטילע פֿידל־טענער זיך גענומען וויגן.
דוד'ס האַרץ האָט אויפֿגעשריגן,

דערפילט, ווי שורות קומען אָן און שטעלן זיך אַליין צוזאַמען,
ווי קינדער קומען אָוונטצייט פון גאַס צו טאַטע־מאַמען.

יענער אָוונט־ברויט האָט זיך געצויגן אַזוי נודנע, ווי די דרשה פונם
ראַבאַי כינקאָוו
ביי דער חופּה אינם טעמפּל פון די אַנשי יאַרמאָלינקאָוו.
דינסטמיידל אין פאַרטוכל האָט לאַנגזאַם זיך באַוועגט מיט די געשירן,
און דער שווער אַזאַ ערנסטער האָט ניט אויפגעהערט די בליקן אומצופירן,
אויך די שוויגער קוקט אויף אים און טאַכטער אַ פאַרטראַכטע.
דוד האָט דערפילט זיך, ווי אַ מענטש ביי טיר אַ צוגעמאַכטע.
און דאָס עסן ציט זיך, ווי עס האָבן זיך די רגע׳ס פון דער
חופּה־צערעמאָניע געצויגן.
דוד זעט דעם טעמפּל פאַר די אויגן —
ליכט, און מענטשן, נאָר שטילקייט, ווי אַלע וואָלטן איבער זאַמד געטראָטן.
שוויגער פירט אים און די סטעזשקע איז מיט בלומען אָפּגעשאָטן.
און דערנאָך, — ראַבאַי כינקאָוו קעגן אים מיט פרומקייט פון אַ גלח.
דוד ציטערט אויף. ער איז יצחק און די בימה — די עקדה.
פּלוצלינג, זע, אַ מלאך
ציטערט ביי זיין זייט, — רייטשל נעמט זיין האַנט אין אירער.
אָרגל שפּילט און כאָר־געזאַנג און אַרום די אונטערפירער,
דאַמען מיט בוקעטן און מענער אין געשטרייפטע הויזן.
דוד קלאַמערט זיך אין רייטשל׳ען, פילט דעם דופט פון פרישע רויזן.
דאַכט זיך אים, אַז דאָס איז נאָר אַ שפּיל, — ער און זי האָבן
הויפּט־ראָלן באַקומען.
רייטשל פילט עס, גלעט זי זיינע פינגער: — דיייווי... מען וועט איבערקומען.
ציען זיך די רגע׳ס. — „דו האָסט מיך צוגעזאָגט צו ליבן״ —
זינגט אַ פרויען־קול און דערנאָך דער „ספּיטש״. — דוד פילט,
ער ווערט געטריבן,
ווי אַ שאָף איבער זאַמדן, נאָר פון וויטן ווינקט אַ פעלד מיט קאָנעשינע.
דוד וועקט זיך. אויפן טיש צעקלינגען זיך די טעלערלאַך, די דינע.
— וואָס־זשע? — רייסט דער שווער די שטילקייט איבער:
— דוד, ווייסט נאָך גאָרנישט, אַז?... — שוויגער וואַרפט אַריבער
בליקן פול מיט ליבשאַפט. דוד ציטערט אויף, הויבט אָן צו באַנעמען,
קוקט און הויבט זיך אינגליש אָן צו שעמען.

שפּעטער איז רייטשל׳ס קעפּל צו זיין האַרצן צוגעפאַלן:
— דייווי! — דוד האָט דערפילט זיך, ווי אַ פליג, וואָס איז אַריינגעפאַלן
אין אַ האָניקשאָל. אין מויל איז זיס, נאָר די פיס פאַרפּלאָנטערן זיך
מער און מערער.
אין דער קלעפּיקייט. — פון איין זייט דער באַשאַפער, אויף צווייטער
— דער פאַרצערער.
ביידע פירן אוים אַ ווילן, וואָס קיינער זעט ניט, נאָר מען הערט ניט אויף
צו שפּירן.
דוד צערטלט רייטש׳ען, און אינם שיין זעט ער — וועגן פירן
הין און הער.—וואוהין־זשע צילן זיינע טריט? — רייטשל רופט זיין נאָמען.
רייטשל איז דאָס פעלד, אין וועמענס איינגעווייד עס גייען אויף די זאָמען.
דוד צערטלט ווייך איר קאָפּ און קושט די אַקסלען אירע ווייסע, —
וואָס וועט זיין? נאָר דאָס איז שוין אַן אַנדער מעשה.

נאָכ'ן שניט

נאָכן שניט

נאָכן שניט פֿירט מען זעקלאַך ווייץ און קאָרן אין די מילן, —
דרייענדיקע פֿליגל פֿון אַ ווינט־מיל אין אַ ווינטער־טאָג, אַ שטילן
גיבן רו דעם מענטשנ׳ס אויגן, — זון פֿון בלענדנדיקע שנייען
שמייכלט צו די פֿליגל פֿון דער ווינט־מיל דורך זאַווייען.

פֿויערישע פֿערדלאַך מיט די מאָרדעס אין די האָבער־טאָרבעס
פּירקען אין דער לופֿט און ווייסע זעקלאַך מעל, ווי האָרבעס
איבער פֿויערישע פּלייצעס וויגן זיך פֿון מיל אַרונטער צו דעם שליטן, —
פּאָר פֿייגעלאַך פֿאַרבליבענע צעביסלאַך דאָ און דאָרטן זיך צעשיטן.

דער מילנער־יונג אין מעליק־ווייסן פּעלצל שמייכלט אַ דערפֿרייטער, —
אַ שיקסע קלעטערט אויף דער צווייטער זייט אַרויף צו אים, — דער לייטער
טרייסלט זיך, — „באַטקאָ“ אין קאַנטאָר מיט מאָס און וואָג פֿאַרנומען,
וועט ער נישט באַמערקן, וואו זיין מאַנקע איז אַהין געקומען.

שטיל און שאַ, — שניי און מעל גיסן זיך אין ווייסן בלענד צוזאַמען,
פֿליגל דרייען זיך פּאַמעלאַך, — וועלן גאַרנישט נישט פֿאַרזאַמען, —
ווינטער קומט ערשט אָן, — אַ פֿרישער שניי נעמט זיך צעשיטן,
בלענדן שנייעלאַך, ווי אָנהויב פֿרילינג אויף אַ בוים, די צוויטן.

מילן אויף די בערגלאַך זיינען, ווי די קוימענס איבער כאַטעס,
קוימענרויך און פֿליגלדיק געדריי לייגן גרויע לאַטעס
איבער ווייס־צעבלענדטן שניי און איבער רוים, דעם בלויען,
נאָר דאָס ביסל גרויקייט קאָן די ווייסקייט נישט פֿאַרגרויען.

וויים און שטיל, — די שיקסע איילט פון לייטער שוין ארונטער,
דער שניי עסט איין זיך אין איר שאָל, — איר פּנים רויט, ווי צונטער, —
מילנער־יונג איז שטאַרק, — די הענט ביי אים, ווי זשאַרנע־שטיינער, —
מאַנקע בייסט די רויטע ליפּ זיך איין מיט אירע ווייסע ציינער.

נאָכן שניט פירט מען וועקלאַך ווייץ און קאָרן אין די מילן, —
קינדער אין די כאַטעס שטיקלאַך פרישן פלעצל ווילן.
„מאַטקאַ" הייצט מיט שטיקלאַך האָלץ דעם אויוון, — מיט ווייץ און קאָרן
זיינען מאַנקע מיטן „באַטקאַ" לאַנג צוריק אין מיל אריין געפאָרן.

„מאַטקאַ" גרייט שוין פלעצלאַך פאַר דעם אויוון, דעם צעגליטן, —
שפּעט נאָכמיטיק גליטשט א פרייליכער צום טיר זיך צו דער שליטן, —
„באַטקאַ" רעדט, — ער האָט אזוי פיל צו דערציילן און צו זאָגן,
נאָר מאַנקע שווייגט, — זי וועט פון היינט א סוד אין הארצן טראָגן.

בלעטער

בלעטער פונם ווינט צעבלאָזטע
שאַרן זיך אויף דר'ערד און ווייען.
פייגעלאך אויף הפקר דאָ געלאָזטע
פליען, פליען מיט געשרייען.

גרויע וואָלקנס ציען, ציען, —
באַלד וועט זײַן אַ שטורעם.
אייגעלאך פון קינד צעגליען,
עס צעווײַנט זיך פון יסורים.

פייגעלאך און דאַרע בלעטער,
זאָגט פון וואַנען און צו וועמען?
גאָט אין הימל, — וואַכט ער, וועט ער
אײַער עלנד דאָ פאַרנעמען?

אויף די גאַסיקע קאַנאַלן
קערט און קערט אַ גאַסן־קערער, —
פייגעלאך ווי בלעטער פאַלן,
שרייען שוין נישט מערער.

אין רויך פון ליולקע

אין רויך פון ליולקע קומען אָפּטמאָל זאַכן דיר אין זינען,
זון פאַרוואַרפט אַמאָל אַ שטראַל אויך אויף רואינען, —
ווער זשע האָט עס דאָ צעטיילט די וועלט אויף קאָנטינענטן?
אָט זע איך גאַנדי'ן פון די ווייטסטע ווייטן לעבן מיר איצט אַ צעבלענדטן.

אַ פאַרענדיקטער אַקאָרד איז מער נישט, ווי אַ שטריך פון אַ קאַפּיטל,
דער צוועק ווערט דערנצטמאָל שיין, ווען שיין איז אויך צו אים דאָס מיטל.
אַ קלינגענדיקער גלאָק איז אָפּטמאָל נישט אין האַנט פון וועקער,
אַ ליגן צוליב אמת מאַכט דעם אמת אויך פאַר שקר.

די שווערד, דער סערפּ, — זיי ביידע אין דעם זעלבן פלאַם געגליטע,
די שווערד, דער סערפּ, — זיי ביידע פון דעם זעלבן שטאָל געשמידטע, —
די שאַרף פון סערפּ ברענגט ברויט און חלה אין די שטיבער,
די שאַרף פון שווערד ברענגט טויטע פאַר די גריבער.

דער חונף בינדט דיר אויס דעם שניפּס און גלעט דיר אויס די קלאַפּן,
נאָר איידער ער פאַרלאָזט דיך, שאָדט נישט זאָלסט די טאַשן זיך באַטאַפּן,—
פאַר גנב איז דער שלאָס, פאַר גזלן — פּויסט, און פאַר די היפּאָקריטן, —
זיי האָט דער קלוגער מלך שלמה נישט דערקאָנט און נישט פאַרמיטן.

אַן ענגלישער פּאָעט האָט זיך באַקלאָגט: „דער ים איז פול, צו טרינקען,
נישט אַ ביסל!“
די בעסטע יויך ברענגט איבל דיר פון אַ פאַרשמוצטע שיסל, —
שוין בעסער דריבלדיק געקלאַפּעריי אויף פּויק פון פּראָסטע פינגער,
איידער די מוזיק פון בעטהאָווען אין מויל פון פאַלשן זינגער.

ווער עס באָדט זיך אינם ים, ווער עס וואַשט זיך אין אַ וואַנע, —
אַ מענטש, וואָס איז נישט, וואָס ער איז, איז ווי אַ באַס, וואָס רעדט
אויף אַ סאָפּראַנע.
אויבן מילך און אונטן מילך, נאָר די אויבערשטע איז בעסער,
ווער עס גלוסט נאָך מאַרצעפּאַנעס איז נאָך נישט קיין פרעסער.

טריסק טרינקט וואַסער פון די קוואַלן און ניו־יאָרק פון קראַנען,
איידער שלעפּן זיך צו־פוס איז בעסער פאָרן אין די באַנען.
אין רויך פון ליולקע קומען מאָדנע זאַכן דיר אין זינען, —
ווער ס'האָט גאָרנישט נישט פאַרלוירן, וועט גאָרנישט נישט געפינען.

שטיי נישט דאָ און גיי נישט דאָרט, — שילדרן זאָגן אָן, — „פאַרבאָטן", —
ווערים ווייסן נישט דערפון און אויך אַזוי די קראָטן.
ווערים פויזען אין דער ערד און פייגל פליען אין די רוימען, —
איך האָב ליב אַ רויך, וואָס שלענגלט זיך פון קוימען.

קליינע שטיבער, גרויסע שטיבער, — אַ רויך גייט אויף פון די פאַבריקן, —
די מאַמע בעט מיך אין אַ בריוו, כ'זאָל אויף פסח געלט איר שיקן, —
איך האָב געזייט, און האָב געשניטן, איצטער קוק איך אויף די סטויגן, —
אין רויך פון ליולקע זעט מען מאָדנע זאַכן פאַר די אויגן!

די קאַסע און דער סערפּ

די קאַסע בליצט און שווינגט,
דער סערפּ פון זון צעגליט.
מיט שטילע, לייכטע טריט
קומט אָן די פרייד און זינגט
א ניי און מוטיק ליד.

א ליכטיקייט אויף אַלץ
און אַלעמען צעשפּרייט.
דער שניטער איבער פעלדער גייט
און ברויט און פרוכט און זאַלץ
פאַר אַלעמען פאַרגרייט.

די קאַסע און דער סערפּ —
קלינג־קלאַנג! קלינג־קלאַנג!
מיט הילכיקן געזאַנג
ארום די פולע קערב, —
קלינג־קלאַנג! קלינג־קלאַנג!

ביסט הונגעריק, קום עס!
דו האָסט דאָך עס פאַרזייט, —
גיי אויף מיין גרויסע פרייד
און זינג צום גרויסן נס,
וואָס איבער אונז געשייט.

נישט אומעטיק איז מיר

נישט אומעטיק איז מיר צו זיצן איצט מיט זיך אליין דא אויף מיין שוועל,—
שטיקלאך פון פארגאנגענהייטן טראגן זיך פארביי, ווי קינדער אויף
א קארוזעל.
זיי פאכען אינם לויפיקע געדריי מיט די יונגע, קליינע הענט צו מיר, —
א זומערדיקער אוונט אין מיין שטעטל,—איך שטיי מיט ביילקע יונה'ס
בא דער טיר
פון אן אפגעווייסטער שטוב, וואס קוקט מיט שטילקייט צום מארק און וועג,
א גרויסע זילבערנע לבנה זילבערט פון דער הויך און זאגט: מע מעג!
נאר מיר ביידע באהאלטן זיך אין שאטן און שרעקן זיך פאר דער לבנה,
מיר ווינטשן, אז א וואלקן זאל זי איבערדעקן, — עס איז דאך א סכנה
צו שטיין דא אט־אזוי־א, ווי מיר שטייען,—דעם גבאי'ס מיידל און
דעם חזנ'ס זון,—
מארגן וועט דאס גאנצע שטעטל נישט אויפהערן צו ריידן שוין דערפון!

עך, ביילקע יונה'ס! — וואו איז זי אצינד? אויף לאנגן וועג איז זי
אהינטער מיר געבליבן,—
אנומלטן האט מיר א חבר מיינער א פאר שורות וועגן איר אין א בריוו
געשריבן:
„א גרוס צו דיר פון ביילקע'ן, זי איז די זעלבע, ווי געוועזן און וואוינט
מיט אונז דא הי,
זי איז נאך יונג און שיין און דאס פייערל צו דיר איז אלץ אין זעלבן גלי.“—
נישט אומעטיק איז מיר צו זיצן דא אויף מיין שוועל,—
דער פרילינג איז אוועק, נאר זומערדיקע זון שיינט איבער מיר נאך העל.
עך, ביילקע יונה'ס! — אט שטייט זי מיט דעם בליטשקען שאלאכל אויף
אירע אקסל שמאלע

און ווי אַ שוישפּילערין, אַן אומדערפּאַרענע אין אַ נייער, שווערער ראָלע
רעדט זי צו מיר אויף רוסיש פון אַננאַ ווערביצקאַיאַ'ס אַ „גערויאינע“,—
די נאַכט איז זומערדיק און הייס, — עס שמעקט די לופט מיט קאָנעשינע.

די שויבן פון די שכנה'דיקע שטיבער זיינען אויסגעלאָשענע און בלינדע,
נאָר שטויב פון מאַרק דערזעט און זאָגט אוים סודות,—אויף מאָרגן איז די אַלטע הינדע
געזעסן באַ דער שוועל פון איר לערן קלייטל און געקרעכצט: „אַז ווי די יאָרן,
דעם חזנ'ס זון און גבאַי'ס מיידל,—נו סאַראַ וויסטע וועלט עס איז געוואָרן!“
אַזוי האָט זי געקרעכצט, און עמיצער האָט אויף בית־מדרש טיר אַ צעטל אויפגעהאַנגען
און ביילקע יונה'ס מיט דעם חזנ'ס זינדל זיינען שוין נאָך דעם געווען געפאַנגען,
ווי פייגל אין די שטייגן,—עך,טריסק! עס קלינגט מיר, ווי אַ בייקע שוין דיין נאָמען,
נאָר טיף אין מיר לעבט נאָך אַלץ דיין פרומער זאָג: „ברוך הו ושמו ואמן“
פאַר יעדן ביסל צער און פרייד, וואָס ווערט מיר דאָ אין גרויסנויאָרק געגעבן,—
די אויגן מיינע צו דעם היינט, די פיס נאָך אַלץ אין נעכטיקע געוועבן!

ווי לאַנג, אַז איך האָב שטעטל אויף דער גרויסשטאָט אויסגעביטן?
אויך דאָ אין גרויסנויאָרק האָבן ביילקעס מיינע טירנשוועלן נישט געמיטן,—
זומער־אָוונטן אין צענטראַל־פּאַרק און ווינטער אין די שמאָלע קאָרידאָרן,
עס ציען פיינלאַכע און פריידיקע, ווי קינדער אויף אַ קאַרוזעל, די דורכגעלעבטע יאָרן,
נאָר העל, צעהעלט איז ביילקע, בליטשקען שאַלאַכל אויף אירע אַקסל שמאָלע,—
אָט שטייט זי און זי רעדט, ווי אַ שוישפּילערין אין אַ נייער שווערער ראָלע,
די ווערטער רוסישע, נאָרוואָס אַרויסגעלייענט פון עפּעס אַ ראָמאַן, צי אַ נאָוועלע,
זיי גייען אויף אין זילבערדיקן אָוונט אַזעלאַכע געלייטערטע און העלע.

עך, ביילקע יונה׳ס! עך, שטיבלאך איינגעפאלענע מיט שייבלאך
אויסגעלאשענע און בלינדע! —
מיין חבר האט מיר אין א בריוו געשריבן, אז עס לעבט נישט מער
די אלטע הינדע.

נישט אומעטיק איז מיר צו זיצן איצט מיט זיך אליין דא אויף מיין שוועל, —
שטיקלאך פון פארגאנגענהייטן טראגן זיך פארביי, ווי קינדער אויף
א קארוזעל,
זיי פאכען אינם לויפיקן געדריי מיט יונגע קליינע הענט צו מיר, —
אמאל, אמאל איז דא געווען א זינגענדיקער פרילינג און איצט איז זומער
בא מיין טיר,
ערגיץ זיינען ברייטע פעלדער אויסגעשפרייט מיט זאנגען נאך נישט קיין
געשניטענע,
סטאיעס פייגל פליען אום פון הונגער נאך נישט קיין געליטענע.
קערנער אין די זאנגען זיינען דא געגוג, וועלן שפעטער מילן מעל פון זיי
צעמאלן
און באנען וועלן זיך צעיאגן פארביי הויכע בערג און דורך די טיפסטע טאלן
צעפירן מעל און באקן וועט מען ברויט און חלה און אויך פלאדן,
עס איז די ערד מיט אלדעם גוט פאר אלעמען באלאדן.
פרילינג, זומער,—פאר הערבסט און ווינטער וועט געגוג אין שייער בלייבן, —
איך וועל קיין טריסק צו ביילקע יונה׳ס היינט אזוי פיל אין בריוול שרייבן!

דורך מיין פענצטער

דורך מיין פענצטער, —
רויטע, בלויע פייערן.
שויבן צינדן זיך, צעגליען זיך
דורך מיין פענצטער
צו א פריינט א טייערן
שטרעקן מיינע הענט און ציען זיך.

דורך מיין פענצטער —
רייען, רייען, רייענווייז
מענטשן איילנדיקע, גייענדיק.
דורך מיין פענצטער —
שעה'ן, שעה'ן, שעה'נווייז
דיך אליין נאר זעענדיק.

פּייערדיקע פֿייגל

אַ סטײַע פּייערדיקע פֿייגל
אויף אַ שפּיציק־הויכן מויער,—
אַ דאַמע וואַרפֿט אַ שעלמיש אייגל
בײַ אַ ברייט צעפֿראַלטן טויער,—
העי, גרויסע פּייערדיקע פֿייגל,
וואָס איז היינט מײַן טרויער!

די פֿייגל רייסן זיך צו פֿליען,
נאָר בלײַבן אויפֿן מויער,
דער דאַמע׳ס בליקן ציען, ציען
צו דעם ברייט־צעפֿראַלטן טויער, —
העי, פֿייגל, — מײַנע קניען
ציטערן פֿון טרויער.

פֿייגל, אָוונטשײַן און דאַמען,
טראָטואַר איז אַ צעגליטער,
אַן אָפּגאַט שפּילט זיך דאָ מיט פֿלאַמען,
ווי אַ קלאָון, אַ געניטער,—
אודאי איז אין שוים בײַ מאַמען
זיכערער, געהיטער.

פֿון הינטער ברייט־צעפֿראַלטן טויער
ריגלען זיך די ריגל,
די פֿייגל רייסן זיך פֿון מויער,

פּאַטשן מיט די פליגל,—
אַ מענטש וועט היינט זיין טרויער
פאַרטרינקען בא אַ קריגל.

די דאַמע מיטן ווינקענדיקן אייגל
איז פאַרשוואונדן פונם טויער,
אַ הונט צונויפגעדרייט זיך, ווי אַ בייגל
קוקט אָן מיך מיט באַדויער,—
העי, גרויסע פייערדיקע פייגל,
וואָך איז היינט מיין טרויער!

דער ברייט-צעפּראַלטער טויער
האָט זיך שוין פאַרריגלט,
די פייגל צוגעשמידט צום מויער
כאַטש זיי זייִנען ברייט באַפליגלט,—
דער מענטש צום וואַכענדיקן טרויער
איז אויף אייביק שוין פאַרזיגלט.

איך וואַרט נאָך אַלץ

איך וואַרט נאָך אַלץ אויף דײַנע פאַכענדיקע פליגל,—
עס זײַנען אויף די טירן מײַנע אויפגעריגלטע די ריגל,
און ווען סטו קומען וועל איך דיר אַנטקעגן לויפן,—
דאָס קלײנגעלט, וואָס איך האָב אויף שיך צו קויפן
איז נישט אין פּײַער־קאַסע הינטער שווערע שלעסער
און דאָס געווער, וואָס איך פאַרמאָג איז בלויז אַ מעסער
אויף שנײַדן שטיקלאַך פון מײַן ברויט און חלה
פאַר דיר און אים, פאַר זיך אַלײן און אויך פאַר אַלע,
וואָס טוען הונגעריקע מײַנע שוועלן איבערטרעטן,—
איך האָב אין שטוב צוויי אויסגעבעטע בעטן,
איז אַרט מיך נישט, אַז שלאָפן וועלן מערער,
איך האָב סײַ־ווי נישט ליב צו שלאָפן אין אַ שטוב אַ לערער.

איך וואַרט נאָך אַלץ און אײביק וועל איך וואַרטן,—
דער בעטלער אויף דער גאַס מיט שטיקל ברויט פאַרדאַרטן
וואַרט נישט גיריקער פון מיר,—איז ווען זשע ווען סטו קומען ?
דאָס גאַנצע האָב און גוטס האָבן זשעדנע הענט פאַרנומען
און היטן דאָס דורך טעג און נעכט הינטער אײַזנשטאַנגען,—
די זשעדנע הענט! — ווען זײ וואָלטן געקאָנט וואָלטן זײ פאַרהאַנגען
אַ פאָרהאַנג איבער זון, לבנה און די שטערן,—
עס איז זײ נישט גענוג פון שאָף די וואָל צו שערן,
זײ נעמען מיט דער וואָל די שער און שאָף צוזאַמען,—
איך האָב אַמאָל געהערט אַ מעשה פון מײַן מאַמען
און נישט פון מלך מיט דער מלכה און אויך נישט פון דער ציג, דער ווײַסע,
ביז הײַנט געדענק איך גוט אָט יענע מעשה.

פון דעם ווייטסטן, ווייטסטן לאַנד נאָך ווייטער, ווייטער
געקומען איז אויף אַ באַפּליגלט פערד אַ רייטער.
זיין פּנים יונג און אַרום שטערן רעגנבויגנקרייזן
און האָט געטיילט פאַר הונגעריקע אַלע בעסטע שפּייזן.
עס זיינען זיינע קלימקעס אָנגעפּאַקט געווען און שווער באַלאָדן
מיט קאָרן־ברויט, מיט ווייסע חלה און מיט פּלאָדן
און אין זיין גוטסקייט האָט ער געטיילט אַ גלייכן חלק יעדן איינעם,
אַ ברויט צו דעם, אַ ברויט צו יענעם, פאַרטיילט האָט ער נישט קיינעם.
און ווען דער רייטער איז צוריק אַוועקגעריטן
האָבן אַלע נאָך פאַר יאָרן לאַנג פון ברויט פאַר זיך געשניטן,—
אַט מיט אַזאַ מין מעשה האָט מיין מאַמע מיך פאַרוויגט אין וויגל,—
איך וואַרט נאָך אַלץ אויף דיינע ווייסע פאַכענדיקע פליגל.

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן פאַר די קליינע לידער מיינע וועגן!
ביז איצטער זיינען זיי געוואַקסן איבער אַלע מיינע וועגן, שטעגן
און איך האָב זיי געקליבן, געצערטלט און געפּיילט און אָפּגעהיט, —
אָ, וויפיל וויסן דען ביי אונז, וואָס עס מיינט אַזוינס אַ ליד!
אַ גראַם, אַ שטראַם, אַ וואָרט מיט אַ וואָרט, — וואָס קאָנען ווערטער געבן?
איך לעב דורך אין די לידער מיינע דאָס שאַרפסטע פון מיין לעבן.

אַ פּויער, אַז ער זאַמלט איין דעם שניט צו זיך אין שייער,
ציילעמט ער זיך און ער ווינטשט זיך, אַז אַזוי ווי היי־יאָר
זאָל אויך דער קומענדיקער זומער באַשערן אים זיין שטיקל ערד
ברויט פאַר דער משפּחה און היי פאַר זיינע קי און פערד,
ציילעמט זיך און ווינטשט זיך און בויגט דערביי דעם קאָפּ
פאַר אַלע הייליקע, וואָס האָבן נישט פאַרשעמט אים מיט קיין גאָב.

דערנאָך זעצט ער זיך אויף דער פריזבע פון זיין כאַטע
און לאָזט די אויגן זיינע פאַלן שטום און טאַמעוואַטע
צום פעלד, דעם אָפּגעשניטענעם, — די זון איז קיל אַצינד,
די ביימער שאָקלען זיך און רוישן, — אַ פייכטער ווינט
רייסט אָפּ די לעצטע געל־פאַרוועלקטע בלעטער פון די צווייגן, —
דער פּויער קוקט אויף אַלץ מיט טאַמעוואַטן שווייגן.

דער הארבסט? וואָס אַרט אים דען דער הארבסט! אַז פול דער שייער,
האָלץ איז דאָ גענוג, וועט אינם אויוון פלאַקערן אַ פייער
און וואָרעם מאַכן אויפן פּעקעלאַך די שטיינער, —
דער פרילינג און דער זומער האָבן אויסגעמאַטערט זיינע ביינער,
וועט ער אין ווינטער־צייט זיך אויסרוען די גלידער, —
דאָס ווייב וועט פלעצלאַך באַקן און זינגען שיינע לידער.

אזוי־אַ טראַכט אַ פּויער נאָכן אָנזאַמלען דעם שניט אין שייער, —
עס טרעפט זיך אויך אַמאָל, אַז אויפן זין קומט אים אַ פייער,
וואָס צינדט דאָס שטרוי אָן אויף אַ דאַך און צערט, פאַרצערט,
וואָס דורך אַזוי פיל מאַטערניש עס גיט פון זיך אַרויס די ערד;
איז דענסטמאָל כאַפּט אים אָן אַ שרעק, — ער ציילעמט פרום זיך פאַרן בורא
און מיטן ציילעמען זיך שווינדט צעבּיסלאַכווייז פון אים די מורא.

אַ קרעמעניע איז דאָ און דאָ איז אויך אַ שטיקל היפּקע,
זיצט דער פּויער אויף דער פּריזבע און ער רויכערט זיך די פּיפּקע,
און אינם רויך הויבּט ער אָן דעם טשאַפּרעדיקן קאָפּ צו וויגן
אויף דעם וואונדער פון דער ערד, וואו אַזוי פיל זאַפטן ליגן
פאַר קאָרן און פאַר ווייץ, — גענוג פאַר פייגל צו פאַרצערן,
גענוג פאַר אים און ווייב און קינדער צו דערנערן.

דער פרילינג און דער זומער מער נישטאָ און האַרבסט איז שוין פון הינטן,
נאָך האַרבסט קומט ווינטער אָן מיט פרעסט און קאַלטע ווינטן,
נאָר וועמען אַרט עס! — עס איז דער שנייאיק־ווייסער אַלטער
אויך שיין, ווען ער איז נאָר מיט זונשיין אַ צעשטראַלטער, —
אַזוי־אַ פּילט ביים אָנזאַמלען דעם שניט פון פעלד, דער פּויער, —
כּל זמן דער שייער פול, ווייסט דער פּויער נישט קיין טרויער.

און איך? — מיין זומער איז דאָך נאָך איינגאַנצן נישט פאַרגאַנגען,
אויף מיינע פעלדער וויגן זיך אין זונשיין נאָך אַזוי פיל זאַנגען, —
זיי וואַרטן ערשט אויף שניט, ווי וואָל פון שאָף אויף שערער,
איך וועל נאָך אין שייער מיינעם ברענגען מער און מערער,
און דאָס וואָס איצט? — עס איז אַ חלק בלויז פון מיינע בליטן,
דאָס רייפסטע פון מיין פעלד האָט מיין קאָסע נאָך נישט אָפּגעשניטן.

נאָך ציען זיך פאַר מיר די וועגן, פאַר מיינע אויגן, — נייע האָריזאָנטן.
עס ציט נאָך אַלץ מיין זעגל־שיף פון דעם באַקאַנטן צו דעם אומבאַקאַנטן,
דער טראָט נאָך יונג, דער אָרעם שטאַרק און גיריקע די בליקן, —
עס וועט נאָך גאָט אַ פרישן שפּריי איבער מיינע פעלדער שיקן
און וואַקסן וועט נאָך ווייסער ווייץ און זאַפטיק ברוינער קאָרן, —
מיין וואָגן איז געפאָרן און געפאָרן און איז צום ברעג נאָך נישט דערפאָרן.

פּאַרוואָס־זשע אַזאַ אומעט אין מײַן האַרצן? — עס ציטערן די פֿינגער,
איך האָב אַ שווערן קאַרב אַראָפּגעלאָזט און אויף מײַן רוקן איז נישט גרינגער,
איך האָב דעם ערשטן טייל, ווי אויפֿגאַב הײַנט געבראַכט צו מיר אין שייער,
נאָר פֿאַר די אויגן מײַנע צעטומלט זיך אַזאַ ווילד־צעברויזט פֿלאַם־פֿײַער,
וואָס יאָגט פֿון דאַך צו דאַך אַריבער און צערט, פֿאַרצערט,
דאָס ביסל האָב און גוטס, וואָס איך האָב אויפֿגעזאַמלט פֿון דער ערד.

איך ציילעם זיך נישט פֿאַר קיין הייליקע, ווי עס טוט דער פּויער,
שווינדט דערפֿאַר פֿון מיר נישט, ווי בײַ אים, אַוועק דער טרויער, —
מײַן האָב און גוטס? — איך צאַפּל איבער דעם און ציטער. —
אַ בוים אין פֿעלד אַליין בײַם אָנקום פֿון אַ שווער געוויטער
ציטערט אויך, כאָטש זײַנע וואָרצלען טיף אין גרונט אַרײַנגעשלאָגן, —
זאָל נאָר דער פֿלאַם זיך אויף מײַן שייער נישט דערטראָגן!

איך ווייס, עס זײַנען מײַנע קערב פֿון זייד נישט אויסגענייט,
קיין פֿייגעלאַך קיין גאָלדענע האַלטן נישט אויף זיי די פֿליגל אויסגעשפּרייט
און פּיפּטשען נישט מיט דינע קוילאַכלאַך קיין ראַפֿינירטע טענדלאַך, —
עס ווייען אויך נישט איבער מײַנע קערב קיין פּלאַטערדיקע פֿענדלאַך,
מיט לאָזונגען, וואָס זאָגן אָן, דערציילן און צעקלינגען,
דערפֿאַר איז פֿרוכט אין זיי, וואָס אַז מען עסט זיי, מוז מען זינגען.

פֿון עסן מיט געזאַנג וואַקסן מענטשן אויס געזונטע, רויטע,
פֿייגל האָב איך שטענדיק ליב געהאַט, נאָר נישט קיין טויטע, —
שוין בעסער פֿייגל אומעטיקע אין אײַזערנע פֿאַרמאַכטע שטייגן
איידער פֿייגל גילדענע אויף קערב די זיידענע אין שווײַגן, —
נעכטן האָט אַ פֿויגל אָפּגעשטעלט זיך אויף מײַן קוימען,
פֿאַרגרויט פֿון רויך, נאָר ליד האָט זיך צעטראָגן אין די רוימען.

איך ציילעם זיך נישט פֿאַר די הייליקע, ווי עס ציילעמט זיך דער פּויער,
שווינדט דערפֿאַר פֿון מיר נישט, ווי בײַ אים, אַוועק דער טרויער, —
אַ קרעמעניע פֿאַרמאָג איך אויך און אויך אַ שטיקל היפּקע,
איך צינד מיט ברענענדיקע פֿונקען אָן מײַן פּיפּקע
און אינם רויך הער איך אויך דעם קאָפּ נישט אויף צו וויגן
אויף דעם וואונדער פֿון דער ערד, וואו אַזוי פֿיל זאַפּטן ליגן.

די זאפטן פון דער ערד? — צי וועל איך זיי נאָך אויפנעמען, פאַרדייען?
מאָרגן וועל איך נייע קערנער איבער ברייטן פעלד פאַרזייען, —
איך האָב זיי אזוי פיל, איך הער זיי אין מיין בלוט נאָך יערן, —
אוי, דער וואָס האָט באַשערט, וועט ווייטער נאָך באַשערן, —
מאָרגן וועל איך מיט אַ ניי געזאַנג ארוים דעם האָריזאָנט אַנטקעגן, —
גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן פאַר די קליינע, נייע לידער מיינע וועגן!

אינהאַלט

אינהאַלט:

זייט

הילע — ג. קאָזלאָווסקי
פאָררעדע — מ. ל. האַלפּערן

ערשטע אָפּטיילונג:

דער באָרוועסער — 5
אַן אַנדערער — 7
פייערווערק — 8
סאַקאָ און וואַנזעטי — 9
זעער טויזנטאויגיק — 11
דאָאיק־נישטאָאיק — 12
נישט אַלץ — 13
רייד מיט משה לייב'ן — 14
אַ מענטש אַזאַ — 16
מיר אַמעריקאַנער — 18
אידיש — 22
הייליקע זייער — 24
מיר — 25
אונזערע שפּראָצן — 26
משה לייב האַלפּערן — 27
מאַני לייב — 29
יוסף ראָלניק — 30
צום דיכטער מיט דער גענדזענער פּען — 31
אימאָרטעל — 32
צו אייך — 33
נאָך יהואָש'ס לויה — 34
דער פּאָעט — 35

צווייטע אָפּטיילונג:

לחיים — 41
מיין שטעטל — 42
חיה רבקה — 44
ר' אברהמ'עלע טריסקער — 46
אַ שבּיי־מענטש — 47
אַ קו — 48
אין מיינע לידער — 49
דער מאַמע'ס ניגון — 50
מאַמע — 51
בים־באַם — 52
די בלינדע פּאַנע — 54
ר' משה איציק'ס — 55
נאָכאַלעמען — 57
גוט און אומעטיק — 58
שיקסעלאַך און גענדזעלאַך — 59
אַ שטילער וועג — 60
אַ דאָרף — 61
הייליקע בילדער — 62

זייט

קאַרטאָפליעס מיט דער שאָל — 63
אַ גילדן פישל — 64
גוט מאָרגן — 65
מלכה די ראַדאָוויטשער — 66
חעי, אַלטעטשקער — 69
נו זע — 70
נישט ציטער — 71
דער קלויסטער, דער פּאַפּ — 72
איוואַנציע מאַזעפּוך — 74
די מציאה — 77

דריטע אָפּטיילונג :

דורות — 85
מיין בענקשאַפט — 86
דאָס לאַנד — 87
ווי גרויס עס זיינען דיינע וואונדער — 88
אין מדבר זינגט דער בעדואין — 89
אַ מיראַזש — 90
באָם כרמל — 91
אַזוי איז דאָס געווען — 92
נס ציונה — 93
ירושלים — 94

פערטע אָפּטיילונג :

ראַטמיאַ — 109

פינפטע אָפּטיילונג :

נאָך גוט — 123
שלאָף איין און שוויג — 124
וואָלקנס — 125
ווי וואונדערלאַך — 126
דער טאָג שטאַרבט אָפּ — 127
מו־חו — 128
נאָך אַ רעגן — 129
אַמאָל און אַמאָל — 130
טעפּיכער — 131
נאַכט וועט קומען — 132
אילוזיע — 134
זונשיין — 135
דער צער פון ווערן אויס — 136
מאַטאַ־האַרי — 137
טרויער — 138
איכה — 139
צו אַדלי גוטע יאָר — 140
פון ערגיץ ביז ערגיץ — 143
אוי, אָט די רייד — 144
די שעה, וואָס איז דאָ — 145
דיינע אַכטצן יאָר — 146
פאַר דיר — 148

זייט

סכנה — 149
וואָס דאַרף איך דען — 150
רו — 151
זינגענדיק — 152
טויבן — 153
צו דיר — 154
דויט — 155
גרויע, פאַרלאָזענע שטיינער — 156
קינדער גלויביקע — 157
די געגנט דאָ — 158

זעקסטע אָפּטיילונג:

גילדענער האָן — 161
אַ אינגעלע — 163
אין אַ שטרויען וויגעלע — 164
פאַרוואָס — 165
האָדעלע — 166
לייזער — 167
מינעלע די דינע — 168
בערל — 169
באַנקע די ציגאַנקע — 170
שמילקע מיט דער פילקע — 171
חוה — 173
עטל אין בעטל — 174
אַ קינדער־ביכל — 176
פרילינג — 178
אייגנס און אייגנס — 179
די האַלבע לבנה — 181
קיצל־קעצל — 182
אַ געזאַנגל — 184
די ברידער מיינע — 185
זומער — 186
האַרבסט — 187
גרעזעלאַך — 188
העזל אויפן גראָז — 189
וועווריקלאַך — 190
שטורעם — 191
טרעט נישט אויפן גראָז — 192
אוי, מיידעלע — 193
ווינטער — 194
סוף ווינטער — 196
שניי־טאַנץ — 197
אַ פאַסטוכל, אַ טרוימער — 199
די מעשה מיטן נעגערל און שלעגערל — 200
צוויי ברידער — 201
קוקורייקו — 202
קעניג ווינטער — 204